STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09288

OPGEZUNGENE TEG

Chaim Pett

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פעט:

אָפּגעזונגענע טעג

דערציילונגען

אַרויסגעגעבן פון מחבר
און מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד
ניו יאָרק 1947

Copyright, 1947, *by*
CHAIM PETT
U. S. A.

געדרוקט ביי שולזינגער ברידער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.
253

א י ן
ל י כ ט י ק ן
אָ נ ד י י נ ק
מ י י ן
ב ר ו ד ע ר
ב ע ר ל

אינהאַלט

I

אויסגעגעבן די מיזינקע — — — — — — 9

זיין ווייטע רייזע — — — — — — — — 15

געדונגען דעם סאָד — — — — — — — — 19

שלעכטע גראָז — — — — — — — — — 22

פשוטע אידן — — — — — — — — — — 28

דער מענטש מיט דער טאָרבע — — — — 33

דער צדיק — — — — — — — — — — 43

ביי די ברעגן פון ניעמאַן — — — — — 46

אַטלעטן — — — — — — — — — — — 63

II

אַ הון — — — — — — — — — — — — 69

דער פאַרחלומטער סטאָליער — — — — 73

מאַן און ווייב — — — — — — — — — — 76

דאָס לעבן פון אַ קאַץ — — — — — — 79

דער פעליקאַן פויגל — — — — — — — 85

צוויי ביימער — — — — — — — — — — 90

דער טאָפּל — — — — — — — — — — 94

פיר ביימער — — — — — — — — — — 97

אין שטורעם — — — — — — — — — —99

III

מאָביליזאַציע — — — — — — — — — 103
צוואַנג־אַרבעט — — — — — — — — 106
מיר זיינען אַנטלאָפן — — — — — — — 111
דורך נעכט — — — — — — — — — 114
דריי דורות — — — — — — — — — 126

IV

איבערן ים — — — — — — — — — 133
איטשע דער קאַפּיטאַן — — — — — — — 140
אַ פאַרליבטע מיידל — — — — — — — 143
אַ פאַרשעמטער אָנבייסן — — — — — — 146
געטריבן פון בענקשאַפט — — — — — 149
מחותנים — — — — — — — — — 159
אויף אַ פאַרם — — — — — — — — — 162
סיגאַרעטן — — — — — — — — — — 165
אַ וועלט אין צימער — — — — — — — 173
אַ גערעטעוועטער ברודער — — — — — 177
אַ יונגער מחבר — — — — — — — — 190
אַן אַקטיאָר — — — — — — — — — 194
די פרעמדע מיידל — — — — — — — 197
דער ערשטער קונד — — — — — — — 200
אַן אָפּגעזונגענער טאָג — — — — — — 203
שליאַכן און סטאַנציעס — — — — — — 210

I

אויסגעגעבן די מיזינקע

פייוול האָט אַרויסגענומען דעם שבת׳דיקן מאַנטל פון שאַפע, אויסגעשפרייט אים אויפן טיש.

— שיינע־ריווע, וואָס זאָגסטו אויפן בגד? שוין באַלד דרייסיק יאָר נאָך אונזער חתונה און דער מלבוש קוקט אויס ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַראָפּ פון שניידערס טיש.

— ס׳איז דערפאַר וואָס די סחורה איז אַן אויסלענדישע און געצאָלט האָט מען פינף רובל אַן אַרשין.

— אויך דאָס געניי האָט אַ סך צו זאָגן... איטשע, זאָל ער זיין אָפּגעשיידט פון אונז, האָט געהאַט גאָלדענע הענט.

שיינע־ריווע האָט אַריינגעטאָן אירע קורצזיכטיקע אויגן אין מאַנטל. זי האָט דעם בגד געקערט אויף אַלע זייטן און אַ סמאַצקע געטאָן מיט די ליפּן:

— אַ גאָלדענע קרוין וואָלט ביי דיר געוואַרן שוואַרץ ווי אַ קוימען. דו ווייסט ניט ווי צו שאַנעווען אַ שבתדיקן בגד. די לאַצן אויפן קאָלנער איז פול מיט פעדערן. די קנעפּ אויסגעדרייט, די אַרבל פאַרשמאָדערט. אַ שיינער מחותן וועסטו זיין צו אונזער מיזינקע אויף דער חתונה!...

— נעם אויף טשיקאַוועס אַרויס מיין ראַטאַנדע. זי בליאַסקעט ווי אונטער דער חופּה...

פייוול האָט אַנגעקוקט זיין ווייב. ער האָט זיך געררויטלט, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער געהאַלטן אַז זי איז גערעכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָפּגעדרייט דעם בליץ־לאָמפּ, אויפ־געזוכט אַ שערבל און אָנגעגאָסן אין דעם שערבל נאַפט. אין דעם נאַפט געטונקט דאָס האַרטע בערשל, געריבן איבער די גרינע פלעקן פון די לאַצן. די פעדערן פון קאָלנער האָט ער אויסגעקליבן מיט די פינגער. דעם קאָלנער האָט ער גערייניקט מיט אַ קעמל און אַ דינער בערשטל און גרינג געפירט די האַנט איבער דעם בלויען האָ־

ריקן סאַמעט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעטראָגן דעם מאַנטל אין דרויסן, אים אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט פון זיין שטוב קעגן דער זון. דער מאַנטל האָט אים דערמאָנט אָן זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ חתן. דעמאָלט האָט דער מאַנטל איינגעדעקט זיינע שטאַרקע, יונגע ביינער. און געלעגן איז ער אויף אים ווי אויף אַ טאָק.

ווי די יאָרן האָבן זיך אַ קייקל געטאָן! שוין אַלע קינדער אויסגעגעבן. איצט גיט ער אויס זיין מיזינקע זיסל. זי איז געראָטן מיט אַלע ברעקעלעך אין דער מאַמען.

נישטאָ וואָס זיך צו שעמען. שיינע־ריווע איז געווען דאָס שענ־סטע מיידל אין שטעטל. ער האָט גענוג אָפּגעשלאָגן די שוועלן ביי בײַני דעם רימער. דער טאַטקע אירער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט איינמאָל ניין! עס געפעלט אים ניט פּיוול דער שמיד, וואָס עסק׳ט זיך טאָג און נאַכט מיט פּויערים און פערד. האָט אים אָבער גע־האָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זי גענומען אויף אַ שפּאַציר צו דער ציגעלניע, האָב איך געזען אַז זי וועט זיין מיינע. זי האָט מיך „אָפּגעבאַקן" מיט איר קוקן אויף מיר... און איך האָב אויסגעזונגען דעמאָלט אויפן שפּאַציר אַלע גוישע לידער...

— פּיוול! פּיוול וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, ווי אַ וואָראָנע? ס׳איז געציילטע שעה׳ן... מאַך אַ צעטל וועמען בעטן צו דער חתונה. דאָס מאָל האָב אויך ניט אַזאַ קאַצענעם קאָפּ. האָסט מיר גענוג איינ־געשאָפט שונאים מיט אַלע אונזערע קינדער, זאָלן זיי געזונט זיין. אָבער ביי אונזער מיזינקעלע וועט שוין אַזוי ניט גיין. איך וועל דיר העלפן אויסשטעלן דאָס צעטל. דערווייל כאַפּ זיך אַריבער צו דער חברה כלי־זמר, גיב זיי האַנט־געלט, זע אויף וואָס פאַר אַ וועלט דו שטייסט מיט די שיכורים. אין אויסלייזונג, זיי דערפרייען מיט זייער שפּילן. זיי זיינען דער גאַנצער צימעס פון אַ חתונה. אָבער מיר ווילט זיך ניט ריידן אויף זיי קיין שלעכטס, ווען גאָט האָט מיר געהאָלפן אַז איך מאַך חתונה מיין מיזינקע. זיסל איז אַ אידישע טאָכטער, וואָס אויף איין שאָל דאַרף מען לייגן גאָלד און אויף דער

צווייטער זי. און איר חתן דוד! ער איז מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אַ מענטש אָן אַ גאַל, שיין ווי די וועלט. און זיסלען קוקט ער אין די אויגן. ער וועט זי טראָגן אויף די הענט. זי וועט האָבן אַ גרינג לעבן, ניט ווי איך ביי דיר.

פּיזול האָט איר פאַרשוויגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף שיינע־ריוועך, מיט אַ לייכטן שמייכל און מיט פאַרשייטער פאַרב אין די באַקן... פּיזול איז אַרויס פון זיין שטוב. מיט געמאָסטענע טריט איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס. אויפן וועג האָט אים אָפּגע־שטעלט זאַוול דער סטאָליער.

— פּיזול, וואָס זייט איר אַזוי פאַרטראַכט? איר דערקענט שוין ניט קיין מענטשן?

פּיזול האָט אָנגעקוקט זאַוולען מיט פריידיקע אויגן:

— וואָס שייך, איך גיי פאַרטראַכט. ס׳איז שווער איבערצוגעבן די פרייד, ווען מען גיט אויס אַ לעצט קינד. (כאָטש אויך אומעט האָט זיך געטראָגן דורך פּיזולס אויגן). פאַרגעסט זשע ניט קומען צו דער חתונה... ווי צעמישט איך בין — פאַרגעסן אייער נאָמען, זייט מוחל.

— זאַוול!

יאָ, זאַוול! אויפן שפּיץ צונג געלעגן. אַ וואונדער וואָס איך געדענק מיין אייגענעם נאָמען. קומט מיט דער ווייב און קינדער. עס וועט זיין אַ חתונה כיד המלך. איך גיי דאָס איצט באַשטעלן די כלי־זמרים.

ווען פּיזול איז געקומען צו זיך אַ היים, האָט ער ניט דער־קאָנט זיינע אייגענע פיר ווענט. די פענצטער באַהאַנגען מיט גע־בלומטע אָנגעקראָכמאַליעטע פאַרהאַנגלעך, וועלכע האָבן זיך גע־הוידעט פון לייכטקייט. פון אַלע טישלעך איז צוזאַמענגעוואַקסן גע־וואָרן איין לאַנגער טיש, פאַרשפּרייט מיט סערוועטן, געגרייט מיט לעקעך און בראָנפן. דאָס איז געווען אַ פאַרשפּיל צו דער גרויסער, רחבותדיקער סעודה. אויך זיין ווייב שיינע־ריווע קוקט אויס ווי אַ געענדערטע, אָן אויסגעפּוצטע, אין אַ לאַנגן אַטלעסנעם קלייד, מיט

אַ שלייף. אינגער געוואָרן שיינע־ריווע. ער וועט איר אַ קוש טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

שיינע־ריווע האָט אים אָבער אויפגעוועקט פון זיינע נאַרישע רעיונות:״

— פּיוול, וואָס שטייסטו אַזוי פאַרמוח׳ט? וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער, ס׳איז דאָך באַלד די חופּה. שיין וועט זיין אַז מען וועט דאַרפן וואַרטן מיטן באַדעקנס, מיט דער חופּה, אויפן מחותן.

ער איז מקנא שיינע־ריוועס ניכטערקייט. ווי זי האָט אויף אַלץ אַ קאָפּ. ער האָט זיך אָגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צו שיינע־ריווען, איר אָנגענומען פאַר די הענט און איר איינגערוימט אַ סוד אין אויער: וואָס מאַכט זיסעלע אונזערע?

שיינע־ריווע איז אָפּגעטראָטן, זיך באַהערשט און פון אירע האַרבע רייד, וואָס זיינען שוין געווען אויפן צונג, האָט זי ווייך אַ זאָג געטאָן: גיי אַדרבא, אַריין אין קאַמער און קוק אָן מיט דיינע אייגענע אויגן וואָס פאַראַ שיינע כלה אונזער מיזינקע איז. זאָלסט דריי מאָל אויסשפּייען, ווען דו וועסט אַרויסגיין פון קאַמער. קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַדן...

פּיוול האָט אָנגעקלאַפּט פּאַמעלעך אין טיר פון זיסלס קאַ־מער. ווען עס האָט זיך געעפנט די טיר, איז ער געבליבן שטיין אויפן שוועל. עס האָט אים געשווינדלט אין די אויגן פון די ווייסע קליי־דער, וואָס זיסלס חברטעס האָבן געטראָגן. די פאַרפיומען האָבן גע־קיצלט אין נאָז און ס׳האָט זיך אים געדרייט לייכט דער קאָפּ. ער האָט זיך פאַר אַ ווײַלע געפונען ווי אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. זיסל האָט אים אַרומגעכאַפּט, אויסגעקושט זיין פּנים. אויף זיינע גליענדיקע באַקן האָבן געפייכט און געקילט זיסלס טרערן.

אַרויס איז ער שיכור פון קאַמער, זיך געוואַקלט געטאַפּט פאַר אַ ווײַלע די ווענט.

ער איז גיך צו זיך געקומען. ער האָט זיך געוואַשן, צעקעמט די באָרד, אָנגעטאָן אַ זיידענע רויטע פּאַטשײַלקע אַרום האַלז. דער־נאָך האָט ער אָנגעטאָן זיין שבת׳דיקן מאַנטל. ער איז געווען לויז אויף אים. אָבער פּיוול איז געווען צופרידן מיט דעם בגד: בעסער

ווי היינטיקע נייע. דער נאָפּט האָט אויסגעגעסן די פלעקן און דער ווינט האָט פאַרטריבן דעם ריח. ווען ער האָט אָנגעטאָן דאָס נייע היטל, איז ער צוגעגאַנגען צום שפּיגל: נישקשה, נאָך אַ שיינער מחותן פּיוול! האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן אויפן קול.. און ווען ער וועט צוטראָגן די אָפּגעשפּאָרטע פּופציק רובלביים דרשה־געשאַנק, וועט זיין שיינע־ריווע וויינען פאַר פרייד... און די מחותנים זיינע וועלן זיך אַ וויג־טאָן פון די פּלעצער, און זיי וועלן זיך סודען איינע מיט די אַנדערע.

דער העלער קול פון אַברהמל דעם כלי־זמר׳ס טראָמפּייט האָט אים אויפגעוועקט פון די רעיונות. דאָס האָט אַברהמל געפּרואווט זיין כלי. עליע און נחום האָבן שטיל צוגעהאָלפן אויף די פידלען.

נאָכן באַדעקנס איז פּיוול מיט שיינע־ריווען אַריין צו זיסלען אין קאַמער. זיסל האָט זיך אויפגעשטעלט פון ברייטן שטול.

אונטער דעם דורכזיכטיקן, ווייסן, לאַנגן וואוּאַל האָבן אירע פריידיקע פאַרוויינטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף טאַטע־מאַמע פאַר־שעמט...

זיי האָבן מיט לאַנגזאַמע שטילע טריט אַרויסגעפירט די מי־זינקע אויפן גאַס. די דריי מוזיקאַנטן האָבן אויפגעשפּילט דעם חופּה־מאַרש. דאָס גאַנצע געסל איז געוואָרן פול. אָנגעפּאַרענע מחותנים האָבן געטראָגן אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. די כלי־זמרים האָבן אַזוי לעבעדיק געשפּילט דעם חופּה־מאַרש, אַז פּיוול האָט געטראַכט ער וועט זיי באַצאָלן עקסטרע. ער האָט זיך אויך געפרייט, וואָס די וועטשערע מיט דער דרשה־געשאַנק צערעמאָניע וועט פאַרקומען ביי אים אין הויז. דאָ האָט זיך זיין זיסל אויפגעהאָדעוועט, און דאָ טאַקע איז איר חתונה.

אונטער דער חופּה האָט פּיוול באַטראַכט דעם חתן. זיין אידענע איז גערעכט: די גוטסקייט און קלוגשאַפט רעדן אַראָפּ פון זיין פּנים.

ווען עס האָט אַ פּלאַץ געטאָן דאָס גלעזל און מזל־טובס האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן אונטערן פרייען הימל, האָט זיך פּיוול איינ־געטוליעט אין שיינע־ריווען... געקושט אויף איר ציטערדיקן מויל. מחותנים האָבן זיך גענומען ביי די הענט. מחותנת׳טעס האָבן זיך

געהאַלזט, געוואונטשן... פון דער חופה איז מען שוין געגאַנגען שנעל און צעוואָרפן. מיט טומל און גערייד, און די דריי מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט אַן אומעטיקן מאַרש. פּיוּולען האָט זיך געדוכט, אַז די צוויי פידלער ריידן אויף די סטרונעס. אַחוץ אַברהמל מיטן טראָמ־פּייט: ער גייט ניט אַראָפּ פון גלייכן וועג.

ווען פּיוּול איז אַריין צו זיך אין שטוב, האָט ער זיך דערפילט אי ווי אַ הערשער, אי ווי אַ פרעמדער.

אַרום גרויסן געדעקטן טיש איז מען געזעסן קאָפּ אויף קאָפּ. פון אַלע קאַמערן זיינען די טירן געווען הפקרדיק. אויף אַלע בעטן איז מען געזעסן.

פּיוּול האָט אויסגעטאָן דעם אויבערשטן בגד, אָפּגעוויקלט דעם רויטן שאַל פונעם האַלז. ווען ער האָט זיך אַרומגענומען מיטן ברייטן לאַנגן פּאַרטעך, האָבן שוין די געסט און מחותנים אים דערזען.

— רב פּיוּול, איר האָט עפּעס אַ פרישן קוילעטשל?

— מחותן! גיט נאָך הערינג, ס'איז צוקערקעס? — און וואָס איז מיטן שטילן דעם דאָרשט?

פּיוּול האָט זיך געלאָזט דינען. ער איז געלאָפן אַהין און צוריק אין קיך, זיך געסוד'עט מיט שיינע־ריוון...

דערנאָך האָט מען צענומען די טישן און די מחותנים פון חתנס צד און די מחותנים פון דער כלהס צד האָבן געטאַנצט. און די געסט האָבן צוגעטופּעט מיט די פיס, געוועקט די כלי־זמר: פריילעכער! לוסטיקער! שלאָפט ניט! און ווען זיי האָבן אַ שפּיל געטאָן אַ קאָזאַ־טשאָק האָט מען געמאַכט אַ וואַרע פאַר די פיר מחותנים. פּיוּול האָט איינגעשפּאַנט זיין דרך־ארץ, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, געלאָזן טאַנצן דעם מחותן, מיט דער מחותנתטע. און פון זייער גוטן אַלט־מאָדישן קאָזאַק האָט פּיוּול געלערנט אַז זיסלס מאַן איז אַ בריה'ק.

אַ צווייטן — קאָזאַק שפּילט אויף! — האָט מען צוגעגעבן קו־ראַזש די כלי־זמר... און שיינע־ריווע מיט פּיוּולען מיט רויטע טיכ־לעך אין די הענט האָבן נידעריק צו דער ערד געקליבן דראָבנע די טריט.

ווען פּיוּול איז אַריין אין ברען און אַ סך הענט האָבן צוגע־

פאַטשט, האָט דער עולם זיך צעשטעלט אויף די בענק. מען איז גע־האַנגען איינס אויפן אַנדערן. ווען שיינע־ריווע האָט זיך אַרויסגע־שלאָגן פון די כוחות, האָבן זיך די פידלען איינגעשטילט. אָבער פייוול האָט זיך נאָך געהויבן און גענידערט האַלטנדיק בײדע פּאָלעס צעשפּרייט ווי פליגלען. אַברהמלס טרומפּייט האָט אים געוועקט...

ביזן גרויסן טאָג האָט מען געהאָפּקעט אין קאַראַהאָדן, און שער־טענץ.

און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען איבער די דעכער, זײנען די געסט און מחותנים זיך צעגאַנגען, אויך זיסל מיט איר מאַן זײנען געזעסן אין וואָגן צוגעטוליעטע, פאַרבלאָסטע.

דער וואָגן האָט זיך גערירט, איז שיינע־ריווע מיט פייולען נאָכגעגאַנגען.

לעבן דער ציגעלניע האָט בעריש דער בעל־עגלה זיך אויפ געזעצט, אַ פּאַך געטאָן מיט דער בייטש איבער זיינע „אָדלערס״. די רעדער האָבן געשריען אין זייער קייקלען זיך. דאָס יונגע פּאָרל האָבן געפּאָכעט מיט די הענט, געצויגט זייערע יונגע קעפּ. נאָר דער זומערדיקער שטויב און די ווייט האָבן זיי געטונקלט און געהילט.

און פייוול מיט שיינע־ריווען זיינען געגאַנגען צו זייער שטוב פול מיט פרייד און צער, שווייגנדיקע, איינגעוואַקסענע איינס אין אַנדערן — ווי איין מענטש. — — —

זיין ווייטע רייזע

וואָס אַן אַלטן נאַר קען איינפאַלן: אינמיטן דער נאַכט צו וועקן. וואָסי? — אים האָט זיך עפּעס געפּליעשטשעט.

מייטע האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן: שלאָף, אייזיק, שלאָף!

מיט מיר איז ניט גוט, שוין געקומען דער סוף.

— זע נאָר ווי עס איז דאָס אָפּגעפּיינט. ציטעריק אַ ביסל.

זי — אַן אויפגעקנייטשטע, האָט זיך געשאַרט אין דער פינצטערער שטוב. האָט אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע אַן וואַנט. אַ פייערל האָט אויפגעהעלט, איבערגעשפּאָלטן די נאַכט און זיך פאַרלאָשן. דער אַלטינקער זיינען די שוועבעלעך אַרויסגעפאַלן פון די הענט. ניט קיין גוטער סימן, האָט זי געטראַכט.

— מייטע! מייטע! ס'איז ניט גוט, — האָט ער געקרעכצט, די שוועבעלעך ווילן ניט ברענען.

— קינדערלעך מיינע ליבע, ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, „אַן אַלטער איז ווי אַ קינד". טאָמער צינדט זיך ניט אַן אַזוי גיך אַ שוועבעלע, עקט זיך שוין די וועלט!

זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. האָט מיטביידע הענט פאַרשטעלט די שלייפן, געקוקט אויפן וואַנטזייגער; שווערע וואָג זיינען אַראָפּגעהאַנגען אויף מעשענע קייטלעך. דער זייגער איז געווען נאָך עלף צו צוויי.

די אַלטינקע האָט געוואַשן די הענט אַן די שויבן. האָט זיך פאַרקוקט אין דרויסן. פינצטער ווי אין אַן אויער. די גאַנצע וועלט שלאָפט נאָך.

— ער איז משוגע, דער אַלטער, ניט אַנדערש! אַזוי פאַקורטעווע איך דאָס פאַר אים אַ לעבן־לאַנג.

—מייטע! מייטע! — האָט ער גערופן.

— איך גיי, משוגענער, איך גיי!

מייטע איז צוגעגאַנגען מיטן לאָמפּ אין האַנט. זי איז געבליבן

שטיין דערשראָקן. ער איז געלעגן פאַרדעקט ביזן האַלז מיט דער קאָלדרע. דאָס פּנים איז אים געווען געל ווי אַ מער. די אויגן אָפן, שטייענדיקע, תמעוואַטע. די באָרד לאַנג, אויסגעשפּרייט ווי אַ בעזים. די הענט אויסגעצויגן איבער דער דעקע מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פינגער.

— וואָס איז דיר, אייזיק?

— כ׳ווייס ניט. געקומען דער סוף, ווייזט אויס.

— ווייז נאָר אַ קוק די צונג.

ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג, אַ טרוקענע און ווייסע ווי אַ פּעלץ.

— מיט וואָס האָסטו זיך דאָס אָנגעפּאַקט, דו אַלטער נאַר?

— ווער האָט היינט אין מויל געצומען, וואָס געגעסן.

זי האָט זיך אַיינגעבויגן, צוגעלייגט איר נאָז צו זיין שטערן. זי האָט געפילט אַ קאַלטקייט און אַ וואַרעמקייט צוזאַמען. זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין צי איר נאָז איז קאַלט און זיין שטערן וואַרעם, צי פאַרקערט.

—דיר טוט ווי דער קאָפּ?

ס׳טוט מיר אַלץ ווי — האָט אייזיק געצויגן זיין קראַנקן קול

— ניט גוט! מייט־ע — ניט גוט! ניט גוט!

— זע נאָר ווי ער פּיעשצעט זיך דאָס. אַ נאָווינע מען ווערט אַ ביסל ניט געזונט? דאַרף מען דאָס מאַכן אַזאַ מינע? אַלעמאַי איך גיי אַרום שטענדיק אַ קראַנקע. אַ צעבראָכענער שאַרבן. פונדעסט־וועגן, שאַ, גאָרניט. איך וועל דיר צולייגן אַ טיכל מיט עסיק צום קאָפּ. נאַ דיר אַ קנאָבל, עס אים אויף, וועט דיר אַראָפּגיין די נודנאָסט פון האַרצן. אפשר איז דאָס ניט אַמאָל ווערים?

— ווערים, שמערים! נאַרישע אידענע וואָס דו ביסט. זעסט ניט, איך גיי אויס. איך עק זיך. וויפל איז דער שיעור? איך בין שוין איבער ניינציק. מען לעבט דאָך ניט אייביק. נאָר זעסטו, מייטע: עס ווילט זיך זען די קינדער, די אייניקלעך, איידער איך גיי אַוועק אַהין. זאָלן זיי זיין געבענטשט. גלייך אויפן פרימאָרגן זאָלסטו זיי

למען השם טעלעגראַפירן, אַז זייער טאַטע שטאַרבט. זיי וועלן קומען. נישקשה. זיי האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייער טאַטן.

ער האָט זיך פאַרכליפּעט ווי אַ קינד. געווישט די באָרד מיט ציטערדיקע הענט. ער האָט אונטערגעלענדט די הענט אונטער זיין פּלייצע. ער האָט זיך געהויבן פּאַמעלעך, מיט זיכערקייט. איבער זיין פּנים איז איבערגעגאַנגען אַ ליכטיקייט. נאָר אינמיטן אויפהייבן זיך, איז ער געבליבן אָן מאַכט. ער האָט איינגעלאָזן די הענט און איז אַראָפּגעזונקען אין די קישנס. זיין פּנים האָט זיך פאַרכמורעט. ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן. די גרויסע ברעמען האָבן געשטאָכן שטאַר. ער האָט רוגזהדיק געקרימט דאָס מויל.

— אייזיק! אייזיק! ווי איז מיר. לאָז זיך אַזוי ניט אָפּ. וואָס איז מיט דיר?

זי האָט אים אָנגענומען פאַרן האַנט. זיין האַנט איז געלעגן אָפּן, אָן מאַכט, נאָכגעלאָזן. האָט זי אים פאַנאַנדערגעשפּילעט מיט ציטערדיקע הענט דאָס העמד; דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געהויבן אַרויף און אַראָפּ. זי האָט אים אָפּגעדעקט די פיס. זיי זיינען געווען קאַלט און בלוי ווי מילך.

— אייזיק, אייזיק, וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַגן? זאָל איך צוגיין אויפקלאַפּן דעם אַפּטייקער? אפשר גאָר פאַדרעווסקען?...

— וואָס אַפּטייקער, פעלדשער, דאָקטאָר! זיי וועלן מיר אַריינשטעלן אַ ניי האַרץ? אויסגעדינט! אַלט. פאַרפאַלן. מען רופט אַהין אַהין.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי שטיל איינגעשלאָפן.

די אַלטינקע האָט אָנגעטאָן די שיך, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די פּאַטשיילע און שטיל געעפנט די טיר. זי האָט זיך געיאָגט אייניקע אַליין אויפן גאַס, ווי עס וואָלט איר אַ יונגער אימפּעט געפירט פאַר דער האַנט. זי האָט געקלאַפּט ביי איין שכן, ביי אַ צווייטן, געוואַרט ביז וואַנען מען האָט אָנגעצונדן פייער. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין דעם גאַנצן וועג.

ווען זי איז אַריינגעפאַלן צוריק אין שטוב, איז שוין דאָרט געווען פול מיט מענטשן. פון די פענצטער האָט אַריינגעקוקט יונג

דער טאָג. אַלע זײנען געשטאַנען אַרום אײזיקס בעט, שטילע, פֿאַרכ־טיקע. מײטע איז צוגעלאָפֿן צו אײזיקן, זי האָט אים כמעט ניט דער־קענט, אַן אַנדערער, פֿאַרטאָן ערגעץ. די אויגן מיט פֿאַרהױבן־דינע װײסלען האָבן זיך בלויז געזען. דאָס מויל פֿאַרשלאָסן.

— אײזיק! אײזיק! די קינדער װילן דיך זען. זײ װילן מיט דיר רײדן. ענטפֿער! עפֿן אויף די אויגן!

ער האָט פֿאַמעלעך געעפֿנט די אויגן, ברײטער, ברײטער. גע־קוקט אויף אַלעמען מיט גוטסקײט, מיט פֿאַרגעבונג.

פּלוצלונג האָט ער משונה אַ געשרײ געטאָן:

— מײטע! מײטע! נעם אַרויס דעם מעסער בײ מיר פֿון אונ־טערן קישן.

מער האָט ער ניט גערעדט. שטילער, שטילער איז זײן האַרץ געװאָרן, ביז ער איז אײנגעשלאָפֿן װי אַ פֿײגעלע.

געדונגען דעם סאָד

נחמן האָט זיך באַוויזן פרי אין פרעמדן שטעטל, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין סעדער. די סעדער האָבן אַריבערגעשפּיצט די הויכע צאַמען, פאַרטונקלט די גאַסן.

נחמן האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם טייסטער אין בוזעם־קעשענע, געציילט דיביימער, געוואויגן אין דער מחשבה וויפל פּודן פּרוכט אַזאַ סאָד קאָן אַרויסגעבן.

זאָל אים נאָר גאָט צושיקן אַ אידן וואָס לאָזט זיךריידן.

און באַלד האָט ער טאַקע אָנגעטראָפן אַ נידעריקן דאַרן אידן פאַרשליסנדיק דעם טויער פון סאָד. —

— גאָט העלף אייך, רב איד! האָט נחמן כמעט געזונגען אים געקוקט גליקלעך אין די אויגן.

— שלום־עליכם, האָט דער סאַדאָווניק אים אָפּגעמאָסטן. ניט־קיין היגער?

— כל ישראל חברים! האָט נחמן זיך געקליגט מיט אַ פּסוק.

— געקומען קויפן? פאַרקויפן? האָט אים דער סאַדאָווניק קורץ געפרעגט...

— געקומען דינגען אַ סאָד! אויב ביים וועג. עס זאָל זיך באַצאָלן פאַר דער טרחה...

דער סאַדאָווניק האָט אַרויפגעקוקט צו דעם הויכן נחמן, און גלייך געלערנט, סיי פון זיין הילוך, סיי פון זיינע רייד, אַז דער איד ווייס גאָרניט וועגן פּרוכט־ביימער. און ער האָט אויף אים רחמנות געהאַט.

— איר קענט אָנקוקן מיין סאָד. איר וועט דאָך ניט אָפּבייסן אַ בוים...

אָפּגעשלאָסן דעם טויער, איז דער קליין אידל אַריין פריער.

— ביימער זיינען ווי קינדער, מען דאַרף זיי אָפּהיטן. איר זעט די נידעריקע ביימער, אויף זיי וואַקסן עפּל, כל־ערליי סאָרטן.

אַנטאָנאָווער עפּל צייטיקן פּרי, פאַרשמעקן די וועלט. און שיין זיי־נען זיי ווי יונגע מיידלעך מיט רויטע באַקן. דער טעם לייכט־ווייניק. דער סאָק רינט איבער די ליפּן. אויף די שמאָלע הויכעביימער וואַקסן באַרנעס. אויך פון כל המינים: צוקראַוווקעס! באַלד, באַלד, וועט מען קענען מאַכן שהחיינו... פאַנעס מיט דינע טאַליעס גוט אויף טריקענען. שעצן ווי קולאַקעס קענען ליגן אַ גאַנץ ווינטער. אויך סאַפּוזשאַנקעס! מען טוט אַריין די ציין, גיסט זיך האָניק אויפן גומען... די ביימער מיט די קליינע בלעטלעך זיינען פלוימען־ביי־מער! ערשט אַכט יאָר פאַרפלאַנצט זיי. אַ סאָד גיט דעמאָלט גוטע פּרוכט, ווען עס געפינען זיך אַלערליי ביימער...

— וויפל ביימער האָט איר אין אייער סאָד? האָט שוין נחמן זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט.

— ווער עס פרעגט, בלאָנדזשעט ניט. נאָענט צו הונדערט.

— וויפל, אַ שטייגער, גיט אייך אַ בוים אין אַ געראָטענעם יאָר? איז שוין נחמן געוואָרן מוטיק.

דער סאַדאָווניק האָט געלאַכט אויף אַ קוויטש. — פאַרוואָס פרעגט איר שוין ניט וויפל געלט איך האָב אין קאַסע? און ער האָט ווייטער גערעדט: יונגע ביימער זיינען ווי יונגע מענטשן מיט אַ סך כוחות. זייערע וואָרצלען אַרבעטן טאָג און נאַכט. זיי גיבן פּרוכט וואו נאָר אַ פּאָר בלעטלעך... איך וויל דריי קאַטערינעס! אַ פּרוטה ניט ווייניקער.

נחמן האָט אויף גיך געטראַכט, גערעכנט און ער איז געווען זיכער, אַז דער סאַדאָווניק נאַרט אים ניט...

— אָבער איידער איר גיט מיר די געלט זאָג איך אייך האַרב: קיין פּרוכט זאָל ניט אַראָפּגענומען ווערן פאַר דער צייט. די ביימער טאָר מען ניט טרייסלען. אויך ניט אַריינפאָרן מיט פערד און וואָגן. מען פאַרטשעפּעט אַמאָל מיט אַן אַקס אַ בוים. אַ פערד האָט אַ טבע צו גריזשען די קאָרע. אַ בוים דאַרט ווען די קאָרע איז אָפּגעשיילט. פּרוכט־ביימער זיינען איידלע באַשעפענישן. די וואָרצלען ליגן צו־געדעקט מיט ווייניק ערד. אַ וואָגן מיט רעדער קאַליעטשעט זיי.

חיים פעט

נחמן האָט אַרויסגעכאַפּט דעם טייסטער, געגעבן האַנט־געלט.ביידע אידן האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. און אין זייערע אויגן איז ניט געווען די פרייד פון מסחר; ס׳איז געווען די שמחה פון אַ נייער פריינטשאַפט...

שלעכטע גראָז

צו זאַוול דעם גביר איז יודעלע דער שוסטער איצט געלאָפן מיט זיין גאַנצער זשוואָוועקייט. ער האָט גיך געקליבן די פיס, ווי אַ וואָראָבייטשיק. ביים שוועל איז יודעלע געבליבן שטיין, האָט זיך אַ קאָם געטאָן די רויטע באָרד, און אויפקלייבנדיק זיין גאַנצע ווער־דע, האָט ער אָן עפּן געטאָן די טיר.

זאַוול איז אים אַנגעקומען אַנטקעגן, שטוביק אַנגעטאָן אין דער וועסט, אויף וועלכער ס׳האָט געשימערט, ווי פון פייער אַ קיי־טעלע. די ווייסע אַנגעקראָכמאַליעטע אַרבל פון דער אויבערהעמד האָבן געבלענדט יודלען די אויגן.

— נו, וואָס זאָגט איר יודל אויף מיין פּלאַן? — קומט אַריין אין זאַל. — איר וועט דאָך טרינקען אַ גלעזל טיי אַוודאי?...

יודל האָט זיך געררויטיקט; ער האָט ניט געוואוסט, זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון דער גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים. די פּאַרע וואָס האָט לייכט אַרויסגעדעמפּט פון גלאָז, האָט אים פאַר־שמעקט ביז שיכרות, און דאָס צוקער האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרבאַהאַלטענער זיסקייט.

יודל האָט נאָך יעדן זופּ טיי אָפּגערוט, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס צו ווייזן דעם גביר, אַז ער איז זייער פאַרטאָן אין זיינע רייד; צווייטנס האָט ער געוואָלט ווייזן, מיט זיין אָפּרוען זיך נאָך יעדן זופּ טיי, אַז כאָטש ער איז אַן אָרעמער שוסטער, ווייס ער זיך ווי צו באַגיין אין אַ גבירישער הויז!...

זאַוול האָט געקנאַקט די פינגער פון זיינע פּוכקע הענט, האָט ער גערעדט: עס קומט מיר ביי אַ גוי עטלעכע רובל. ער האַלט אינגאַנצן ביי פאַרלאָזן דעם דאָרף, וויל ער מיר געבן אַ קו. מען זאָגט ס׳איז אַן אַנטיקל! אַ יונגע מיט דער ערשטער קאַלב... זי פאַרגיסט מיט מילך! — איך וועל זי אייך אָוועקגעבן פאַר קרן־געלט. איר וועט מיר צוביסלעכווייז אויסצאָלן. — וואָס זאָגט איר

יודל, ס'איז ניט קיין שלעכטער פלאַן האַ!!... — עס וועט זיך אייך באַצאָלן אין אַלע אופנים. זומער לעב קאָסט דאָך דאָס אַ חוזק... עס גייט אַוועק אויף פּאַשע, איז אַבי געזונט — די איינציקע אַרבעט — מעלקן זי דריי מאָל אַ טאָג...

זאַוול האָט אַ שמייכל געטאָן פאַר זיין אייגענער גוטסקייט, וואָס איז אים איינגעפאַלן צו טאָן מיט יודלען. — אויף איבער ווינטער גרייט מען זיך אָן אַ פּאָר וועגעלעך היי. — איר וועט דאָס קענען האַלטן ביי מיר אויפן בוידעם.

ווער וועט אייך דען זשאַלעווען? און פאַרגעסט ניט וואָס וועט ווערט זיין דאָס מיסט, וואָס זי וועט אייך אָנשטיין איבערן ווינטער. — איר וועט אויסמיסטיקן אייער גאָרטן, וועלן וואַקסן גוטע, גע־ראָטענע אוגערקעס. — און זאָגט מיר אָקאָרשט, וואָס וועט ווערט זיין, וואָס אייער ווייב וועט ניט דאַרפן לויפן אַלע אינדערפרי אין דער גויאישער גאַס נאָך אַ גלעזל מילך. — ס'וועט זיין ווי זאָגט מען, גאָטס גאָב און אייגענע פּראַצע!...

יודעלע איז געזעסן האַלב צעעפנט דאָס מויל. מיט צעלויכטענע פייכטע אויגן, איינגאַנצן צענומען פון גבירס רייד. זאַוול האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, אַרויפגעלייגט זיינע פּוכקע הענט אויף יודלס אַקסלען — אַזוי איז דאָס יודל! פון מאָרגן אָן וועט איר ווערן אַ נייער בעל־הבית. — קומט איצט מיט מיר אין שטאַל, די קו האָב איך שוין ביי מיר.

יודל איז נאָכגעגאַנגען זאַוולען מיט שטילע טריט. אַפילו אין שטאַל האָט יודל באַמערקט, אַז עס איז „פּאַגעווירסקאָמו"... דער שטאַל איז געווען ברייט און הויך אויסגעבעט טיף מיט ווייכע שטרוי. אַ פערד אַ שוואַרצער, אַ גלאַנציקער, איז געשטאַנען צוגעבונדן מיט אַ קייט צו אַ „זשאָלאָב". דאָס פערד האָט גיך מיט זיינע פערדישע ליפּן אַרויסגעקליבן דעם האָבער פון דער שעטשקע; ער האָט דער־ביי האָפּערדיק געפירקעט מיט די נאָזלעכער. ביי דער זייט פון פערד איז געלעגן שווער מיט אונטערגעלייגטע פיס אַ ווייסע בהמה, מיט אַ שוואַרצן פלעק אויפן שטערן, אירע שפּיציקע הערנער האָבן זיך אָנגעשטאָכן אָן וואַנט. זאַוול האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן און זי

אָנגערופֿן ביים נאָמען „בעלקאַ״! די בהמה האָט זיך אַ מאָרדעווע געטאָן, מיט קוראַזש זיך אַוועקגעשטעלט. יודל האָט מעשה מבין אָפגעמאָסטן די בהמה... ער האָט געקוקט אויפן אייטער, פון וועלכן ס׳האָבן זיך אָפגעטיילט, ווי פיר גומענע פלעשלעך. זיי זיינען געשטאַנען שטייף, ראָז און אָנגעטרונקען מיט מילך.

יודל האָט די קו אַ גלעט געטאָן ביים גוידער, וואָס איז ביידעריק אין פאַלדן אַראָפגעהאַנגען. ער האָט צוגעלייגט זיין פנים, געפילט אַ וואַרעמקייט, אַ ליבשאַפט צו דער ווייסער באַשעפעניש מיטן שוואַרצן פלעק אויפן שטערן. ווען זאַוול האָט אַרויפגעטאָן אַ שטריק דער בהמה אויף די הערנער, — האָט ער זיך אַ װענד געטאָן צו יודלען: — זאָלסט זי וויסן ווי צו שאַנעווען. לאָז זי ניט אַרויס ביי צוויי וואָכן צייט, ביז זי וועט זיך ניט צוגעוואוינען צום שטאַל. יודל האָט פרום געהערט דעם גבירס רייד. ער האָט גענומען די שטריק אין די הענט און זי אַרויסגעפירט פון שטאַל.

סאיז געווען שטאַרק פינצטער. איינציקע לאַמטערנס האָבן געלויכטן אין דער לענג פון גאַס. פון איין לאַמטערן ביז דער צווייטער זיינען געלעגן פאַרגליווערטע באַזונדערע שטיקער פינצטערקייטן. יודל איז געגאַנגען האַסטיק. די בהמה האָט אומעטיק געמוקעט און איז שווער געטראָטן הינטער יודלען. מיט איר ווייסקייט האָט זי ליכטיק געמאַכט דעם וועג. יודל איז צוגעקומען צו זיין שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פאַרזונקען אין שלאָף. — — — אַ גאַנצע נאַכט האָט יודל גערעדט מיט שיינען זיין ווייב וועגן דער בהמה: וואָס מען באַדאַרף איר געבן עסן. ווי אַזוי מען דאַרף שטעלן די מילך, כדי עס זאָל אַרויסקומען מערער פוטער, בעסערע קעז. — — —

ערשט אַ פאָר וואָכן, אַז יודל האָט די בהמה און יודלס שטוב האָט געקראָגן אַן אַנדער פנים. אַלע אינדערפרי שטייען ווייבער מיט קריגלעך. יודעלע זיצט ביים וואַרשטאַט וואו עס זיינען אָנגעוואָרפן הילצערנע, אייזערנע טשוועקלעך, שטיקלעך לעדער, גלאָז מיט וועלכע ער שאָבט די זוילן, שטיקלעך וואַקס, פעך און הילצערנע גלאַנציקע געצייג. אויפן מיטן וואַרשטאַט ליגט אַ מאַגנעט, צו וועלכן עס האָבן זיך צוגעטוליעט יונגע אייזערנע טשוועקלעך. יודעלע קוקט

זיך איין דורך דעם פענצטער! קונים גייען אַרויס פון זיין שטוב מיט קריגלעך מילך. אויף די פענצטער טריקענען זיך שפּיציקע קעזלעך. אין אַלמער זיינען אָנגעשטעלט לאַדישקעס, פולע, ווי די אויגן, און די קינדער זיינען געוואָרן רונדיקער, פריילעכער. די בהמה איז אַ פּלאַכע, זי קריכן איר ביי די הערנער. זיי לייגן זיך איר אונטערן בויך. זי עסט ביי זיי פון די הענט. יודל פאַרריכט אַ פויער אַ פאַר שטיוול, איז חוץ וואָס דער פויער באַצאָלט אים, ברענגט ער אים אַ מתנה: שטרוי, היי, שעטשקע.

יודל האָט שוין באַשטעלט אַ פּאַסטעך. דעם ערשטן מאָל איז יודל אַליין מיטגעגאַנגען אויפן פעלד. ער איז געבליבן שטיין אַ לאַנגע צייט, האָט זיך איינגעקוקט פון ווייטן אויפן פעלד. אַ סך בהמות זיינען געווען אויסגעשפּרייט איבער דער גרינער פּאַשע; געפלעקטע, שוואַרצע, רויטע, פּרעסטע; נאָר די איינציקע ווייסע בהמה מיט אַ שוואַרצן פלעק אויפן שטערן איז געווען יודלס. דע־ריבער האָט יודל געקענט פון ווייטן זען און אַכטונג געבן, בלויז אויף זיין קו און זי ניט פאַרלירן פון אויג. ער האָט געזען, ווי זי איז געגאַנגען אַראָפּגעבויגט דעם קאָפּ. זי האָט געשציפּעט דאָס גראָז גיריק, פאַר לוסט האָט איר די סליונע געררונען פון מויל. די ערשטע טעג פלעגט יודל זי העלפן אַרויסטרייבן אין פעלד אַריין און אַלע פאַרנאַכט איר קומען אַפּנעמען. נאָר דערנאָך פלעגט זי שוין קומען אַליין צוויי מאָל אַ טאָג צום שטאָל. זי פלעגט מיט צער מוקען פון די אָנגעשפּאַרטע מילך אין אייטער. שיינע פלעגט אַרויסגיין, זיך אַנידערזעצן אויף אַ קליין בענקעלע, איר קאָפּ אַריינשפּאַרן אין דער בהמה׳ס בויך; און דער זיבן־יאָריקער האָצקעלע פלעגט מיט אַ האַנ־טעך אַראָפּטרייבן די פליגן. יודל האָט פון פענצטער זיך איינגעקוקט, ווי שיינע טונקט בריה׳ש די פינגער אין דער דאָניצע און גליצט מיט זיי איבער די וואָרצלען. דאָס מילך שטראָמט אין ווייסע קאָסע שנירעלעך. די בהמה שטייט הכנעהדיק און איז מעלה־גרה, און ביי יודלען וואַקסט דאָס האַרץ פאַר נחת.

ס׳איז שוין געווען טיף אין זומער. יודל איז געזעסן ווי אַלע־מאָל ביים פענצטער, געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. פלוצים האָט

אנופריק דער פּאַסטעכל שטרענג אָנגעקלאַפּט מיטן בייטש־שטעקל: יודל, „ביעדאַ״! אַן אומגליקך: דיין בהמה האָט געכאַפּט אַ שלעכט גראָז. יודלען האָט זיך ווי אָפּגעריסן אין האַרצן, דערזעענדיק אַ רעדל מענטשן. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויפן גאַס, ווי ער שטייט און גייט. גערעדט צו זיך אַליין און מיטביידע הענט געשטופּט דעם עולם. די בהמה איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אומעטיקע אויגן און אָנגעפּוישט ווי אַ פּאַס. יודל האָט זי אַ גלעט געטאָן ביי די הערנער, זי אָנגערופן ביים נאָמען. נאָר די בהמה האָט אַפילו ניט אַ מוקע געטאָן. פון דער צווייטער גאַס האָט זיך באַוויזן יודלס ווייב, אַ צעפּוזשעטע, אַן איילנדיקע. זי האָט געהאַלטן פאַר אַ האַנט מאַקאַר׳ן דעם מומחה. מאַקאַר האָט ווילד אַ ברום געטאָן. ער האָט מיט זיינע לאַנגע הענט אָפּגעשטופּט דעם עולם. ער האָט געטראָטן עטלעכע מאָל אַרום דער בהמה, האָט אַריינגערוקט זיינע לאַנגע פינגער אין בהמהס טרוקענע נאָזלעכער, איז געשטאַנען אַ וויילע פאַרזונקען... — דערנאָך האָט ער אַ ברום געטאָן אין מאַרק: צום ברונעם!

יודלס ווייב האָט מיט ציטערדיקע הענט געהאַלטן די בהמה אויף אַ שטריק. יודל האָט געהויבן אַ האַנט איבער אַ האַנט אויף דעם דינעם שטאַנג פון קליוטש. ער האָט געגאָסן אין עמער וואַסער נאָכן צווייטן אויף דער בהמה. עס האָבן בלויז סאַמע אונטן ביי איר געציטערט די פיס. די בהמה איז געוואָרן אַלץ פולער, אָנגעבלאָזענער. די דיכעוויצעס האָבן זיך אויסגעפּילט גלייך מיטן בויך. מאַקאַר איז אַרומגעלאָפן געשריגן אויף די אָנגעלאָפענע מענטשן, פאַרוואָס זיי העלפן ניט גיסן קיין וואַסער. דערנאָך האָט מאַקאַר אָנגעווענדט זיין לעצטן מיטל. ער האָט אויפגענומען די פעל ביים רוקן און מיט אַ לאַנגן אָל טיף אַדורכגעשטאָכן. די לופט, וואָס האָט זיך געשפּאַרט, האָט שטיל געסוויטשעט. דערנאָכדעם איז שוין ניט געווען קיין פּלאַץ אויפן פעל וואו מאַקאַר האָט ניט אַדורכגעשטאָכן. די אינעווייניקסטע קראַנקשאַפט ביי דער בהמה איז געווען אַזוי שטאַרק און שטרענג, זי האָט שוין ניט געפילט וואָס מען טוט מיט איר.

דער עולם האָט זיך מייאש געווען. מען איז זיך זייטיק צעגאַנ־

גען. ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. די זון האָט אין גלאַנציקע פענ־
צטער איר פאַרלאָשענע רויטקייט אָנגעהאַלטן. דער מאַרק איז גע־
לעגן פוסט, אָנגעטרונקען מיט שאָטנס, חוץ לעבן ברונעם איז נאָך
געשטאַנען יודעלע לעבן דער צעוואַלגערטער בהמה, וואָס איז גע־
לעגן אין אַ לוזשע וואַסער...

פשוטע אידן

אויפן גאַס איז אייזיק געגאַנגען ניט געאיילט, אויסגעמיטן די שפּיציקע שטיינער. אויב אַ שטריקעלע איז געלעגן איינגעוויקלט, האָט ער עס אויפגעהויבן, גייענדיק אויסגעפּלאָנטערט די קניפּלעך: עס וועט צוניץ קומען, אַ זעקעלע צו פאַרבינדן. און פאַרוואָס זאָל עס זיך וואַלגערן אין רעגן, אין שטויב? אויך אַ טשוועקל, אַ שיינעם שטיינדל, האָט ער אויפגעהויבן. זאָל זיך זיין מוזיניקל האָבן מיט וואָס צו שפּילן, צו דערפרייען אַ קינד, וואַרעמט דאָס האַרץ...

ווען אייזיק האָט דערזען איטשע דעם קאָמאַשן־שטעפּער מיט אַ רויכערדיקן פּאַפּיראָסל, האָט ער פון זיין אויבערשטער קעשענע אַרויסגענומען אַ קליין יארכענע בייטעלע וואו ס'איז געלעגן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און די לעקשעלעך טיטון. אויף גיך אויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָסל, האָט ער זיך געשטרעקט צו איטשען און צוגעשטעלט מויל צו מויל, ווי קושן זיך.

וואָס זייט איר אויפגעשטאַנען גלייך מיט גאָט? — האָט אים איטשע געפרעגט מיט אַ גוטן שמייכל...

ווער עס שטייט אויף פרי, באַצאָלט אים גאָט פאַר זיין מי, — האָט אים אייזיק שטיל געענטפערט. — און איר איטשע רייסט דאָך אויך ניט אומזיסט די שיך?... עס קומט אייך אַ מזל־טוב! אַ אינגל? האָט דער גוטער מלאך אים כאָטש ריכטיק אַ שנעל געטאָן אין נעזל?...

איר ווייסט דאָך, אייזיק, מיינע בחורימלעך... לאָמיר האָפן אַז דער ניי־געבאָרענער וועט האָבן פון וועמען צו לערנען... פאַרגעסט ניט קומען צום ברית.

גאָטס וואונדער: — האָט אייזיק געטענהט אין זיין געדאַנק גייענדיק צו זיך אין קוזניע.

אַ איד אַ מטופּל אָט דער איטשע. און ער שפּייזט די קינדער, קליידט זיי, צאָלט שכר־לימוד, — אַלץ מיט די אייגענע צען פינ־

גער... אמת, זיינע הענט זיינען פויגלען... און ער אַרבעט מיט שמחה, מיט ניגונים. צו די קינדער, צום ווייב איז ער גינציק. די ליבשאַפט שמייכלט אַרויס פון זיינע אויגן... ער איז אים מער מקנא ווי ירוחם דעם גביר, וואָס פאַרמאָגט איין שטיקל זון אַ ציי־טערדיקס, — אַ ניע בע—ניע מע—ני קוקעריקו...

צוגעקומען צו דער קוזניע, האָט אייזיק געשמייכלט: — צו וואָס דאַרף ער אַ שלעסל אויפן טיר? מען וועט גנבענען די לאַנגע צוואַנגען! די קאָוואַדלע? אַ סימן: — די טאַצשידלע שטייט איג־דרויסן און קיינער נעמט דאָס ניט אַוועק. חוץ אַמאָל אַ ווייסער־חברניק שאַרפט אָן אַ קעשענע־מעסערל. נו, וועט ער פאַרלירן דער באָבעס ירושה?!...

אויפגעעפנט דעם שלעסל, צערוקט די טיר. אַ ווילע ניט געע־זען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. ער האָט אָנגעטאָן דעם גראָבן פאַרסאָזשעטן פאַרטוך. ביים האַרצן איז דער פאַרטוך געווען אי־בערגעגנייט מיט לעדער. ער האָט זיך אַראָפּגעשווערט אויף דעם הילצערנעם אָנהאָלט פונעם בלאָזאַק. דער בלאָזאַק, ווי אַ ריזיקע האַרמאָניקע, האָט צעשפּרייט די לעדערנע פאַלדן און זיי צוריק אויפגענומען... אונטער די אַש האָבן אויפגעוואַכט מיט גלי די קוילן. איין שטיק גליענדיקער פייער האָט געשיפּעט אונטער דעם בערגל אַש...

אין טיר האָט זיך באַוויזן מאָטע־מאָניע.

— גוט־מאָרגן, אייזיק! שמיד דעם אייזן כל־זמן ער איז הייס... עס וועט אייך סטייען צייט אָנשמידן מיין בחור?...

— איר האָט מיטגעבראַכט דעם חתן?...

דער פערד האָט אַ הירזשע געטאָן...

— וואָס זאָגט איר אויף מיין סוס? — אַ חכם!...

אייזיק האָט מיטגענומען דעם מעסער מיט די צוויי הילצערנע הענטלעך, איז ער אַרויס אין דרויסן. דעם פערד האָט ער אַ גלעט געטאָן ביים האַלדז צו געווינען זיין צוטרוי... באַלד האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און אַ נעם געטאָן דעם פאָדערשטן פוס פונעם פערד צווישן זיינע פיס. מיטן מעסער, מיט די צוויי הילצערנע שטילכלעך

געשאָבן די קאָפּיטע. דער פערד איז רואיק געשטאַנען, געדולד און צוטרוי איז געווען אין דער חיהס אויגן...

אַ שפּאַר שטיקל צייט האָט גענומען און דער פערד איז שוין געשטאַנען מיט נייע צוגעשמידטע פּאָדקאָוועס אויף זיינע פיס...

מאָטע־מאָניען האָט זיך געדוכט אַז זיין פערד איז העכער געוואָרן... מיט אַ שמייכל האָט ער אַריינגעציילט אייזיקן אין האַנט פיר זילבערנע גילדן. ווען מאָטע־מאָניע האָט אָנגענומען זיין פערד פאַרן צוים, — האָט ער אויסגעלאָזן: — פאָר אַ צוגאָב, אייזיק, וועט איר זיך דורכיאָזדען אין גראָדנע. מיין בחור מיט די אייזערנע שיך וועט אייך פירן און ברענגען בשלום אַהיים...

אייזיק האָט אַרויסגענומען די ליולקע, אַריינגעטאָן טאַבאַק, מיט אַ צוואַנג אַרויסגענומען אַ קויל, פאַררויכערט, און אַט זיצט ער שוין אויף אַ קלעצל לעבן דער קוזניע, קוקט אויפן זאַמדיקן וועג, וואו עס האָט זיך באַוועגט אַ פורל און אַ שטויב האָט אַרומגעיאָגט. וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, האָט זיך אַ דינער רויכל באַוויזן. אייזיק האָט פאַרנומען אַ קלאַפּן פון אַ סך רעדער...

גאָטס וואונדער, האָט אייזיק גערעדט צו זיך: פינף וויאָרסט אַוועק און מען הערט ווי די באַן יאָגט. דער געבויגענער רויך, וואָס קנוילט און צעשווימט מאַכט אים אומרואיק... ערגעץ וויט פירט די באַן דורך פרעמדע דערפער און שטעט... און ער זיצט ווי אַ וואָרים אין כריין... זאָלן זיינע קינדער אויסוואַקסן, — וועט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַ קוש טאָן די מזוזה... ער וועט מעסטן די פרעמדע וועגן... און צוריק קומען וועט ער אַן אַנגעזעענער, אַן אָנגעהערטער... די קוזניע וועט קיינער ניט אויסכאַפּן...

אויסגעטרייסלט די ליולקע, האָט ער זיך געשטראָפט: וואָס פאַר אַ נאַרישע געדאַנקען עס קומען פלוצים צום מענטשן... ווי קען ער איבערלאָזן זיין גיטלען, די מאַמע פון זיינע אַכט קינדער. איין טאָג אין יאָר פאָרט ער איינקויפן פּרוכניאַלן, אייזן, געצייג. און קוים וואָס ער דערלעבט אַריינפאַלן צוריק אַהיים... די קינדער זיינע שטייען אים פאַר די אויגן. ער רעדט מיט זיי אין געדאַנק. זיי האָבן

ליב דעם טאַטן, די שטיפערס... די צייט וועט זיי סטאַטעטשנער מאַכן...

אַן אַנגעגעווינטיקטער פון רעיונות איז ער אַריין צוריק אין קוזניע, מיט לאַנגע צוואַנגען געדרייט די אָנגעגליטע שטיק אייזן אויף דער קאָוואַדלע, מיטן שווערן האַמער געקלאַפּט און פונקען האָבן אַרום געהויערט ווי אָנגעצונדענע קאָמאַרן...

דער מענטש מיט דער טאָרבע

פרייטיק. די זון האָט טעמפּ געשיינט. אינדרויסן איז געווען דער אָנזאָג פון האַרבסט. דינע ווייסע פעדים זיינען געשוואומען, זיך געהוידעט אין דער לופטן, געקלעפּט אויף די אויגן. ווינטלעך טער־פּקע האָבן געזוכט טרוקענע בלעטער אויף דיביימער. ווילדע גענז אין געבויגענע ציילן זיינען אָפּגעפלויגן אין ווייטע וואַרעמע לענדער...

דעם זעלבן פרייטיק האָט זיך באַוויזן משה מיט דער טאָרבע, אַ צוריקגעקומענער פון פרעמדע שטעטלעך אַ הויכער, פאַרוואַק־סענער מענטש. נאָר זיין פּנים דורכן זומער האָט זיך געביטן: פאַר־שוואונדן די בלייכקייט, די געשוואָלנקייט אַרום זיינע שטומע שוואַר־צע גרויסע אויגן. דאָס פּנים לייכט צוגעברוינט, פאַרשטויבט. די באָרוועסע גרויסע פיס צעביילט, צעשפּאָלטן. די קינדער האָבן אים דערקאָנט, זיך געקליבן אַרום משה׳ן.

משה האָט זיך אָפּגעווענדט פון די קינדער. ער איז געגאַנגען געבויגן מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. אַ לייוונטענע טאָרבע איז אים אַראָפּגעהאַנגען פון אַקסל. ער האָט געעפנט טיר נאָך טיר, צענומען די טאָרבע: ווען מען האָט דאָרט אַריינגעוואָרפן שטיקלעך פאַרדאַרט ברויט, האָט ער געדאַנקט מיט זיינע שטומע, שוואַרצע, גרויסע אויגן.

פאַר ליכט־בענטשן איז ער אַוועק צו וויגדער׳ן וואָס האָט גע־וואוינט אין אַ קליין אַיינגעבויגן שטיבל אויפן מיטן פעלד.

וויגדער איז אים אַנטקעגן געקומען.

— קום אַריין אין שטוב, וואַש זיך אַרום. איך האָב פאַר דיר אַ ריין העמד, אַ פּאָר שטיוול אויסגעפּאַרריכטע.

משה האָט אַרויסגעטראָגן אַן עמער וואַסער אין דרויסן. מיט דער גרויסער קופּערנער קוואָרט געשעפּט, געוואַשן דעם קאָפּ, דעם האַלז, דאָס פּנים. ער האָט אָנגעטאָן דאָס ברייטע, גראָבע קושעלנע

העמד. אַרויפגעצויגן מיט מאַטערניש די אויסגעפּאַרריכטע שטיוול, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּאַנען הין און צוריק...

— זיי וועלן סטייען איבערן ווינטער — האָט ער זיך אָפּגערופן צו וויגדערן.

מער האָט משה ניט גערעדט דעם אָוונט... ער איז געזעסן שטיל ביים ברעג טיש, געקוקט דורך די קליינע שייבלעך צו די פעל־דער וואָס זיינען געלעגן צעטראָטענע, פאַרדאַרטע.

משה׳ס קאָפּ האָט גענידערט אויף זיינע אויסגעשפּרייטע הענט. עס איז געווען אַ פאַרשפּיל: פאַר אַ שווערן לאַנגן שלאָף. יעדער גליד זיינער האָט געצויגן, געשווערט, געמאַנט רו, פאַרגעסנקייט און שלאָף.

— משה, קריך אַרויף אויפן אויוון, שלאָף זיך אויס, — האָט וויגדער צו אים געזאָגט.

משה האָט מיט אָנשטרענגונג געעפנט די אויגן, זיך דערשלעפּט צום אויוון און איז אַוועקגעפאַלן שווער ווי אַ סנאָפּ.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען מאַנטיק ביי־טאָג. אינעם שטיבל איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, — אַ קרומער, אַ לאַנג הויך בענקל, עטלעכע ברייטע ברעטער לעבן וואַנט, וואו וויגדער איז געשלאָפן. אַ שאַרפע האַק איז געלעגן אונטער די ברע־טער, גראָבע שטריק, קליינע נעצן פאַר פיש, אַ פאַסטקע פאַר חיות.

משה איז אַרויס אין דרויסן, זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער. אַריין צוריק אין שטיבל, אַרויסגענומען דאָס אַלטע קליינע סידורל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַ קעשענע פון זיין קאַפּאָטע. ער האָט ניט געהאַט קיין טלית און תפילין. ער איז געזעסן שטום איבערן צע־עפנטן סידורל. די אותיות זיינען אים געווען באַקאַנט פון אַזוי פיל מאָל קוקן אין זיי. אָבער זייער באַדייט איז געווען פאַר אים פרעמד. די דראָבנע געדרוקטע שריפט מיט די נקודות, האָבן אים סיי ווי סיי פאַרבונדן מיט העכערע וועלטן...

נאָכן פאַרמאַכן דאָס סידורל האָט זיך משה דערפילט ווי אָפּ־געוואַשן און געהייליקט. ער האָט אַרויסגענומען פאַרדאַרטע שטיקער ברויט. אָנגעשעפּט אין דער קופּערנער קוואַרט וואַסער. ער האָט געגעסן פאַמעלעך, זאַט געוואָרן. ער איז געבליבן זיצן אָן מחשבות,

אָן פרייד אין האַרצן. ער האָט געקוקט דורך די קליינע שייבלעך: דער הימל איז געווען פאַרלעגערט מיט צעריסענע וואָלקנס. אַ ווינט האָט געוואָיעט, געטרייסלט דיביימער אויפן פעלד. אַ פורל ווייט אויפן וועג האָט זיך געשוואַרצט, באַוועגט, שוואַרצער און קלענער געוואָרן. סטייעס קראָען האָבן זיך געטראָגן נידעריק איבער דער ערד. אין זייער קראַקן איז געווען הונגער, און דער אָנזאָג פון קעלטן.

— עס ווייזט אויף אַ פריען ווינטער, — האָט משה געטראַכט. און דעם ערשטן מאָל מורא געקראָגן: ווי וועט ער דורכציען דעם ווינטער? די הויזן צעפּאַלן זיך. די קאַפּאָטע איז צענומען אין די נעט. ער האָט ניט קיין ווינטערדיק היטל. ניט דאגות זיינען אים באַפאַלן, נאָר איין גרויסע שווערע מורא. קיינעם האָט ער ניט אויף דער ווייסער וועלט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, גענומען דעם הילצער־נעם אָנגעוויקלטן עמער אין האַנט...

צום טייכל איז געווען מער ווי אַ תחום־שבת. דעם ליידיקן עמער איז אים אַפילו געווען שווער צו טראָגן. דאָס דאַרע שוואַרצע ברויט מיט וואַסער האָט ניט געגעבן דעם הויכן לייביקן משהן קיין כוח. דער ווינט האָט פאַרהאַלטן זיין אָטעם, שווערער געמאַכט דעם גאַנג פון זיינע צעוויטיקטע פיס.

דאָס טייכל איז געלאָפן האַסטיק, אָנגעשוואָלן און מוטנע.

משה האָט זיך שטייפער פאַרבונדן אַרום די לענדן. אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אַראָפּגעזעצט דאָס אַלטע צעקנייטשטע היטל. ער האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם עמער וואַסער, געהאַט פרייד וואָס דאָס באַדערפעניש רופט אַרויס כוח... אָפּגעטראָגן אַ שטיקל וועג, אָפּגעשטעלט זיך, גערוט. אומגעביטן די האַנט, ווידער גערוט, און ווידער געגאַנגען.

אינעם שטיבל איז שוין געווען טונקל.

אַ קורצער טאָג איז אויסגעגאַנגען אויף די קליינע שייבלעך. אין דער פינצטער האָט זיך משה פאַרקליבן אויפן אויוון, איינגעבורעט, געזוכט ביי זיך אַליין אַביסל וואַרעמקייט.

— ווען וויגדער קומט, וואָלט געווען היימלעכער. וואו ווערט ער פאַרפאַלן גאַנצענע טעג און נעכט?

די נאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט שוואַרץ, אומהיימלעך. ווינטן האָבן געשאַלטעוועט, געטרייסלט דאָס שטיבל. דער קוימען איז געוואָרן אַ פּייפל. משה איז געלעגן וואַך, געדאַנקט גאָט ער האָט אַ שטיקל מנוחה. ער האָט געזוכט אויף זיך אַ זינד, כדי צו קענען תשובה טאָן, בעטן גאָט. זינט ער געדענקט זיך האָט ער קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, ניט דערלאָזן קיין שלעכטע מחשבה. ער באַנוגנט זיך מיט אַ שטיקל ברויט און וואַסער, און מיט אַן אַלטן בגד, וואָס גוטע מענטשן שענקען אים. זיין האַנט האָט קיין געלט ניט געהאַלטן, זיינע אויגן פאַרשטעלט פון גלוסטונג. זיין מויל האָט קיין קללה ניט אַרויסגעבראַכט.

איינמאָל אַ וואָך טוט ער אָן די טאָרבע און לאָזט זיך אַרויס אין די הייזער. מיט די דאַרע שטיקלעך ברויט שפּייזט ער זיך. און ווי נאָר עס קומט אָן דער זומער, לאָזט ער זיך אַרויס אין פרעמדע שטעטלעך, כדי ניט צו באַלעסטיקן די איינוואוינער, צווישן וועלכע ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט.

זיין יוגנט געדענקט ער קוים. קיינמאָל קיין נאָענטן חבר ניט געהאַט, קיין פריינט. ווי אַ דאָרן איז ער אויסגעוואַקסן ווילד און שטעכעדיק. ער האָט זיך אין ערגעץ ניט געקענט פריטוליען. ווען די יונגע כוחות האָבן אים געדינט, איז ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט זיך מיט אים געשאָפן. דעמאָלט האָט מען אים גערופן ביי זיין נאָמען מ ש ה. מען האָט געשמייכלט צו אים... איצט איז ער פאַרגעסן.

טריבע, שווערע שפּירונגען האָבן אָנגעלאָדן זיין שלאָף, אויפגעשטאַנען איז ער צעבראָכן, צעפּלאָנטערט.

דער דרויסן דורך די שייבלעך האָט אַריינגעקוקט קלאָר און העל. די פעלדער אויסגעוואַשן, דער ווינט איינגעשטילט. משה האָט זיך געוואַשן. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים געמאַכט צו ציטערן. ער האָט געצויגן אויף די פיס די פאַרלאַטעטע, פאַרדאַרטע שטיוול. די כוחות פאַרלאָרן איידער ער האָט די שטיוול אַרויפגעצויגן אויף די

פיס. אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, אַ צענומענע אין די נעט, לאַטע אויף לאַטע, אָן איין קנעפּל. ער האָט די קאַפּאָטע פאַרלייגט אַ פּאָלע אויף אַ צווייטער, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק, זיך דערפילט געשיצט. ער האָט אויסגעפּלאָנטערט מיט די פינגער די באָרד, אָנגעטאָן דאָס היטל, די טאָרבע אויפן אַקסל, און מיטן שטעקן אין האַנט איז ער אַרויס פון וויגדערס שטיבל. דורך פעלד און דורך פאַרלאָזענע גער־טנער זיך געשטרעקט צום גרויסן בית־מדרש. ער איז געווען צו־פרידן וואָס ער האָט קיינעם ניט באַגעגנט. אַ ווייסע קאַץ איז אים דורכגעלאָפן דעם וועג. ער איז אַרויס אין אַ גוטער שעה...

ביים בית־מדרש איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע, ניט געהאַט קיין מוט צו עפענען די טיר, אָבער די נויט האָט אים אונטערגעטריבן...

דאָס גרויסע, הייליקע הויז אָנגעשטעלט מיט שווערע בענק און שטענדערס. אין מזרח־וואַנט דער אָרון־קודש וואוהין משה האָט מורא געהאַט צו קוקן. די גרויסע ליכטיקע פענצטער, פון וואַנען עס האָט זיך געליכטיקט די גרויסע וועלט.

משה איז געשטאַנען פאַרציטערט פון דער גערוימקייט און שטילקייט. אַ יאָרצייט־ליכט האָט געברענט אינמיטן העלן טאָג.. דאָס געלבלעך פייער האָט זיך געשאָקלט, ווי גערעדט אויף אַ שטו־מער שפּראַך: פון אַן אויסגעלייזטער, אויסגעלייטערטער נשמה.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און דער אַלטער קליינער שמש האָט זיך באַוויזן מיט אַ בערעמיע האָלץ אויף די הענט. משה איז אים אַנטקעגן געגאַנגען, צוגענומען דאָס האָלץ ביי אים.

— איך וועל איך אָנטראָגן נאָך האָלץ. איך וועל אײַנהייצן דעם אויוון, אָנטראָגן וואַסער, אייך באַהילפיק זיין, אַבי לאָזט מיך איבער־ווינטערן אין אַ ווינקל לעבן אויוון.

דער שמש האָט אים אָנגעקוקט מיט אויסגעוועבטן כעס. ער האָט געטראַכט: מיט אַמאָל אַזאַ לשון ביי משה׳ן... ער קען, דוכט זיך, קיין צוויי ניט ציילן.

ביינאַכט, ווען די דאַווענער, די לערנער האָבן פאַרלאָזן דעם בית־מדרש, האָט זיך משה אויסגעצויגן אויף דער באַנק, צוגעדריקט זיינע פלייצע־ביינער צום אויוון. די געדיכטע וואַרעמקייט פון די

קאַכליעס האָט געצויגן די ווייטיקן ווי באַנקעס. עס איז אים געוואָרן הייס אין פּלייצע, האָט ער צוגעשטייפּט די פיס און געפילט ווי עס גיסט זיך אין זיינע אָדערן פריש וואַרעם בלוט.

אין בית־מדרש האָט געציטערט די פינצטערניש פון דעם יאָרצייט־ליכט אויפן עמוד... דאָס פייער האָט זיך געריסן, געצויגן אַרויף, ווי געמאָנט דאָס שטיק אָפּגעברענטע ליכט. דאָס ברענענדיקע ליכט האָט געוואָרפן שאָטנס. זיי האָבן זיך באַוועגט, געטאַפּט די ווענט; זיי זיינען איבערגעלאָפן איבער די שויבן. משה'ן איז אומהיימלעך געוואָרן. ער האָט געהאַט דעם ווילן אַראָפּצוגיין פון באַנק און אויסלעשן דאָס ליכט. אים האָט זיך געדוכט פּונקט ווי ער, משה, איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ בלודנער אויף דער וועלט, אַזוי איז די נשמה פון יענער וועלט... דאָס זעט ער נאָך דאָס יאָרצייט־ליכט וואָס ברענט אַליין אין גרויסן בית־מדרש און וואַרפט פון זיך שאָטנס, ווי ניט גוטע וואָלטן די נשמה געפּייניקט. אָבער משה האָט ניט דערוועגט זיך אויפהייבן פון באַנק. ער האָט אַפילו מורא געקראָגן פאַר דעם זינדיקן געדאַנק. זינדיקע מחשבות קומען נאָר ווען עס ווערט גוט.

אַ לאַנגע צייט איז אים שוין אַזוי גוט ניט געווען. וואַרעם אין אַלע גלידער. קיינער טרייבט אים ניט פון געלעגער. זאָל זיך ציען די נאַכט. דער טאָג איז פאַר אים מער ניט ליכטיק. כאַטש זיינע אויגן זעען אַלץ. צו אים געהערט ניט קיין זאַך אויף דער וועלט, חוץ זיינע קראַנקע צעווייטיקטע גלידער. איצט האָט ער געבראַכט אַ היילונג צו זיי: דעם הייסן אויוון, די שטילקייט און די רו.

ס'איז אים געראָם אויפן האַרצן וואָס ער געפינט זיך אין מקום קדוש: דאָס ווייזט, אַז זיין נשמה איז ריין. גאָט רעכנט זיך מיט זיינע יסורים, וואָס ער טראָגט אַזוי געדולדיק און שטום אַריבער. זיין קערפּער איז אָפּגעלאָזט, פאַרוואָרלאָזט. אָבער ניט די נשמה. זי ליגט צו טיף, די ווינטן און די קעלטן זאָלן צו איר צוקומען. כל־זמן זיין האַרץ קלאַפּט, וועט ער היטן זיין צונג, זיין האַנט... און צו די אויגן ניט צולאָזן קיין גלוסטונג, ער טאָר ניט פאַרשפּילן בײדע וועלטן.

די וואַרעמקייט און די שטילקייט אין דעם גרויסן בית־מדרש

האָבן משה׳ן געוואָרנט זיך היטן ניט איבערגעבן זיך דעם שלאָף. ער קען אַזוי אַוועקפאַלן אין פאַרגעסנקייט אויף אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד. עס וועט זיין אַז אַך און ווי צו אים, ווען דער אַלטער שמש וועט אים געפינען אַ שלאָפנדיקן. ער האָט זיך אויפגעזעצט, דערנאָך געגאַנגען פּאַמעלעך אַרום דער בימה, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דעם הייליקן הויז. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט די העזה צו שטיין נאָענט לעבן דער בימה, ווען די שיינע בעלי־בתים האָבן זיך געפונען אין בית־מדרש. ער האָט זיך אַפילו דערנענטערט צום אָרון־קודש. דער סאַמעטענער פּרוכת אויף די מעשענע רינגלעך איז געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע אותיות. אונטער דעם הייליקן פאָרהאַנג שטייען אין אַלמער ספר־תורות. זיי זיינען אָנגעטאָן אין שיינע מענטעלעך, ווי שיינע, ריינע קינדער.

משה׳ן האָט זיך געוואָלט עפענען דעם אָרון־קודש, אַרויסנעמען איינציקווייז די ספר־תורה׳ס און גיין מיט זיי הקפות אַרום דער בימה. ער האָט דאָס ניט געוואָגט. ער האָט מורא פאַר מענטשן און פאַר גאָט. אין זיין קראַנקן, צעוויטיקטן גוף האָט געלעבט אַ בעטנדיק, וויינענדיק האַרץ. דאָס האַרץ זיינס, האָט זיך געוואָלט באַהעפטן מיט גאָטס אויסשפּרייטונג. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס מען באַדאַרף טאָן. לערנען קען ער ניט, אַפילו ניט קיין עברי. און חוץ וואָס ער קען ניט העלפן, קומט ער אַליין אָן צובעטלברויט.

מען טאָר אַזוי ניט טראַכטן אין אַ מקום קדוש, האָט ווי עמיצער אים אונטערגעזאָגט. ער איז אַוועק צו זיין געלעגער, אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, די שטיוול. ווען ער האָט געעפנט די גרויסע טיר פון בית־מדרש, איז ער געבליבן שטיין אַ ווילע אין פּירהויז; זיך איינגעהערט, צי קיינער גייט ניט. ס׳איז געווען שטיל און שפּעט אין נאַכט. משה האָט געעפנט פּאַמעלעך די טיר.

אַ נייער, יונגער, ווינטערדיקער דרויסן. דער ערשטער שניי איז געפאַלן. דער שניי איז געפאַלן פּוכקע, געדעקט אַלץ אין ווייס. משה איז אַוועק הינטער די גערטנער, וואו טריט פון חיות און אַ סך גריבלעך אויפן שניי האָבן זיך צעלאָפן. ער האָט אָנגעטראָגן האָלץ און וואַסער. דער אויוון קען אַיינשלינגען אַ וואַלד מיט האָלץ,

האָט ער צו זיך געזאָגט. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנונג ווי שפּעט עס איז. קיין האָן האָט ניט געקרייט. אויך די פורמאַנעס זיינען נאָך ניט דורכגעפאָרן צו דער באַן.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געעפנט די טיר און דער דראָבנער אַלטער שמשל איז אַריין גענעצנדיק.

— משה, דיר איז גוט דאָ ווי אין גן־עדן!...

אָבער דערזעענדיק די ברעמיעס האַלץ, האָט דער שמש איינ־געהאַלטן זיין ליצנות און זיך אָפּגערופן:

— ווייסט, משה, היינט איז פרייטיק! וועסט מיר צוהעלפן אַ ביסל אויפראַמען, צעשטעלן די בענק און די שטענדערס, וועסט ביי מיר קריגן אַ שמייסענע היטל, אַ זעקסער אויף צו גיין אין באָד.

משה האָט ניט געענטפערט. ס׳איז אים געווען גוט צו הערן זיין נאָמען. און אויך וואָס מען האָט צו אים גערעדט: גוטע, פּראָסטע, וואַרעמע רייד.

ווען ער האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט מיט דער אַרבעט אין בית־מדרש, האָט ער אָנגעטאָן די טאַרבע, גענומען דעם שטעקן אין האַנט. ער איז אַרויס פון בית־מדרש. ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז. אַרום פאַרנאַכט איז משה מיט אַ פולער טאַרבע שפּייז אַוועק צו וויגדערס שטיבל. אויסגעליידיקט אַ העלפט אויף די ברעטער. די שפּייז אייגגעדעקט, האָט ער זיך געאײַלט צוריק אין בית־מדרש. זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, הינטערן אויוון. איינגעלייגט די טאַרבע, דעם שטעקן. אויסגעגלעט די באָרד, זיך געגרייט אויפנעמען דעם שבת...

משה האָט געזען ווי דער שמש צינדט אָן לאָמפּ נאָך לאָמפּ, מיט יונגן נצחון אויפן פּנים... עס האָבן גענומען אָנקומען אידן: עלטערע, אינגערע, אויסגעוואַשענע, אויסגעפּוצטע יעדער איז אַוועק לעבן זיין שטענדער, לעבן זיין „שטאָט“.

און כאָטש משה האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל לעבן אויוון, האָט ער געפילט אַז ער איז צוזאַמען מיט אַלע אידן. זיי בעטן גאָט דורך ווערטער, דורך געזאַנגען. און ער בעט שטיל... ווען די אידן

זיינען זיך צעגאַנגען, ווינטשנדיק איינער דעם אַנדערן אַ גוט־שבת, האָט זיך משה׳ן געוואָלט זאָגן עפּעס אַ וואָרט צו אידן...

איבער אַ האַלבן ווינטער האָט משה אָפּגעוואוינט אין בית־מדרש. זיינע ביינער האָבן זיך אויסגעגלייכט. זיין שטומע נשמה איז אָנגעטרונקען געוואָרן מיט ניגונים, מיט מוסר־רייד, מיט תפילות.

אָבער זינט מען האָט אומגעביטן דעם אַלטן דראָבנעם שמש׳ל אויף דעם רויטן, הויכן, געזונטן נטע׳ן, האָט ער פון אים געברענטע צרות. ער טרייבט אים פון אויוון. ער וואָרפט אום שטענדערס אויף זיינע צעביילטע פיס. ער שלאָגט אים מיטן נאַסן, גראָבן האַנטעך. זיין גאַנץ לייב איז אין סיניאַקעס. אַז ער וויל ניט אַז משה זאָל אים העלפן!

—וואו זאָל איך גיין, נטע, אין אַזעלכע ברענענדיקע פרעסט?
— ברומט משה ווען נטע שלאָגט אים.
— אין דער ערד — ריטשעט נטע.

משה האָט געטראָגן אַלע יסורים טיף אין בוזעם. זיין פּנים איז געוואָרן אַלץ פאַרשניטענער און שטומער. און די גרויסע שוואַר־צע אויגן, ווי צוויי אָפּגרונטן, האָבן געגליט מיט איבערמענטשלעכן צער...

אין איינעם אַ פאַרטאָג איז משה מיט דער טאָרבע אויפן אַקסל, מיטן שטעקן אין האַנט, דורך פאַרשנייטע גערטנער אַוועק צוריק אין וויגדערס שטיבל, וואָס איז געשטאַנען פאַרגעסן, פאַרשנייט, אויפן פעלד. אין די פראָסטיקע טעג איז משה געלעגן איינגענורעט אין שמאַטעס, געקאַליעיעט, פאַרהונגערט, צעטריקנט פון דאָרשט. ווען דער פראָסט האָט אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די הייזער מיט צעוואונדיקטע הענט און פיס. פון מויל האָט אים געגאַ־ווערט אויף זיין שוואַרצער באָרד, די נאָז געשוואָלן, די אויגן האָבן געטרערט. אָבער דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט וואַרעם, פול מיט האָפע־נונגען.

דער ווינטער האָט ביסלעכוויז אָפּגעטראָטן. די פעלדער אונ־טער די צעגאַנגענע שנייען האָבן געדעמפּט. דער הימל האָט זיך

אפּגערייניקט פון די וואָלקנס. דינע גרעזלעך, ווי איינגעשמעלצטע ליכטלעך, האָבן גרין געפלאַקערט. פון טאָג צו טאָג איז דאָס פעלד, דער דרויסן, אָנגעפילט געוואָרן מיט ליכט און וואַרעמקייט.

משה איז אין די בייטאָגן געזעסן לעבן וויגדערס שטיבל קעגן זון, זיך געוואַרעמט, געהיילט די צעוואונדעטע הענט און פיס. אויך וויגדער האָט זיך באַוויזן לעבן זיין שטיבל, אַ געענדערטער, אויסגעדאַרט. ער איז געזעסן צוגלייך מיט משה׳ן, געשעפּט נייע כוחות...

און ווען די זון האָט זיך אָנגעצונדן הייס אין הימל און די פעלדער האָבן זיך גרין באַדעקט, האָט זיך משה אין איינעם אַ זומער פּאַרטאָג אויפגעהויבן און איז אַרוים אין זיין וואַנדער. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך דורך אַ פעלד־שטעג. געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט, ניט געוואָלט זיך אַרויסשלאָגן פון זיין ביסל כוח. ווען ער איז צוגעקומען צום טייכל, האָט ער אַראָפּגענידערט; געוואַשן זיך מיט דעם פרישן קוועלנדיקן וואַסער, געטרונקען, געפילט דערפרישט פון דער פרימאָרגנדיקער זון, פון דער שטילקייט, און פון דער הויכער גרינקייט, וואָס האָט געגלעט זיינע אויגן. זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט בטחון. אויך אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך געקלאָרט רעיונות: זומער איז די וועלט אָפן. דאָס שוואַכסטע פליגעלע האָט פון וואַנען צו לעבן.

משה האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין גאַנג. עס האָבן זיך צעגומען צוויי וועגן... ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, אויף וועלכן וועג ער דאַרף זיך פאַרנעמען. דער זכרון איז אים אינגאַנצן שוואַך געוואָרן. און וואָס פּויקט דאָס אַזוי אין האַרצן? און דער קאָפּ דרייט זיך ווי אַ מיל. עס וועט אים ווערן בעסער, וועט ער זיך אומקערן צוריק. ער האָט זיך נאָך געדאַרפט מער אויסרוען פון דעם שווערן, קראַנקן ווינטער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די טאָרבע. דאָס ברויט האָט זיך צעשפּרייט אין דעם גראָז. דער שטעקן איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך אויסגעצויגן. אַ רגע האָט ער נאָך געזען דעם בלויען הימל איבער זיך.

דער אייביקער שלאָף האָט איינגעוויגט, אויסגעלייזט און פאַר־

דער מענטש מיט דער טאָרבע

זיגלט דעם בלודנעם מענטשן. ער איז געלעגן טיף אין גראָז, מיט זיין ערלעכן פנים צום הימל. קליינע זומער־פייגעלעך האָבן געפּיקט דאָס ברויט, און אין אַ כאַר, דין און קלאָר, געטשיריקעט און גע־טאַנצט אַרום משה׳ן...

דער צדיק

ר׳ וועלוועלע האָט זיך אָפּגעבויגן פון דער גרויסער אָפענער גמרא. אַנגעשטעלט די גרויסע טיפע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן פון פיל לערנען. ער האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד, — וואונדערלעך זיינען גאָטס באַשעפעניש. אַ קליינע שטוב־פליג זינגט און טאַנצט איבערן שויב. זי קוליעט און פויקט מיט איר לופטיק קערפּערל, אַזש דאָס דינע גלאָז ענטפערט מיט טענער... —

ער האָט באַלד זיך גוט אויסגעשטראָפט: אפשר האָט דער יצר־הרע זיך פאַרשטעלט אין אַ פליג?... און מיט מער התמדה און ברען זיך אַריינגעטאָן אין לערנען. צעשאָקלט, צעזונגען און זיך סודותדיק אַריינגעוועבט אין די שטעגעלעך און לאַבירינטן פון תלמוד...—

אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָפּגעווענדט די אויגן פון דער גמרא. אַ ביטער זשומען האָט אָנגעפילט דעם חדר. די קליינע פליג האָט געשריען, געבעטן הילף!... ער האָט זי געזוכט אויפן פענצטער, אויף דער סטעליע. יאָ, ער האָט דערזען אין אַ ווינקל ביי דער וואַנט ציטערן פאַוועטינע־פעדים. און אַ שפּין מיט לאַנגע געבויגענע פיס לויפט הין און צוריק, בינדט און פלאָנטערט די שוואַכע פליג. אין ר׳ וועלוועלען האָט זיך אַ כעס אָנגעצונדן. ער האָט אָפּגעבראָכן אַ ריטל פון בעזים און זיך אַ יאָג געטאָן צום משחית. — צעריסן די נעץ. די פליג האַלב־פאַרחלשט, האָט ער מיט גרויס אָפּגעהיטקייט אַוועקגעלייגט אויפן פענצטער קעגן זון. ער האָט זיך געפּאַכעט מיט דער רויטער פאַטשיילקע אין בלומען. אויך געוואַשן די הענט. געמאַכט אַ ברכה און געטרונקען וואַסער, איין ניט ריכטיקער שלונג איז אים אַריין אין דער לינקער קעל. ער האָט זיך פאַרהוסט, פאַרטרערט. די רביצין האָט זיך באַוויזן, האַלטנדיק אַ וואָלן יאַקל אין האַנט.

— וואָס איז געשען? פון דיין טאַבאַק, וואָס דו שמעקסט, וואָלט אַ בער געהוסט. לייג זיך אויף דער קאַנאַפּע. די גמרא וועט ניט

אַנטלויפֿן. זע בעסער וואָס פּאַראַ היזק כ׳האָב געהאַט, — מאָיל האָבן אויפֿגעגעסן מיין יאָקל. מען דאַרף זיך אַרומזען מיט די ספרים, די מילבן קענען זיי פּאַרטיק מאַכן.

אָבער די רביצין האָט שוין גוט געקענט איר מאַן, דעם וואויל־לערנער — רייד צו אים, ווי צו דער וואַנט. פּאַרטאָן, פּאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. האָט ער נאָך מזל וואָס זיין ווייב האַלט אים ווי אַן אתרוגל אין וואַטע...

— אַן אשה, האָט ניין מאָס רייד, — האָט ער נאָכגעטראַכט ווען זי איז אַרויס. אַלץ געפינט מען אין דער גמרא. אונזערע הייליקע ספרים לערנען מעשים־טובים. און דער זינדיקער מענטש איז גע־שטראָפט, ער קען ניט זיין קיין צדיק גמור. אַנומלטן האָט ער אַליין געזען ווי די רביצין האָט געריסן די שופּן פון אַ לעבעדיקן פיש. פון דעמאָלט אָן איז ער ניט טועם קיין פיש. — זי טענהט: וועלוועלע, עס וועט דיר געבן כוח צום לערנען. כ׳האָב אויסגעפּונען, מיר פּאַר־שאַדט פיש.

און פּאַרשעמען, זאָגט די די תורה, איז ווי פּאַרגיסן בלוט. אין אַזאַ אופן מעג מען זאָגן אַ ליגן. ער האָט אויך געזען ווי די רביצין שמירט מיט אַ פלעדערוויש די שפּאַלטן פון די בעטן. זי ברענט און בראָט דאָס אומפּלייט. אַזוי געשטראָפט איז דער מענטש, ער זאָל זיך ניט ווערן פון די משחיתים, וועלן זיי אים אויפֿעסן אַ לעבעדיקן. — ער איז ניט קיין צדיק ווען ער האָט דערציילט דער רביצין: אַז אַ מייזל גריזשעט ביינאַכט און לאָזט אים ניט לערנען. האָט זי אויף מאָרגן געבראַכט אַ קאַץ. און ס׳איז שטילער געוואָרן. און ער לערנט דורך די נעכט. אויך מיט ליבשאַפט אַ קוק געטאָן אַמאָל אויף דער קאַץ, וואָס איז געזעסן מיט אַנגעצונדענע אויגן, אַ לויערנ־דיקע. נאָר די קאַץ האָט אויך געכאַפּט אַ פּסק. זי האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זאַלץ־ברעטל אַ הינערש לעבערל. חוץ וואָס די רביצין האָט זי מיט אַ האַנטעך געשלאָגן, האָט זי זי ניט אַריינגעלאָזן צוויי טעג אין שטוב. און די אָרעמע באַשעפעניש, נעבעך, האָט געמיאַוקעט,

געווײנט בײ אַלע פּענצטער. ער האָט געדאַרפט אַ סך אײנטענהן מיט דער רביצין, זי זאָל איר פאַרגעבן די זינד...

דאָס איז אַלץ געוועדט געוואָרן אין אײן אָרעם קלײן שטוב. זײנען אַוודאי דאָ אַזױפיל שונאים, וואָס מען ברענגט אום אײנער דעם צווײטן. וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די וועלדער? אין די פעלדער, אין די טײכן, אויף דער גרויסער וועלט?...

ער האָט זיך אױפגעהױבן פון קאַנאַפּע אַ צעטומלטער. דער־נאָך האָט ער געשפּרײזט איבערן חדר, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט ספרים. ער האָט פאַרמאַכט די גמרא. אַז מען לערנט ניט טאָר קײן ספר ניט זײן אָפן. ער האָט אױפגעעפנט די פענצטער און אַרויס־געקוקט: פיל בײמער אָנגעטאָן אין גרינע בלעטער האָבן געצירט דעם דרויסן. צום הימל האָבן טויבן געשוועבט און ווי גוטע בשורות געטראָגן. און די זון האָט ערלעך געשײנט און געוואַרעמט. און קינ־דער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. זײער יונג לאַכן איז געווען אומ־שולדיק רײן. און שײנע אידן האָבן געשפּאַצירט, די פנימער געלײ־טערטע פון תורה און חכמה. —

ער האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און אַ באַרואיקטער, אַ גע־שטילטער זיך קריק אָנגעבויגן צו אַ ספר...

ביי די ברעגן פון ניעמאַן

ער איז אַרויס פון זיין היימשטעטל אויפן וועג — צווישן פעל־ד׳ער. זיך אָפּגעשטעלט. געקוקט אויף צוריק — די הייזער — הור־בעס שטיינער. אין די אויסגעלאָשענע שטיבער וואָרצלען אידישע משפחות. ציען זייער יחוס פון אברהמען. „וואו גייסטו?״ — האָט ער זיך געפרעגט. „זוך דיין מזל״ — האָט אים אַ בת־קול געענטפערט. ער איז אַוועק, אַוועק, זיך ניט אַרומגעזען ווי ס׳איז טאָג געוואָרן.

פרימאָרגנדיקע ווינטלעך האָבן געוויט. אָפּגעדעקט, געהויבן די נעפּלען. ווען אַ מענטש איז אויפן פעלד, קומט צו אים נבואה. אין שטילקייט ווערן געעפנט פאַרבאָרגענע וועגן צו דער הויכקייט. ס׳איז גוט צו שפּרייזן, די טריט קלאַפּן ווייך. דער וועג איז אָנגע־פייכט פון פרימאָרגן־טוי. ער דערנענטערט זיך צום דאָרף. עס קרייען הענער. הינט בילן. אַ קינד וויינט. רויכלעך קרייזן פון קוימענס. אויסגעמיטן דאָס דאָרף, איז ער אַוועק אויף די וועגן. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג, אַרויפגעשטיגן אויפן באַרג, האָט זיך דאָס שטעטל בעלזין באַוויזן. דער ניעמאַן — אַן אויסגעגאָסענער איבער ווייטע, ווייטע פעלדער. אַ סך מענטשן האָט ער געזען פון ווייטן. קולות — ווי מען וואָלט זיך געשלאָגן. דער גאַנצער ברעג איז געווען פאַר־וואַלגערט מיט קלעצער, ברעטער, שפּאַלן. קאַסטנס געשטעמפּלטע. זעק אָנגעהאַנגען מיט פּלאָמבעס. שיפן צוגעבונדענע מיט שטריק, מיט קייטן צום ברעג. פון זייערע קוימענס האָט לייכט געגרויכערט. בלינדע באַטן אָן פענצטער, אָן קוימענס. אין זיי האָט מען אַריינגע־קייקלט פעסער הערינג, פעסער טראָן. די ריחות פון דזיעגעכץ, עסיק האָבן דורכגעגעסן דעם דרויסן.

ער איז צוגעגאַנגען דרייסט צום שטיבל וואָס האָט געהייסן די קאַנטאָרקע, איינגעשריבן זיין נאָמען.

אַרויסגעקומען אָנגעטאָן אין ברייטע הויזן, אין אַ גראָבער לאַנ־גער מאַרענאַרקע, שווערע, יוכטענע שטיוול און מיט אַ נומער אויפן

לאָז. באַלד זיך אויסגעמישט מיט די פּאָליאַקן, רוסן, אידן. די הויכע רייד האָבן געריסן זײַנע אויערן. אים האָט זיך געדוכט מען מישט איבער איינער דעם אַנדערן. ער האָט געדזשוויגעט קלעצער, געטאַסקעט קאַסטנס. זײַן שכן, אַ איד אַ בער, האָט אים געזידלט — „רוק אונטער דעם דראַנג!" „צענעם די ידים"!" אַלע האָבן זיך געזידלט, געשריען. אָבער אויף זייערע פאַרשוויצטע פּנימער האָט געהויערט פרייִנטשאַפט. און ווען ער האָט אויפגעשריען, ער האָט פאַרקוועטשט אַ פינגער, האָבן זיי אָפּגעלאָזן די זעק און קאַסטנס. די זאָרג האָט די רויִע מענטשן געמאַכט אויסקוקן, ווי מדבר־אַסקעטן, וואָס זײַנען אײַנגאַנצן אויסגעטאָן פון גוף.

מיטאָג־צײַט זײַנען זיי געזעסן אין גרופּעס. געגעסן ווי חיות, געריסן שטיקער ברויט. בייִנער האָבן געקנאַקט. געטרונקען פון קענדלעך, קריגלעך. נײַן, ניט געטרונקען, — געכליאַבעט, געסמאַקעוועט און זיך באַלעקט. ער איז געלעגן אויפן אויסגעמאַרדעוועטן גראָז מיט אַ פאַלק פון אַרבעטער. זיי האָבן געדרויכערט ליולקעס. גוטער געמיט אויף זייערע פּנימער.

ער האָט געטראַכט: דער בן־אָדם קען זײַן אי אַ חיה, אי אַ מענטש. סיי אַ טייפל, סיי אַ מלאך. עס מישט זיך די ליכטיקייט און די פינצטערניש. פייער קאָכט וואַסער און וואַסער — לעשט פייער.

אַ שטאַרקער פייף אַ געצויגענער, אַן אומעטיקער האָט אויפגעהויבן די אַרבעטער אויף די פיס.

ער האָט באַמערקט, דעם צווייטן האַלבן טאָג זײַנען די אַרבעטער שטילער געוואָרן. אויף זייערע פּנימער — בענקשאַפט נאָך די היימען. זייערע מידע גלידער האָבן געלעכצט נאָך רו און שטילקייט. די זון שוין מערער גענויגט צו מערב, האָט באַלויכטן זייערע שטריכן, ווי איבערגעגעבן זייערע אינערלעכע פאַרלאַנגען: באַלד וועלן זיי ווערן באַפרײַט, צו גיין איבער אַלע שטעגן, צו די היימען. אַ הונט וועט שפּרינגען צום פּנים מיט פרייִנטלעכן בילן. אַ קינד וועט לויפן אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך. אַ ווײַב וועט שטיין אויפן שוועל גלוסטיק מיט שטילער פרייד. ווי גוט עס וועט

ווערן ביי די טישן, די מאכלים וועלן פאַרשמעקן. — וואו וועט ער גיין? ביי וואָסער טיש וועט ער היינט עסן?

ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט מיד און פאַראייניזאַמט. אים האָט זיך געדוכט, — ער איז טויזנטער מייל פון דער היים.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער אַכסניה. וואָס איז געשטאַנען ביים שאָסיי. דאָס הויז — אַן אַלטע, הילצערנע מיט פיל פענצטער און טירן, מיט גרינעם מאָך אויפן שינדעלנעם דאַך. צו דער הויז צוגעבויט אַ סטאַדאָלע, מיט אויסגעקרימטע ווענט — געבויגן אויף אַ זייט. די אַלטקייט, אָפּגעלאָזנקייט פון די גאַניקעס, טויערן און צאַמען, האָבן געהאַלטן איינגעשלאָסן מעשיות, לעגענדעס. שפּעטער איז ער אַ זאַטער, אַ מידער, נאָך לאַנג געזעסן אין דער קרעטשמע. די לאָמפּן — אונטער אַ וואָלקן פון רויך און פּאַרע. אים האָט זיך געדוכט — ער געפינט זיך אין אַ באָד, נאָר די אָנגעפּאָרענע מענטשן גייען אָנגעטאָן. עס זיינען געזעסן אַ חברה אָקסן־הענדלער אין בורקעס, שמויסענע היטלען. געפּאַקטע אידן מיט קאַרקן, קוּפּערנע שטערנס. ער האָט געטראַכט, פון זייערע הייסע גראָבע דיבורים ווערט די קרעטשמע זיך אָנצינדן. זיי האָבן געררויכערט, געשפּיגן. איינער פון זיי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש — האָבן די שויבן געציטערט: „שמייסערס זענט איר, ניט קיין סוחרים! אָקסן קענען אַלע קויפן, מען טאָר זיי אָבער ניט פאַרשאַכערן!" אַ צווייטער, וואָס די וואָנצעס, באָרד און די האָר פון זיין קאָפּ זיינען געווען איין געמיש, האָט געברומט: — „איבערן גרענעץ האָט מען ליב פעטע פלייש. איידער מען טרייבט זיי אַריבער אויף יענער זייט, דאַרף מען די רינדער גוט אונטערפּאַשן. אויף ברייטע לאָזן שטיין, מיט קלייען קאָרמענען. די הערנערדיקע חיות בענקען נאָך זייערע פעלדער און שטאַלן".

ער האָט פאַרנומען די רייד ניט נאָר מיט די אויערן. זיין גאַנץ וועזן איז געווען דורכגענומען מיט די פרעמדע אידן. ווי זיי וואָלטן געוואַקסן אויף אַן אַנדער ערד.

שפּעט. אַ שווער־פאַרדרעמלטער — האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש. און מיטן פרימאָרגן איז ער שוין געשטאַנען אין ריי זיך

איינצושרייבן אין קאָנטאָרקע. דערנאָך געוואָרט ביז אַ שאַרפער פּייפל האָט פאַרהילכט די פּוסטקייט.

דעם ערשטן האַלבן טאָג האָט ער סאָרטירט פיש. די העכט, שלייענס, יאַלצעס, פּלאָטשעס, אין באַזונדערע קאָשן. ער האָט אַליין אויסגעקוקט, ווי אַ גרויסער פיש. נאַס און גליטשיק, אָנגעקלעפּט מיט שופּן.

אויף דער אַנדערער זייט ניעמאַן האָבן פּויערים מיט פערד און וועגענער זיך געשטופּט צום פּאַראָם. קעלבער, שעפּסן האָבן געמעקעט, געבלעקעט, אויסגעשריען טעמפּע בענקשאַפטן נאָך זייערע שטאַלן און פעלדער. זיי זיינען געלעגן געבונדענע אין די וועגענער, פאַרמשפּטע צו דער בוינע. פול מיט צער און בענקשאַפט איז ער געשטאַנען געבויגן ביי דער אַרבעט לעבן דעם ברייטן, שטראָמיקן, פּיל־וואַסערדיקן ניעמאַן.

— פאַרנאַכט, די אַרבעטער זיינען שוין געווען אין זייערע היי־מען. ווייט האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך אין די פערמעס אין די לאַנגע דערפער, וואָס האָבן זיך געטוליעט ביי די ברעגן פון ניעמאַן. אין די ברייטע וואַסערן, וואָס זיינען ווי פאַרצויגן געוואָרן מיט טיול, מיט פּאַרע, האָבן זיך געשפּיגלט די פייערלעך מיט די שטערן פון הימל, און זיי האָבן געטאַנצט צוזאַמען אין די וואַסערן פון טייך. ער האָט זיך דערמאָנט אין די לעגענדן פון די ליטווישע געגנטן. מען האָט דערציילט, אַז יעקאַטערינע די גרויסע האָט פאַרשאָלטן דעם ניעמאַן, ווייל אירער אַ זון האָט זיך אין אים דערטרונקען. פון דע־מאָלט אָן האָט זיך דער ניעמאַן איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער בעט און בייזער זיינען געוואָרן זיינע וואַסערן.

יוסף איז אַריינגעפאַלן אין קרעטשמע אַ פאַרטומלטער פון הייסע געפילן. געשטילט פּאַמעלעך דעם הונגער. אויך מיט די שעה׳ן איז די מידקייט צעגאַנגען. — ביי אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן וואַלד־סוחרים. אויפן מיטן טיש — אַ סאַמאָוואַר. מיט גלעזער טיי אין די הענט האָבן זיי געשמועסט: אין געהיליץ ליגט גרויסע סודות, מיר ווייסן נאָר אָנצודינגען מענטשן מיט העק און זעגן. די אָפּגעשניטענעביימער לאָזן מיר מיט די טייכן אין שטעט. דאָס איבעריקע גייט אין

ניוועץ. אַ בוים האָט וואָרצלען. מיט די וואָרצלען בינדט מען פליטן. זיי פוילן ניט אין וואַסער. אויך טרייבט מען דזיגעגכץ פון די וואָרצלען. „און וואו איז דאָס זעגעכץ?" האָט אים איבערגעשלאָגן אַ צווייטער איד. די פּאַלאַווינעס שיט מען אויס אויף די פּאָדלאָגעס. עס שמעקט מיט וואַלד און עס ציט אויס די פייכקייט. און די קאָרע — אין גאַר־בערייען.

מיט אַמאָל איז אין קרעטשמע געוואָרן שטיל. צוויי אידן האָבן זיך באַוויזן. דער עלטערער האָט געהאַלטן אַ צעעפנטע פּאַטשייל־קע. אויך ער האָט בייגעשטייערט. „זאָלן אידן בעסער קלייבן אויף ספר תורות" — האָט איינער פון די וואַלד־סוחרים געזאָגט, און דער־לאַנגט אַ „קאַטערינע". זאָלן זיי געבענטשט זיין, די בני ישראל. האָט דער עלטערער איד געקושט די מזוזה. די צוויי אידן האָבן אויסגע־טרונקען די וואָכעדיקע רייד. מעשים טובים האָבן זיך מער ניט גע־קלעפּט מיט מסחר. נאָר איינער אַ איד, וואָס איז געזעסן אָפּגעזונ־דערט ביי אַ טיש, איז אַרויס בקול־רם:

אַלע יאָר ברענט דאָס שטעטל. נעכיי וואָלטן זיי אויפגעשטעלט מויערן. דעקן די דעכער מיט בלעך. און פּרייטיק צו נאַכט פאַרשליסן די קעץ, וואָס שלעפן אַראָפּ די טישטעכער מיט די ברענענדיקע ליכט!

— דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

ער איז אַרויס פון קרעטשמע. אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט טריט. טיפע נאַכט איז געווען פאַרשפּרייט. שטיל, פינצטער און אומהיימלעך. אין דער שטילקייט האָט ער געהערט דאָס ווייטע רוישן פון ניעמאַן. אויך אַ פייף, אַ צעצויגענער, אַן אומעטיקער פון אַ לאָ־קאָמאָטיוו, וואָס האָט געפירט באַלויכטענע וואַגאָנען אויף בלישצענ־דיקע רעלסן. אַ פור האָט אויפן שאָסיי ווייט און דראָבנע געקלאַפּט. אויך זיין בענקשאַפט האָט טיף גערעדט, פון פריינט, חברים און איבער אַלעמען — שיינדלען.

ער וועט גלייך גיין אין קרעטשמע איר אָנשרייבן אַ בריוול. זי וועט דאָס בריוועלע קערן אויף אַלע זייטן, לייענען, לייענען. די אויגן וועלן ביי איר שיינען. זי וועט ענטפערן: קום אַהיים, איך בענק נאָך דיר!

אויפן געלעגער האָט ער נאָך לאַנג געקוקט אויף די אויסגע־לאָשענע שויבן. די נאַכט האָט מיט די ווענט און פענצטער געשפּאַרט אויף אים. ער האָט זיך געפונען ווי אין אַ ליולקע. וואָס שווערער עס זיינען רעיונות אויף דער וואָך, אַלץ שטאַרקער איז דער שלאָף, ווען ער קומט שוין.

ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, האָט ער מיט ווינט געצויגן די זאַכן אויף זיך. ער האָט געשפּאַנט, אָפּגעפרישט אין גֿעיוגנטן מאָרגן צום ניעמאָן. דער הימל — אַ ריינער און די זון — אַ געשטראַלטע אין ברעג הימל. זי האָט שטאַרק באַלויכטן, פאַרגאָלדיקט די גרויסע וואַסערן. די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין מענגעס, האָבן געזונגען — און ווייטע עכאָס פון יענער זייט באַרגיקע וועלדער האָבן געענטפערט. דאָס געזאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם טרובן פון די שיפן, מיט דעם אומעטיקן פייפן פון די וואַסער־פייגל, וואָס האָבן געשניטן, בידעריק איבערן טייך, באַרירנדיק מיט זיי־ערע שפּיצן פליגל די וואַסערן, וואָס האָבן געשוימט און געפּליעטשעט.

יעדן טאָג איז יוסף געווען פאַרנומען ביי אַנדער אַרבעט. אויך האָבן זיך געביטן פיל מענטשן, אַנדערע קולות און שפּראַכן. די פעלדער, וועלדער און די לעבעדיקע, גרויסע וואַסערן האָבן געטראָגן געזונטע, שטאַרקע ריחות. די ווינטן, די זון און די גרויסע אָפּנקייט מיט ריינעם, שטאַרקן אָטעם. די כוחות האָבן געשפּאַרט דורך די אַקסלען, געשטייפט די מוסקלען מיט אָדערן — פולע און שלאַגנדיקע. זיינע פּלייצעס זיינען אויסגעברייטערט געוואָרן, ווי שטאַרקע ברעטער וואָלטן אין זיי אַריינגעוואָקסן געוואָרן. אָבער דאָס בעקנעניש נאָך שיינדלען האָט געטאָטשעט. איר געשטאַלט איז ניט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך געשטילט מיט ניגונים אונטערן נאָז, צווישן די ציין, — דינע בענקענדיקע מעלאָדיעס.

ער האָט זיך שוין אַביסל צוגעוואוינט צו דער קרעטשמע. דאָ האָט ער זיך געוואַשן, איבערגעטאָן, געגעסן צוזאַמען מיט פרעמדע אידן ביי לאַנגע טישן. דאָ האָבן זיך אים געעפנט אַ סך פענצטער צו דער וועלט. אויך האָבן די באַלעבאַטים פון קרעטשמע מיט אים גערעדט — ער זאָל זיך אָפּשטעלן ביי זיי. זיי איז געפעלן געוואָרן,

וואָס ער האָט זיך געכאַפּט העלפֿן יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט: — ער האָט געטראָגן הייסע סאַמאָוואַרן, גרויסע שיסלען געזייערטע אוגערקעס. ער איז געוואָרן אַ בן־בית, און די געסט האָבן גערעדט פון אים מיט ליבשאַפט — „דער בחור האָט אַ סך אידישן חן".

מיט די אַלע איבערגעשטורעמטע געפילן פון די נאָענטע טעג, איז ער איצט געזעסן אין דער קרעטשמע אויסגעמישט מיט פיל בייע, אָנגעפּאָרענע געסט. — מיטאַמאָל איז אין דער טומלדיקער קרעטשמע שטיל געוואָרן. דריי נייע אידן האָבן זיך באַוויזן. זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל. אויף די געסט האָבן זיי געקוקט אומעטיק. אויך די געסט האָבן געקוקט פרעמד אויף זיי. באַלד זיינען זיי אָבער היימישער געוואָרן. איינער האָט פון שייד אַרויסגענומען אַ פידל, געפּרואווט די סטרונעס, דורכגעפירט לייכט דעם סמיק, פאַרקוועטש די שליסלען ביים האַלז פון פידל. דער צווייטער איד האָט שוין געהאַלטן אויסגעצויגן דעם פייפאַל. אַריינגענומען דאָס פיסקל פון פייפל אין זיין מויל, מיט די פינגער אויסגעשפּרייט אויף די לעכלעך. מיט איינמאָל האָבן די צוויי מוזיקאַנטן אַ שפּיל געטאָן. דער דריטער האָט מיט אַ שטילן אומעטיקן קול געזונגען. דאָס איז געווען אַ ניגון, וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן. זיין שטים איז געקומען ווי פון אַ תפיסה־טיר. די געסט האָבן זיך איצט געפונען אויף אַ פרעמדער חתונה. דאָס אומעטיקע שפּילן און זינגען האָט אַריינגעפירט יעדערן אין זיינע בענקשאַפטן. מנגנים האָבן שטיל צוגעברומט. אַנדערע האָבן לייכט צוגעקלאַפּט מיט די פינגער אויף די טישן, אויך מיט די פיס — צום טאַקט.

דער אומעטיקער „וואָלעך" האָט די געסט צעגומען. זיי זיינען געזעסן ווי אָפּגעמאָלטע פון אַ געטלעכן מאַליער, אויפגעהויבענע, אָוועקגעטראָגענע פון דער ערד. די מוזיקאַנטן זיינען געשטאַנען אין זייערע אָרעמע מלבושים — צעשפּילטע, ווי דער ווינט וואָלט געריסן זייערע פּאָלעס, זייערע צעקודלטע האָר. ער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיי. אַ מתנה פון גאָט ווער עס קען זיך דורכרעדן אין נגינה. עס ליגן פאַרפּרעסט שטומקייטן אויפן האַרצן. נאָר דורך סטרונעס און פייפלעך קען מען עס דערציילן. ער וואָלט איצט

די וואַנדערנדיקע אידן דורכגעטראָגן אויף די אַקסל. זיי וואַלטן אויסגעקוקט ווי די פייגל אין גן עדן.

ער האָט געטראַכט, אַז זיין אַפּשטעלן זיך אין קרעטשמע איז צום גוטן. ווער רעדט אין די שווערע ווינטער חדשים — איז ער אַפילו געווען צופרידן. די טיפע שנייען, בייזע זאַווערוכעס און פרעסט ס׳איז געווען אַ מורא זיך ערגעץ אַרויסלאָזן. — דאָ אין קרעטשמע איז געווען לעבעדיק, פריילעך. ס׳האָט זיך דאָ געטומלט, ווי אין אַ וואָקזאַל. ס׳האָבן זיך געביטן אידן פון נאָענטע, ווייטע געגנטן. מען האָט געשלאָסן געשעפטן, שידוכים. מען האָט זיך געהיצט וועגן גלות און הייליקן לאַנד. דאָ זיינען איינגעשטאַנען רבנים, מגידים, חזנים. אין דער אַלטער הויז, אויף דעם וועג וואָס פירט צו גרויסע שטעט, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אידישע וועלט. דאָ איז דערציילט געוואָרן פון אידישע ליידן און חריפות.

אין דער קרעטשמע האָט מען פאַרטאַכליעוועט פורן מיט פּראָ־וויאַנט, אויסגעזשליאָקעט פעסער וויין. גרויסע לאַבנס ברויט זיינען אונטער די הענט פאַרשוואונדן. וואורשטן, טרוקענע קעזן, שפּראָטן און קאַוויאַר. אַ מענטש אונטערוועגנס זשאַלעוועט ניט די קאָפּיקע.

ס׳איז שוין געווען ווייט אין פרילינג. האָט איינער פון די באַלעבאַטים מיטגענומען יוספן אין גראָדנע. ווען ער האָט זיך אויפ־געזעצט אויף דער שיף, האָט ניט גענומען לאַנג — די שיף איז אָפּגעשוואומען. ער האָט געקוקט דורך די פענצטער — דערפער זיינען געלעגן צעשאָטן ביי די ברעגן פון ניעמאַן. די פויערטעס האָבן געפאָכעט מיט פאַרביקע טיכלעך. קינדער האָבן נאָכגעשריען. עס האָט זיך געצייכנט אַ ווינט־מיל, מיט גרויסע הילצערנע פליגל. אַ געפאַרבטע הויז, אַ קלויסטער מיט אַן אַנגעגליטן קופּאָל. — ס׳האָט געדויערט עטלעכע שעה און מען האָט שוין געזען פון וויטן, פאַר־נעפּלט — גראָדנע. עס האָבן געבלישטשעט אַ סך בלעכענע דעכער. די שיף האָט קורץ און גראָב געטרובעט.

ווען זי האָט זיך פאַראַנקערט, האָבן די פּאַסאַזשירן זיך אַ לאָז געטאָן פון שמאָלן בריקל. אייניקע צופוס, אַנדערע אויף דראָנטשי־קעס. פורמאַנעס זיינען געזעסן אויף די קאָזלעס, מיט בלעכלעך אויף

די היטלען און מיט נומערן. די פערד — מיט געשװירענע עקן און רימענע דעקלעך בײ בײדע זײטן אויגן. ער װאָלט צופרידן געװען גײן צופוס, באַטראַכטן פּאַמעלעך דעם אײזערנעם בריק, װאָס איז אַריבערגעצױגן איבער דער ברײט פון ניעמאַן. װי האָבן דאָס מענטש־לעכע הענט אױפגעהױבן די מאַכינע? װען ער האָט אַראָפּגעקוקט פון בריק צום ניעמאַן, האָט זיך אים געדרײט דער קאָפּ. נאָענט לעבן בריק שטײען רויטע קאַזאַרמעס. סאָלדאַטן מושטירן זיך. קוקנדיק אויף זײ, װערט אומעטיק, מען פאַלט אַראָפּ בײ זיך. די מענטשן אין גרינע מונדירן, מיט מעשענע קנעפּ, װעלן אַמאָל צעטרעטן פעל־דער, אויסרײסן װעלדער, פאַרברענען ישובים. גאָטס קינדער, װאָס זײנען געקומען אַ קוק טאָן אויף דער שײנער װעלט, װעלן געפּײניקט און פאַרטריבן װערן. הונגער, פאַרװיסטונג װעט דורך יענעם לאַנד דורכגײן, װאו די מענטשן אין די גרינע מונדירן װעלן דורכטראַמ־פּלען. װען מען האַלט די ביקס אין די הענט, מאַכט זיך דער טײװל אַ װאױנונג אין האַרצן. די הױכע מױערן זײנען אויסגעקומען יוספן, װי אַ הױז אויף אַ הױז לאַגערט. מען גײט אויף בײדע זײטן גאַס אין געדיכטע מענגעס. די היץ איז גרױס און די שטײנערנע טראָ־טואַרן מידן אײן די פיס. עס שטײען צעעפנטע קראָמען פאַרלעגערט מיט סחורה. װאָס געפינט מען ניט אין די געשעפטן? מאַנופאַקטור, אײזן פאַרטיקע קלײדער. דער מענטש דאַרף אַלץ! אין די געשעפטן מעסט מען שיך, גאַרניטערס, מען שנײדט סחורה, מען פּרואװט אינ־סטרומענטן. עס קומען אויך אַרײן אָרעמע לײט מיט אויסגעשטרעק־טע הענט. אַנדערע, אָנגעשפּאַרט אויף שטעקנס, שטײען הכנעהדיק שטום בײם שװעל. מען גיט אַ פּרוטה, אַ גראָשן. דעם אָרעמאַן, װאָס מען קען — גיט מען מערער. אין דער גרױסער שטאָט שרײט די רײכקײט. בײ דער זײט װײנט די אָרעמקײט. דאָ גײען מענטשן אַרום פרײע, לאַכנדיקע. װי אַ פעלז, שטײט דער קאַזעמאַט. דורך זײנע פאַרגראַטעטע, קלײנע פענצטער קוקן פאַרשפאַרטע מענטשן, װי בלודנע שאָף. בײנאַכט צינדן זיך קינאָמאַטאָגראַפן, טעאַטערס, בור־לװאַרן. דעמאָלט זײנען אין די אָרעמע קװאַרטאַלן אויסגעלאָשן די ליכט. די אָרעמע רוען אויס די בײנער — מען דאַרף זײ צוריק

מאָרגן פירן אין פאַבריק, אין ווערקשטאַט. אויך די קליינע קינדער ליגט מען פרי שלאָפן, זיי זאָלן פאַרגעסן פון זייערע ווײלעכצן.

אין די טעג, וואָס יוסף האָט זיך פאַרזאַמט אין שטאָט, האָט ער געלערנט, ווי שווער עס שלאָגט זיך דער אָרעמער מענטש פאַרן שטיקל ברויט. דאָס האָט ער געזען אין פאַרשטאָט, וואו די אָרעמע וואוינען. מען האָט אים גערופן — „וויל ער וויסן זיין מזל?" זאָקן אויף די טוצן — ביליק, וואשן זיך גוט. הייסע אַרבעס, מאַנטייגלעך אַ איד — אַרומגעהאַנגען מיט שלייקעס, שיך־בענדלעך און לעדער־נע פאַסן, איז געשטאַנען צוגעשפאַרט צו אַ וואַנט מיט זיינע טרויער־אויגן שטאַרק גערעדט.

ער האָט זיך אָפּגעלאָנטשעט פון קרעטשמאַר, געוואָרפן אַן אומחן וואָס ער האָט פאַרקנעכט, האָט ער נאָך געמאַכט מיט דער בלאַטע צוגלייך. — „פאַר דעם צאָל איך דיר געלט! דיך מיטגענומען אַרויס־צוהעלפן, צום סוף — לויפסטו ווי אַ ווילדער. כאַטש נעם און פיר דיך פאַר אַ שטריק". — איצט איז ער פריי, אַליין גאַנצענע טעג מעסט ער די אָרעמע, פאַרוואָקסענע קוואַרטאַלן.

פון אַלע פענצטער און טירן ווימלט ווי פון בינשטאָקן. שילדן און שילדלעך מיט אידישע און רוסישע אותיות. בעלי־מלאכות, צו־געשמידטע צו די ווערקשטאַטן, טישן בענקלעך, וואַרפן הייסע בליקן אין גאַס אַרויס, וואו פורמאַנעס שרייען אויף זייער צעשוויצטע פערד. קינדער לויפן געשמיידיק איבער די שמאָלע טראָטואַרן. זיי יאָגן זיך אין די אָרעמע היימען, אין די קעלערס, אויף די בוידעמס. אין די היימען לייגן זיי אַוועק די ספרים, די ביכלעך. זיי רינגלען אַרום די מאַמעס. די אָרעמע קינדער פּיעשטשען זיך ניט, זייערע שאַרפע ציינדלעך מאָלן וואָס מען גיט זיי. זיי כליאָבן די מאָגערע זופן — אויסגעמישט מיט סטוסאָקעס און קללות. זיי טומלען, טוען אַן אַ היזק. אָרעמע קינדער וויינען אָבער קורץ. זייערע פּנימער — פאַר־נעצטע, פאַרמורזעטע צעשיינען זיך. זיי זיינען ווי הינטלעך צוגע־וואוינט צו זייער דאָליע.

שפּעט אין די נעכט איז געווען אַ מורא צו גיין אין די אָרעמע, אויסגעלאָשענע, שמאָלע, קרומע גאַסן. די פיס לינקט מען אויס אויף

די צעבראָכענע, שמאָלע טראָטואַרן. לעבן די גאַניקעס זיצן פּאַר־טייעט בחורים און מיידלעך. זיי פירן זייערע ליבעס טיפער, ווי די רייכע. אין דער טונקלקייט, אויף האַרטע בענק, פלאַקערט דאָס ליבע־פייער שטאַרקער. ער שפּאַצירט אָפט אין די רייכע קוואַרטאַלן, וואו די גאַסן זיינען ברייט באַלויכטן מיט גרויסע לאָמפּן, אויסגעמישט מיט שטאַרקע ליכטער פון די געשעפטן. עס שפּאַצירן שטאָט־באַ־אָמטע — געאָרעמט מיט דאַמען. עס גייען דאַמען מיט אויסגעבאָ־דענע הינט אויף קייטלעך. אויף די רייכע גאַסן פאָרן שיכורע הול־טייעס אין קאַליאַסקעס. פון טאַנץ־זאַלן שאַלט מוזיק און פון די רויטע, ראָזע לעמפּלעך ליכטיקט אויף אַ שטיק גאַס. אין די פּאַרקן דרייען זיך אַרום פּאָליצייַ־ליַיט, מיט בייזע אויגן און וואַכע אויערן. — אויף די רייכע גאַסן קאָכט דורך די נעכט אין די קאַפייען, רעס־טאָראַציעס און ביר־שענקען. אַ סך פאַרדעכטיקע געשטאַלטן שטייען אין די ווינקלען — זייערע אויגן נעמען דורך ווי שפּיזן.

ער איז זאַט געוואָרן פון גרויס־שטאָטישן לעבן. אים איז מיאוס געוואָרן די ענגשאַפט, דער טומל.

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָכן שטילן, דאָרפישן, שטעטל־דיקן לעבן, וואו גאָט און מענטש, הימל און ערד זיינען אַנטפּלעקט. ער האָט געוואָלט אַהיים! און שיינדל איז פון זיינע אויגן ניט אָפּ־געטראָטן. אין שטאָט זיינען אַראָפּגעפאַלן היצן — ניט צו אָטעמען, ניט צו קילן דעם געמיט.

טאָקע דעמזעלבן טאָג איז ער שוין געווען אויף דער שיף, און דעם גאַנצן וועג זיך געפילט צערודערט. ס'האָט גערעגנט, געדו־נערט, געבליצט. און דער ניעמאַן האָט שטאַרק געוויגט די שיף. די גרויסע שטאָט האָט זיך אָפּגערוקט, פאַרזונקען אין איר רויש און טומל. שטילקייט פון פעלד, וואַלד, און אויפגעדעקטער, הויכער הימל, האָבן טיפער געמאַכט זיין אומעט.

אַראָפּ פון שיף, אויסגעמיטן די קרעטשמע, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. צענומען די הענט ווי פליגל. און פול מיט שמחה איז ער געוועזן, ווען ער האָט דערזען בערל דעם בעל־עגלה פון זיין שטעטל.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט אים בערל אָנגעקוקט.

— גאָט האָט אייך געשיקט. איך וועל מיט אייך פאָרן אַהיים.

ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, האָט בערל פאַרבונדן די לייצן. געלאָזן גיין דעם פערד פוס־טריט. האָט ער אַרויסגעגראַבלט פון פאַלוקאַשאַק אַ פלעשל: — פון פלעשל דאַרף מען וויסן ווי צו טרינקען. — דערנאָך האָט ער אָפּגעבונדן די לייצן, און אַ יאָג געטאָן דאָס פערד. — „ריר זיך, פּגירה! דיר געגעבן ריינעם האָבער, האָסט געררוט אין שאָטן. דיך צוגעדעקט מיט אַ רעדנע, די פליגן זאָלן ניט בייסן. וועסטו זיך פוילן און מאַרודיען — וועט דיין פעל הענגען אויף אַ פּלויט". דאָס פערד האָט ווי פאַרשטאַנען, גענומען שטעלן פיס, געגאָסן, אַרויסגעקלאַפּט פונקען מיט די פּאָדקאָוועס פון די שטיינער, געשאָקלט די גריווע. די סאָפּענדיקע זייטן זיינע האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די האָליאָבליעס.

— יאָ, יוסף! — האָט בערל ניט געקענט איינהאַלטן זיין לויזן צונג. — דער ווערט געבאָרן, דער שטאַרבט. וויפל איז דיין באָבע, דיר צו לענגערע יאָר, אַלט געווען?

יוסף האָט זיך אַ הייב געטאָן פון וואָגן, בלאַס געוואָרן. גרויסע טראָפּנס זיינען אים אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן.

— סאָראָ אָן אַלטער כריין איך בין. אַ גראָבער וואָרצל. אַ שלאָס אויף מיין מויל.

— זי וועט שוין לעבעדיק ניט ווערן, — האָט יוסף טרויעריק און שטיל געזאָגט, — איך וואָלט זיך דערוואוסט די גוטע בשורה. לאָזט מיך אַראָפּ לעבן בית־החיים. איך וויל זען מיין באָבעס נייע שטוב.

ער איז לאַנג געשטאַנען ביים פרישן קבר. די רויטלעכע ליי־מיקע ערד איז שוין געווען ניט אַזוי פריש. צעשוואומען, צעקלאַפּט פון רעגן. פייגעלעך האָבן צעגראַבלט די ערד. ווינטן האָבן אַראָפּ־געטראָגן ערד פון דער באָבעס אייביקער שטוב. קראָען האָבן גע־קראַקעט אויף די הויכע נאָדל־ביימער. און די שווערע מצבות, מיט טיפע אויסגעשלאָגענע אותיות, האָבן שטיל געדרימלט.

אינדערהיים האָט אים די מאַמע אַרומגעכאַפּט מיט אַ שלוכצן. אירע אויגן און נאָז — רויט און געשוואָלן. ער האָט לאַנג געקוקט

אויפן פאַרבעטן שלאָף־באַנק מיט די דריי הויכע קישנס. ער האָט ווי געזוכט די באָבע אין די ווינקלען ביים אויוון. זי האָט דאָך פאַר־נומען ווייניק פּלאַץ. שטיל, קליין ווי אַ הינדעלע איז זי אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב. זומער געפּאָרעט זיך ביי די טעפּ. ווינטער געשפּינט, געשטריקט, געפּליקט פעדערן.

ער איז געגאַנגען איבער די געסלעך פון זיין היים־שטעטל ווי אַן אַרויסגעטריבענער. אַ בוים שווימט אַזוי אויף די וואַסערן, אַן אַרויסגעריסענער פון וואַלד. אַ פויגל וואָגלט אַזוי פון אַ צערויבטן נעסט. —

אַ שטיל קול איז דערגאַנגען צו אים. שיינדל איז געשטאַנען אומעטיק, געריטיקט, פאַרשעמט און מיט אַ פול מויל פאַרשטומטע רייד. זיי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט.

— איך האָב פיל געטראַכט וועגן דיר! —

— און איך האָב דיך געזוכט אויף די גאַסן, אין ביבליאָטעק. —

— כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן. —

— גוט, איך וויל אַלץ וויסן. קום צו מיר מאָרגן־אָוונט, צוזאַ־מען פּראַווען אַ סעודה.

זי איז אַוועק ווי אַ יונגער פויגל, שטאָלץ, גרינג, טאַנצנדיק.

שיינדלען קען ער שוין לאַנג. געלערנט צוזאַמען, זיך געהוי־דעט, געשפּילט אין האָז, ניסלעך. מיטאַמאָל האָט זי גענומען פלעכטן צעפּ. שעמעוודיק און שטיל געוואָרן. די קליידער זיינען אויף איר געוואָרן קורץ. מען האָט זי ניט געזען מיט קיין מיידלעך, אינגלעך. זי האָט געהאָלפן דער מאַמען קאָכן, וואַשן, ראַמען. מען האָט זי געזען וואַשן די פענצטער. זי האָט אויסגעקלאַפּט דעם שטויב פון בעטגעוואַנט, געלופטערט קליידער. מען האָט זי געזען זיצנדיק אין זומערדיקע פאַרנאַכטן אַן אויסגעפּוצטע אויפן גאַניק, אַמאָל עפּעס אויסגענייט. אַמאָל מיט אַ בוך, מיט אַ חברטע. איצט איז שיינדל אַ כלה־מיידל, רעדט און האַנדלט דערוואַקסן. ניט געבוירן אין אַ היי־בעלע. ניט געהאָדעוועט אויף וויצנס, אויף מאַרצעפּאַנעס. אַ מיידל פון אָרעמע עלטערן. ווייסט „פּאַטשאַם פונט ליכאַ״. מען קען מיט איר ניט פאַרפאַלן ווערן אין נויט און אין ברויט.

ער איז געגאַנגען דורך די געסלעך. ווי צום ערשטן מאָל — באַטרעט ער די ערד. אַ נייע ליבשאַפט האָט זיך אָנגעצונדן אין אים פאַר די מענטשן, וואָס וואוינען אין די הילצערנע נידעריקע הייזער. אָרעמע מענטשן. שווער איז זייער יאָך פון פרנסה און אידישקייט. ווערט אַ קינד קראַנק, איז רעכט צו פאַרזעצן דאָס בעטגעוואַנט, די בענטש־לייכטער. אידישע אָרעמע קינדער טראָגן געלאַטעטע הייז־לעך, קליידלעך, פאַרריכטע שיכלעך און שטיוול, אַבי צו דערהאַלטן די נשמה: אַ פענעץ ברויט אָנגעשמירט מיט שמאַלץ. ברויט מיט אַן אוגערקע, מיט אַ שטיקל צוקער, מיט אַ ציבעלע. די וואַרמעסן, די וועטשערעס — לעקשעלעך, בולבעס — איבערגעפרעגלט. אַ פאַן לאָקשן פאַרווייסט מיט מילך, אָבער פאַר אַ חומש, אַ ביכל, איז דאָ געלט. אידישע עלטערן צאָלן שכר־לימוד מיט פרייד. ס'איז ניטאָ אַ ליטווישע אידישע הויז אָן ספרים. אויף די ווענט — פאָרטרעטן: דער ווילנער גאון אין טלית און תפילין, זיין פנים פאַרשלאָסן אין טיפע סודות, פאַרכטיקייט, חכמה ווייעט אַראָפּ פון זיין געשטאַלט. ר' יצחק אלחנן אויך אין טלית מיט אַ יאַרמעלקע פון סאַמעט. דער שטערן גרויס, ווינקלדיק. די אויגן בלויע, מילדע, די באַקן געגליטע מיט גוטסקייט און צניעות. משה מאָנטעפיאָרע: דער האַלז געוויקלט אין אַ שאַל, אַ טערקישע פעסקע אויפן קאָפּ. אַן אומעטיק גרויס געזיכט מיט אַ גרויסער באָז. די קינדער און די עלטערן האָבן ליב די פאָרט־רעטן. זיי רעדן אַראָפּ פון די געקאַלכטע ווענט. זיי שפּרייטן ליכטי־קייט און גלויבן. מען רעדט צו זיי, ווען ס'איז ענג אויף דער נשמה.

אויך זיינען אויף די מזרח־ווענט געבליבן ניט־פאַרקאַלכטע אָפּצייכענונגען — אַ זכר פון חורבן בית־המקדש.

די אידישע שטיבער, הילצערנע, מיט גרויסע אויוונס אינדער־מיט. לעבן אויוון די ווייבערשע מלוכה. דאָרט שטייען ערדענע טעפּ, טשוגונענע סאַגאַנעס. אויף די ווענט — קופערנע פאַנען. זייערע פּלייצעס רויט ווי פייער, אינעווייניק געווייסט ווי זילבער. אין די גראַטקעס שטעקן צינענע און הילצערנע לעפל, מילכיקע און פליי־שיקע. אין אַ ווינקל שטייט אַ קאַטשערע, פּאָמעלע, לאָפּעטע. דער דרייפוס לעבן דער עפענונג פון קוימען. אויפן טאָפּטשאַן — דער

וויקשאַפּט, דאָס זאַלץ־ברעטל. ביי אַ צווייטער זייט — די מולטער, די דייזשע. אַלץ געפינט זיך אין קיך: דער פּראַנגניק, די וואַלגער־האָלץ, די קאַטשאַלקע. אונטערן טאַפּטשאַן די ראַשקע און מעדניצע. אין קיך געפינען זיך נאָך מכשירים: די ריב־אייזן, טאַרקע, האַק־מעסער, סקאָוואָראָדעס און דער ליאַק. נאָך די פיל געפעסן אין קיך זעט מען, ווי שווער עס אַרבעטן אין אַ גרויס געזינדל די מאַמע, די באָבע און די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך. די באַלייע איז קיינמאָל ניט ליידיק. דער אויוון ווי אין גיהנום, חוץ שבת — ווערט אַלץ פאַרהאַנגען, פאַרשטעלט. דער טיש איבערגעדעקט מיט אַ טישטעך, אַ סערוועט. די בעטן איבערגעצויגן. די הילצערנע פּאָדלאָגע גע־וואַשן. די ערדענע — אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד. שבת ווערן אַלע אידן רייך, אָנגעטאָן אין זייערע חתונה־מלבושים. די קינדער מיט געצוואָגענע קעפּלעך. אַלע רוען. ווער עס דרעמלט, ווער עס קוקט אַריין אין אַ ספר. און די ווייבער אויף די פּריזבעס, צי מיט אַ טייטש־חומש, צי זיי רעדן, אָן קריג, אָן קללות.

ער איז געשלאָפן אָן הפסקות. אויפגעשטאַנען — אַ געפריש־טער מיט אַ גרינגן קאָפּ. ס׳איז שוין געווען אין זיין טבע: געעפנט די אויגן, איז ער פון בעט אַראָפּ, אויך ניט געמאַרודיעט מיטן אָנטאָן. דורכן פענצטערל האָט זיך געזען בלויער הימל מיט אַ קליין באַ־שטראַלטן וואָלקנדל, ווי אַ זעגל־שיפל. און באַלד איז ער שוין געווען אין פעלד. דער טייך גלאַנצט און מורמלט. די וואַסערן בעטן, מען זאָל זיי פאַרזוכן. זיי קילן דעם גומען. מען ווערט דערפרישט פון קוואַלנדיקן וואַסער.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך געהיט שווימען וויט. זיך געהיט מער ווי אַלעמאָל. היינט אָוונט גייט ער צו שיינדלען. ער וועט זיך אָנטאָן אין נייעם גאַרניטער, וואָס ער האָט געקויפט אין גראָדנע. די נייע שיך. מען קומט צו אַ מיידל פאַרפּוצט — פאַרשפּאָרט מען רעדן. שיינדל איז געוואָרן זיין צוקונפט, זיין ציל. אָן איר וועט זיך זיין לעבן אָפּשטעלן ווי אַ פּוסטער וואַגאָן, אָן אַראָפּגעפירטער אויף אַ זייטיקער, פאַרזשאָווערטער ליניע.

אַרויס אויפֿן ברעג. הויכער הימל. ווייט ליגן וועלדער ווי שטי־קער כמאַרעס. שפּאַרן אונטער דעם הימל.

געקומען צוריק אין זיין חדרל האָט ער זיך לאַנג געסטרויעט, אויסגעפּרואווט די נייע שיך צי זיי סקריפּען. ניין. ניט זיי גלאַנצן צו־פיל, ניט זיי שרייען. די נייקייט רעדט אַראָפּ פון די נעזער מיט די לעכלעך. אויך די ציינער לויפן אין האַלבן רונדן צייל. די גומע, ווי שצילנע, שמאָלע פּענצטער. דער גאַרניטער איז פון גוטן ענגלישן טוך. די קעסטלעך — קליינינקע. אין די קעסטלעך שפּריצלעך פון בלוי און גרין. די מאַרינאַרקע זינגט אַראָפּ פון די אַקסלען. ער איז מקנא די מענטשן מיט אַזעלכע קעפּ — אויסצורעכענען די גענויקייט פון שניט.

אַרויס אויפֿן גאַס און זיך געפילט אַ ווילע פרעמד: די שיך, דער גאַרניטער. פון די סקאַרפּעטקעס נאָר וואָס אַראָפּגעריסן דעם פּאַפּירענעם, גאָלדענעם מעדאַל. ער האָט זיך געשעמט גיין אין גאַס. זאָל ער כאָטש ניט אָנטרעפן חברים. נאָך ערגער, איינע פון די מיידלעך.

צוגעקומען צום הויז. די פענצטער שטאַרק באַלויכטן. ער האָט לייכט אָנגערירט די טיר, האָבן זיך באַלד דערהערט גיכע טריט און שיינדל האָט זיך באַוויזן.

— קום אַריין — האָט איר קול געפריידיקט — אַ ביסעלע געשפּעטיקט, אָבער אַ גוטן גאַסט דאַרף מען שענקען.

זיי זיינען געזעסן אויפן בעט. שיינדל האָט אירע קליינע הענט אַריינגעטאָן אין זיין קוטשמע. — „סאַראַ ווייכע האָר, ווי זייד. עס וויזט אויף אַ גוטן כאַראַקטער. זי האָט אים געקושט ווי אַ שיכורע.

דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעקוקט די לבנה און די ווייטע שטערן־וועלטן.

אַטלעטן

די אויפגעוועקטע מענגעס אַרבעטער פון לאָדז האָבן זיך געצויגן צו שייבלערס פאַבריקן, וואָס האָבן ווי אַ ציגלנע קייט אַרומגענומען דעם מאַרק. האָבן זיי געזען אַן אויפגעבויטע אַרענע אַרומגעקלעפּט מיט אַפישן: „ווער עס וויל זיך פאַרמעסטן מיט דעם וועלטבאַרימטן, רוסישן אַטלעט: שורין דער בער, איז ווילקאָמען.“

אין אַ ווײַלע אַרום איז שייבלערס מאַרק ריין געוואָרן פון די מענגעס אַרבעטער. איין סירענע האָט אַ שאָס געטאָן מיט דאַמף. די צווייטע האָט אַ פייף געטאָן. אויך אַלע הויכע קוימענס האָבן געענטפערט אין כאָר מיט אַ רעווען. די שוואַרצע פאַרגליווערטע שייבלעך פון די קאַזעמאַטן האָבן זיך צעציטערט. צעוויינט און פאַרשטעלט די אָפענע וועלט, מען זאָל ניט זען וואָס אין דער פאַבריק טוט זיך, וואו איבער צוועלף טויזנט מענטשן זיינען פאַרפּאַקט. אָט די קליינע, שוואַרצע ציטערדיקע שייבלעך ווילן אַפילו אָנהאַלטן דעם רעש פון די מאַשינען. דער רויך שלאָגט שוואַרץ און מיט פונקען פון אַלע קוימענס. אַ טויב פליט דורך אַמאָל איבערן מאַרק. גרעזלעך וואו ניט וואו רייסן זיך אַדורך. אַ מענטש באַווייזט זיך מיט שטילע טריט, שפּרייזט פאַרביי די פאַבריק, ווי ס׳וואָלט געווען אַ טורמע.

צוועלף אַזייגער בייטאָג, האָט איין סירענע אַרויסגעשאָסן דאַמף. דאָס צווייטע האָט אַ לאַנגן, שאַרפן פייף געטאָן. און פון אַלע טירן און טויערן האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן די אַרבעטער אין בלויזע העמדער, די רעקלעך אויף די הענט, איינגעמורזעטע, פאַרשוויצטע פנימער. דער גרויסער ליידיקער מאַרק איז פול געוואָרן. זיי האָבן געקוקט באַליידיקטע און מיט כעס אויפן אַטלעט, וואָס איז געשטאַנען האַלב אויסגעטאָן אויף דער אַרענע. זיין ברוסט אַרומגעהאַנגען מיט אַ קייט מעדאַלן, ווי אַן אָגער אויף אַ יאַריד. די אַרבעטער האָבן זיך געשטופּט אַרום דער אַרענע, פון וועלכער ס׳האָט אַראָפּ־

געקוקט מיט לצנות דער רוסישער בער... ווי איינער זאָגט: פון צוועלף טויזנט אַרבעטער געפינט זיך ניט איינער, וואָס זאָל האָבן דעם קוראַזש זיך צו פאַרמעסטן מיט מיר.

מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ טומל, אַ שטופעניש. די אַרבעטער־קופּעס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, זיך געררויעט. און דורך דעם געדראַנג האָט מען געטראָגן אַן אַרבעטער אויף די אַקסל מיט אַ פאַר־הילכעדיקן הוראַ! האָרט ביי דער אַרענע האָבן זיי אים אַרונטער־געלאָזן. און ווי דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן האָבן זיי אָפּגעטראָטן אַהינטער...

ס'האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע אַן איינגעמורזעטער אַר־בעטער, ברייט אין די פּלייצעס, מיט זייער לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן, און אַ ביינערדיקן פּנים.

שורין, דער רוסישער בער, האָט אים באַטראַכט פון אויבן אַראָפּ. האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער מאַסע:

— אָט די קאַץ קען מיר נאָר אַ דראַפּע טאָן... — פאַנעס רופט איר זיך! — און ער האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך צעקייקלט איבער שייבלערס מאַרק אין ציקלענדיקע עכאָס. — איך גיב אייך נאָך אַ פּאָר מינוט אויסצוקלייבן עמיצן אַנדערש. אַניט וועט איר דעם חברה־מאַן אין אייער פאַבריק שוין מער ניט האָבן...

אויף אַ מינוט אין שטיל געוואָרן...

אַ שטילער מאַסן צאָרן, אַ מאַסן באַליידיקונג...

דער אַרבעטער פון שייבלערס פאַבריק האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל, אויפגעקייקלט עס ווי אַ קנויל, האָט ער דאָס אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַסע. דערנאָך האָט ער אַ שלעפּ געטאָן דאָס העמד איבערן קאָפּ און געבליבן שטיין מיט אַ האַלבן הוילן קערפּער. עס האָבן זיך געזען ריפּן, ווי האַלבע אייזערנע רייפן. די הויט ברוין ווי געשלאָ־גענער רימען. די ברוסט הויך, שלאַנגדיק, באַוואַקסן מיט האָר. און די הענט זיינע דורכגעאָדערטע, ברייטע, פלאַכע ווי לאָפּעטעס. ער איז געשטאַנען רואיק, איינגעגראָבן מיט די פיס אין דער פאַר־שפּרייטער דעקע. פון די נאָז־לעכער האָט אים געשלאָגן אַ פּאַרע. און די אויגן זיינע האָבן אומהיימלעך געבליאַסקעט.

שורין, דער רוסישער בער, וואָס איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פאַר דעם פאַבריק־אַרבעטער, האָט אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט, זיך געגריסט מיט אים. אַ סך רחמנות איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף שורינס רויטן, פליישיקן פּנים. דערנאָך זיינען זיי אָפּגעטראָטן איינע פון די אַנדערע ביי די שטריק. און ווען אַ גלעקל האָט דין אַ קלונג געטאָן, האָט שורין ווי אַ בליץ אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַבריק־אַרבעטער און אים געדרייט כפּרות. אָבער ווען ער האָט אים איבער זיין קאָפּ, ווי אַ האָן דרייענדיק געוואָלט אַראָפּוואַרפן, איז דער פאַבריק־אַרבעטער אין אים געווען אַזש איינגעוואַקסן, ווי זיין איי־גענער שווערער קאָפּ אין די אַקסל. שורין איז געבליבן שטיין אויף אַ רגע, ווי אין ישוב מיט זיך... אָבער דער פאַבריק־אַרבעטער איז אין איין כהרף עין אַראָפּגעשפּרונגען און מיט זיינע לאָפּעטע־הענט אַ כאַפּ געטאָן שורינען אינמיטן קערפּער און אים אַ וויג געטאָן, ווי אויף אַ כוואַליע... דערנאָך האָט ער אים אַ שליידער געטאָן אין דער לופטן מיט אַן אומגעווויינלעכער גבורה.

אַ יובל־געשריי פון דער מאַסע האָט פאַרהילכט שייבלערס מאַרק, און די צוויי גרילצנדיקע סירענעס, וואָס האָבן גערופן די אַרבעטער צוריק אין דער פאַבריק, האָבן זיך געהערט ווי דינע פּייפלעך...

II

אַ הון

דבורה האָט געטראָגן די געבונדענע הון צוגעטוליעט צום האַרצן. אַ ווילדע מציאה האָט איר גאָט צוגעשיקט... דאָס רויט קעמעלע, מיט די ווייכע אָנגעצונדענע צייגדלעך... דאָס גלאַטקייט פון די פעדערן ווייזט, אַז דאָס עוף איז יונג. אויך איז זי מיט אַן איי.

אין הויז האָט זי די הון אָפּגעבונדן. אַ ווילע איז די עוף גע־שטאַנען, אומגעביטן איין פיסל, די צווייטע, לייכט צענומען די פליג־לען, און מיט אַ פייערדיק אויגל אַ קוק געטאָן אויף דער נייער בעל־הבית׳טע...

—ווערסט זיין אַ רביצין ביי מיר... האָט דבורה צו איר גע־רעדט. — כ׳וועל דיר באַקענען מיט די הינער וואָס איך האָב.

דבורה איז צוגעגאַנגען צום שפּייז־אַלמער, אַ פולן הויפן גערשטן אָנגעשעפּט; און מיט אַ פריילעכן ציפּ! ציפּ! גערופן די הינער... די הינער האָבן זיך ניט געלאָזן בעטן... איינע נאָך די אַנדערע איבערגעשפּרונגען דעם שוועל — האָבן זיי אויף גיך גע־קלאַפּט מיט זייערע שנאָבלען אויפן דיל, ווי מיט העמערלעך.

נאָר די געלע הון, וואָס דבורה האָט זי גערופן „די גזלנ׳טע״, האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך דער נאָוואָטנער, איר געפּיקט אין קעפּל. ווען די נאָוואָטנע איז אַנטלאָפן, האָט די געלע איר נאָכגעיאָגט, אויס־געריסן אַ פעדער, האָט זי מיט נצחון און מיט כעס צוגעזונגען...

— געלע גזלנטע! — האָט דבורה צו איר גערעדט — גע־שטאָפּט און גרויס ביסטו ווי אַ גאַנז. אייער לייגסטו ווי ניסלעך — אי דאָס אַ פּאָר וואָכן אין יאָר... — און דו, ראָבעטשקע, קריך אַרויס פון אונטערן אַלמער. איך וועל דיר אָוועקזעצן ווי אַ פּריצטע אויף מיין בעט. איך וועל דיר צודעקן מיט אַ רעשעטע, ווערסטו מיר לייגן אייער גרויסע, אַן בלוטס־טראָפּנס. — ניט ווי די געלע גזלנטע!...

פאַרנאַכט האָט זיך דבורה דערמאָנט אַן דער נאָוואָטנער. זי

איז טאַקע גלייך צוגעגאַנגען צום בעט, אויפגעהויבן די רעשעטע:
— נו גיי אַראָפּ פון בעט, רביצין! — פאַרשטייסט ניט וואָס איך רייד צו דיר? — האָט איר דבורה אונטערגענומען מיט אירע דאַרע הענט און איר אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל. די ראַבעטשקע האָט צוויי מאָל אַ שפּרונג געטאָן אויף איר, — און מיט אַ הינערשע טענה אַוועק איבערן הויז...

אַן איי, האָט דבורה צו זיך גערעדט, ווי אַ קאַטשענע... — איך קען שווערן אַז דאָס איי פאַרמאָגט צוויי געלכלעך. און אויף מאָרגן איז זי ווידער מיט אַן איי. ווען מיין אינגסטער איניקל איז דאָ, וואָלט איך זי אָפּגעגלעט: די אויגעלעך, די בעקעלעך, מיט דער וואָרעמער איי...

נו, איצט רביצין! — גיי מיט דיינע פריינט אויף נאַכט־לעגער אין קאָטוך. ביינאַכט וועלן זיי דיר ניט שלאָגן די בלינדע קוקאָוועס.

די געלע גזלנטע האָט מער ניט געשלאָגן די ראַבעטשקע. אָבער צוגעלאָזן איז זי אויך ניט געווען... און פאַר מורא, האָט זיך די ראַבעטשקע געהאַלטן פון ווייטן; געקליבן די צעזייטע קערנער און מיט אַן אויגל אַכטונג געגעבן אויף דער געלער גזלנטע...

אָבער דבורה האָט אָנגעקוואָלן פון דער נאַוואָטנער הינדל. אַלע טאָג האָט זי געלייגט אַן איי. נאָר אַראָפּגיין פון דער איי האָט זי ניט געוואָלט. ווען דבורה האָט אויפגעהויבן די רעשעטע, האָט די ראַבעטשקע אָנגעבלאָזן די פעדערן, אויפגעעפנט דעם שנאָבל, ווי אַ רויב־פויגל און דבורה'ן געפּיקט אין די הענט און געשפּרונגען צום פּנים. און אויפן שטוב איז זי אַוועק מיט אַ הינערשער טענה, מיט אַ קוואָקטשען... — גיי שריי אין דרויסן — האָט איר דבורה געטריבן.

דבורה האָט אַכטונג געגעבן דורכן פענצטער און געשמייכלט:
אַ כשר'ע עוף! און עס האָט שכל... נאָענט לעבן שטוב האָט זי צעשאַרט דעם זאַמד און ווי אין אַ מולטער זיך אויסגעלייגט מיט איבערגעצויגענע דעקלעך אויף די אויגן. — ווי עס האָט ליב די זון. — אַ סימן: זי איז זאַט און צופרידן...

פאַרנאַכט האָט זיך די ראַבעטשקע באַוויזן, און איבערגע־

שפרונגען דעם שוועל. זי איז געשפרונגען אויפן בענקל, אויפן טיש...
— זי פאַדעט, האָט דבורה צו זיך געזאָגט. אַ סימן: זי וויל זיך
לייגן... נו, קום אונטער דער רעשעטע...

שפעטער, ווען דבורה האָט צוגענומען די פריש־געלייגטע איי,
איז די ראַבעטשקע אַן אָנגעבלאָזענע, אַ קוואָקטשענדיקע אַרומגע־
לאָפן איבערן שטוב... — וועסט באַלד ביי מיר זיך אויפפירן ליי־
טיש, האָט דבורה איר געוואָרנט. זי האָט געצילט, זיך אַ בייג געטאָן
און געגעבן אַ כאַפּ דער ראַבעטשקער. — אַ געזונט אין איר! זי
וועט מיר פאַרשיטן מיט אייער. — איך גיב דיר עסן, טרינקען, אַ
קאָטוך אויף שלאָפן, וואָס ווילסטו נאָך? — הינדעלעך ווילט זיך
דיר אויסבריען? איבער אַ יאָר אַז מען וועט לעבן... — זי האָט
איר אָפגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער. די ראַבעטשקע איז אַ ווײַלע
געבליבן שטיין צונויפגענומען, גענורעט, אָפגעצוואָגן. דערנאָך גע־
פרואווט אַ גיי טאָן, אַ טרייסל געגעבן איר הינערשן קערפער. מיטן
שנאָבל צענומען די פעדערן, זיי זאָלן זיך טריקענען...

נאָך דער באָד האָט די ראַבעטשקע מער ניט געזונגען, גע־
קוואָקטשעט, זיך אויפגעפירט שטיל — אַפילו אויפגעהערט שפרינ־
גען, פיקען נאָכן לייגן זיך. און דבורה האָט אָנגעקוואָלן: די סגולה
אָפצוגיסן מיט קאַלט וואַסער, האָט זי געלערנט פון איר באָבען...

אָבער אין אַ פאָר טעג אַרום איז דבורהס גליק פאַרשטערט
געוואָרן. אַלע הינער זיינען געקומען אויף נאַכט־לעגער, נאָר ניט
די ראַבעטשקע. — ס'איז איר אייגענע שולד, — זיך ניט געדאַרפט
רימען פאַר די שכנות: — וואָס פאַראַ מציאה גאָט האָט איר צוגע־
שיקט... נו, האָט שוין עמיצער געוואָרפן אַן אויגל, זיך דערבאַ־
רעמט אויף איר...

— אירע שיינע גלאַטע פעדערלעך זיינען שוין אָפגעפליקט.
און אפשר פאַרצוקט פון אַ רויב־פויגל? יעדע באַשעפעניש האָט איר
שונא. גאָט האָט איר געשטראָפט. מען טאָר זיך ניט שטעלן קעגן
דער נאַטור: — איר געדאַרפט לאָזן זיצן אויף די אייער. זאָל זיין
אַז זי האָט זיך פאַרקליבן נעבטיקן אויף אַ בוים? אָבער אַ שטראָף

מוז זי קריגן: אַ פּאָר שעה זיצן אין קאָטוך פאַרשפּאַרט. זיי ווייסן די באַשעפענישן ווען מען גלעט... און ווען מען שטראָפט זיי...

אָבער ס'איז אַריבער אַ טאָג, צוויי, און דאָס הינדל איז ניטאָ! עס האָט איר ניט געשיכעוועט מיט דער הינדל אַ שווערע האַנט ביי דער פויערטע. עס האָט איר אַזוי גערופעט, אַז זי האָט שטי־לערהייט, פאַרשעמט, געפרעגט ביי פרומע די גבירנטע: — אפשר האָט עמיצער געבראַכט צו איר די הון. זי איז וויליק איר אויסצו־לייזן מיט אַ קוש אין האַנט. אַ פויגל וועט ניט וויסן... — ניין, דבורה „סערדצע״ — האָט פרומע מיט זיסקייט אין איר קול גע־ענטפערט. — כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת: זיי האָבן מיר שוין דער עסן די הינער. ס'איז קיי און שפיי, פעדערן און ביינער...

געגאַנגען איז דבורה פון דער גבירנטע פאַראומערט... גע־קומען אַהיים, האָט דבורה גערופן די הינער מיט אַן אומעטיקן קול... די הינער זיינען אָנגעקומען פון אַלע זייטן דרויסן. אויך די ראַבעטש־קע איז געלאָפן — די לעצטע, אַ ווילדע מיט צעלאָזענע פעדערן. דבורה האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, צוגעטראָגן צום פנים.

— מאַמע מיינע! סאַראַ היץ עס שלאָגט פון איר. דער קעמעל שוואַרץ, די וואָליע לידיק. זי וועגט אפשר אַ לויט. דער שנאָבל צע־עפנט, און דאָס הינערשע הערצל: טיאַך, טיאַך... — וואו ביסטו געוועזן, לויפערקע? כ'וועל זיך באַלד דערוויסן...

זי האָט אַרויסגענומען אַ קניילכל, צוגעבונדן דעם ברעג פאָדעם צו דער רעכטער פיסל, האָט זי די ראַבעטשקע אַראָפּגעלאָזן אויפן דיל און אַן עפן געטאָן די טיר... — זי האָט ניט געהאַט קיין טעות: — די ראַבעטשקע איז איבערגעשפּרונגען דעם שוועל, פוץ, דורכן טיר איז זי אין דרויסן געלאָפן, זיך אויפגעהויבן ווי אַ פויגל. און ביי דבורה'ן אין די הענט האָט זיך געוויקלט דער קניילכל...

שפּעטער האָט שוין דבורה אויסגעפונען וואָס מיט איר נאָ־וואָטנע הינדל איז געשען... זי האָט איר געפונען ביי איר שכן אין שטאָל טיף פאַרנוערט אין שטרוי, איז זי געזעסן אויף עט־לעכע אייער.

די ראַבע קליינע הינדל איז געוואָרן צוויי מאָל אַזוי די גרייס,

די פליגל אויסגעשפּרייט, די פעדערן צענומען... דבורהן האָט געוויכט דאָס האַרץ. זי האָט זיך גלייך געקערט אַהיים צוזאַמענגעקליבן אַ צענדליק אייער. אויך אַ שיסעלע וואַסער, אַ טעפּעלע גערשטן, האָט זי אַוועקגעשטעלט לעבן דער קינפּעטאָרן...

איין טאָג איז אַריבער, אַ צווייטער, אַ דריטער. און דבורה האָט אינגאַנצן פאַרגעסן פון דער ראַבעטשקער.

עס זיינען געווען טומלדיקע, פריילעכע טעג ביי דבורה׳ן. איר עלטסטע טאָכטער איז געקומען צו גאַסט. און איר אָנגעפילט די קליין שטיבל מיט לאַכנדיקע, שטיפנדיקע אייניקלעך. — קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאָדן טאָן.

און איינמאָל ווען דבורה מיט איר טאָכטער און די אייניקלעך האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער פריזבע קעגן זון — האָט זיך באַוויזן די ראַבעטשקע מיט צענומענע פליגל; אַ זינגענדיקע, אַ שטאָלצע, האָט זי געפירט אַ מחנה געלע הינדלעך צו דבורהס הויז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פאַרחלומטער סטאָליער

וועלוועל דער סטאָליער איז געשטאַנען איבער די קני אין דורכזיכטיקע סטרוזשקעס. און ווייל ער האָט געצויגן דעם הובל הין און צוריק איבער אַ לאַנגן איינגעשרויפטן ברעט, איז אויס־געקומען, אַז ער שווימט מיט די פאַרקאַשערטע אַרבל און צעשפּי־לעט העמד. פון שטערן האָבן געגרונען טראָפּנס. די האָר אויפן קאָפּ נאַס. ער האָט צוגעזונגען. די שטים איז געקומען פון דער טיף, ווי פון וויַיט. און פאַרטראַכט איז ער געווען. ער האָט אַפילו ניט באַ־מערקט ווי אַ פויערטע האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר. נאָר ווען די פויערטע איז צוגעקומען נאָענט אים געוואונטשן „גאָט העלף", האָט וועלוול זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ חלומדיקן שמייכל... — איז דער מייסטער וויליק צו קויפן אַ הון? ווען זי האָט אים אַ וויַיז געטאָן די הון האָט וועלוול אויפגעזונגען. די הון האָט געהאַט אַ רויט פאַרלייגט קעמל מיט פינף ציינדלעך. זי האָט קלוג געפינטלט מיט די אויגן. — געווען אָנגעטאָן אין ראַבע־פעדערן. ס'איז אויס־געקומען די הינערשע פיס טראָגן אַ בוקעט...

אָפּגעקויפט די הון, האָט ער פאַמעלעך זי אונטערגעלייגט אונטערן וואַרשטאַט. — איז אונזער שטילע גוטע הון איינגעשלאָפן. געשלאָפן האָט זי נאָך קיינמאָל ניט אַזוי לאַנג און זיס, מיט אַזעלכע גוטע חלומות: געררשטן זאַשיקעס; וואַסער קלאָר, פריש, עס קילט אין האַלז, עס שטילט דעם דאָרשט; זי באָדט די אויסגעשפּרייטע פליגל, און טונקט אַראָפּ דאָס קעפּל איבער די אויגן.

ווען די שיינע יונגע הון האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי פון אַלע זאַטע חלומות דערפילט אַ הונגער, ניט פאַר קיין הון געזאָגט געוואָרן... זי האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, אַ גיי טאָן איבערן שטוב, ערשט די פיס זיינען געבונדן. געוואָלט אויפשרייען, מאַ־נען... איז זי נעבעך געשטראָפט: אַ שטומע, ערלעכע, שטילע הון,

וואָס קען לייגן אייער און אַרומפירן קליינע געלע הינדעלעך וואָס ציפּצען.

זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל צו דערמאָנען וועלוולען אַז זי איז פאַרשמאַכט. אָבער וועלוול האָט גראָד דעמאָלט געזעגן מיט דער האַנט־זעגל, הין און צוריק. ס'האָט געשפּריצט אַ ווייסער הילצערנער רעגן און די הון האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן... דערצו האָט וועלוול צוגעזונגען ווי זיין טבע. אַז גאָט האָט אים גע־שענקט אַ גוט פריילעך האַרץ...

דאַרף טרעפן אַ נס: די זעלבע פויערטע האָט זיך געקליגט און געפּעדערט, אַז דער מייסטער איז איידל און גוט, זיך ניט גע־דונגען, האָט זי אויף מאָרגן, ווען די זון איז שוין געווען אינמיטן הימל, געבראַכט וועלוולען אַ האָן. זי האָט אים אַ וועק געטאָן פון זיין אַריינגעטאָנענקייט אין דער אַרבעט, סיי פון זיין חלומען. דער האָן האָט געהאַט פייערדיקע אויגן. אַ ברענענדיקן קאַם. רויטע לאַנגע פעדערן אין עק, און אַ גלאַנציקייט איבער די פעדערן. וועלוולען האָט אַזש געמיניעט אין די אויגן... נו, האָט ער זיך געקענט דינ־גען?... אָפּגעקויפט דעם שיינעם עוף, האָט ער אים פאַמעלעך אונטערגעלייגט אונטערן וואַרשטאַט. און ניט פאַרלאָרן קיין צייט, האָט ער זיך גענומען צו זיינע געצייג מיט געזאַנג...

אָבער אונטערן וואַרשטאַט, ווען די שטילע פאַרשמאַכטע הון האָט דערזען דעם האָן, האָט זי אַ ווייל צו זיך ניט געקענט קומען. אפשר דער זעלבער חלום מיט די גערשטן?... דערנאָך האָט זי זיך פריידיק דערשראָקן, ווען דער האָן האָט אויף איר געקוקט מיט די פייערדיקע אויגן. און ער האָט גדלותדיק געבלאָזן די פעדערן... — שפּעטער האָט זי אים דערציילט: שוין דעם צווייטן טאָג ווי זי הונגערט און שמאַכט. און אויב דו וועסט ניט קרייען, מיין ליבער האָן, האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר גוטע ווערטער, וועלן מיר זיין פאַרלאָרן. דער האָן האָט געוואוסט, אַז מיט פאַרבונדענע פיס קען ער ניט קרייען. ער האָט באַוויזן זיך אויפשטעלן. ער האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פליגל און הויך אויפגעזונגען.

חיים פעט

דער פאַרחלומטער וועלוול האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם פּאַרל.. פאַרשעמט, האָט ער זיך געבויגן אונטערן וואַרשטאַט. און ער האָט געטראָגן דאָס פּאָרל צוגעטוליעט צום האַרצן מיט אַ פריי־דיק־שטראַלנדיק פּנים.

און באַלד האָבן קערנער דין געקלונגען ווי אַ פרילינג־רעגן איבער אַ נייעם שינדלנעם דאַך...

מאַן און ווייב

לעבן אונזער שטוב האָבן זיך באַוויזן צוויי פייגל. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום די פענצטער, איבערן דאַך, געשצעבעטשעט גע־רעדט אויף זייער פייגלשן לשון...

דאָס זיינען געווען צוויי פייגל שוואַרצע גלאַנציקע, מיט ווייסע קריינדלעך אַרום די העלזלעך. זיי האָבן געשוועבט לופטיק גרינג. לויט זייער דרייען זיך אַרום אונזער הויז, האָבן זיי געהאַט אַ פּלאַן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי זיינען זיי צוגעפאַלן מיט די שנאָבלען צו דער וואַנט, געפלאַטערט מיט די פליגל...

טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי געטראָגן בלאָטע אין זייערע פּיסקלעך, געקלעפּט און געבויט דעם נעסט. ס׳איז געוואָרן אַ שטיבעלע צו־געקלעפּט צום וואַנט פון דריי זייטן, און אַ קליינע עפענונג צום דאַך. זיי האָבן אויסגעבעט דאָס שטיבעלע מיט שטרוי, טרוקענע גראָזן, פעדערלעך...

גאַנץ פרי זיינען זיי אַרויסגעפלויגן, אויסגעקוקט די געגנט. אין זייער פליען איז געווען שפּיל, קונצן. אַמאָל האָבן זיי געשוועבט נידעריק — אָנגערירט די גראָזן. איין שאָרך האָט זיי אויפגעהויבן הויך...

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט די זי געלייגט אַן איי, אַ צווייטע און איז געבליבן זיצן אויף זיי.

און דער מאַן־פויגל — אַ צוגעבונדענער, אַן איינגעוואוינטער צו זיין באַשערטער, צום שטיבעלע...

אַמאָל האָט מען זיי געזען מיט אַרויסגערוקטע קעפּלעך פון נעסט. ס׳איז געווען פאַרזאָרגטקייט און אומעט אין זייערע אויגן...

די זי איז געזעסן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, געווען גרינג פאַרצערט, אונטערטעניק איר שווערער באַשערטקייט...

דער מאַן־פויגל האָט זיך געהאַלטן נאָענט לעבן נעסט; אַרומ־געקוקט דעם פּלאַץ צי עס לויגט ניט אַ ווילד אינגל, צי עס קריכט

ניט אַ קאַץ. צי עס לויערט ניט אַ רויב־פויגל. דערנאָך — ניט געסטייעט. די זי האָט עטלעכע מאָל אַ פּישצע געטאָן און אַריינגענומען דאָס קעפּל אין נעסט. דאָס שטיבעלע האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ פּוסטע, אַ ליידיקע...

דער מאַן־פויגל איז געווען נאָך ווייטלעך, האָט שוין זיין באַשערטע אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל פון נעסט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט פלאַטערדיקע פליגל, אין זיין שנאָבל פאַרקלעמט אַ ברעקל. ער האָט ניט אָפּגעגעבן דאָס געפאַנג זיין באַשערטער. זי האָט אַרויסגעדזיאָבעט פּיצלעך פון זיין מויל. אויך אין זיין פאַרשלאָסן שנאָבל געבראַכט וואַסער.

אין די פאַרנאַכטן זיינען זיי געזעסן צוגעטוליעטע, פאַרליבטע. זיי האָבן אַרויסגעקוקט פון זייער שטיבעלע ביז די זון איז פאַרגאַנגען. ביז עס זיינען פאַרבלאַסט געוואָרן אַלע רויטע, ראָזע פאַסן...

ווען די צוויי קינדער זיינען געקומען — נאַקעטע, וויינענדיקע, האָבן זיי טאַטע־מאַמע אַריינגענומען און זיי געוואָרעמט.

די טעג זיינען געווען ליכטיקע, זומערדיקע. די נעכט וואַרעמע, שטילע. די יונגע פייגעלעך האָבן די געלע שנאָבעלעך אַרויסגערוקט פונעם נעסט. מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דער וועלט. שוין דערקענט טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן פון וויל צו וויל זיך באַוויזן אַרום נעסט. די פייגעלעך האָבן געעפנט ברייט זייערע שנאָבלען, געוויינט, געבעטן עסן, טרינקען. זאַטע, פלעגן זיי אַנטשלאָפן ווערן אין פוך, אין די היי. אין שלאָף זיינען זיי געוואַקסן די פליגל זייערע קערפּערלעך האָבן זיך געצירט אין זיידענע פעדערלעך...

ס'איז אַריבער טעג און די צוויי קינדער האָבן גענומען אויספּרואוון זייערע פליגל... זיי האָבן געשניטן נידעריק, הויך, און אין ברייטע רעדער. טאַטע־מאַמע האָבן געקוקט און געפינטלט מיט די אויגן...

מאַן און ווייב

יונגער האַרבסט איז געקומען. די קינדער האָבן פאַרלאָזן זייער היים, טאַטע־מאַמע. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טויזנטער שוואַלבן, גרייט אָפּצופליען אין די וואַרעמע לענדער...

די אַלטע צוויי פייגל האָבן געקוקט מיט בענקשאַפט. מיט שווערע פליגל האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אין ווייטן וועג אַריין...

דאָס לעבן פון אַ קאַץ

דאָס נאָר־וואָס געבוירענע קעצל איז געלעגן אויף דער גאָס אין אַ קניילכל.

עמיצער האָט עס אויפגעהויבן, צוגעטוליעט און געטראָגן. דאָס בלינדע קעצל האָט געוויינט, זיך געקלאַמערט מיט אירע ניט געפּרוּווטע נעגל. עס האָט געציטערט, זיינע ראָזע אויערלעך אָנגעשפּיצט. וויינענדיק האָט עס געוויזן זייער דראָבנע ציינדלעך, ווי אַ ווייס דין זעגעלע וואָלט געלעגן איינגעפּאַסט אין זיין מויל. און דאָס צינגל, ווי אַ ראָזע בלעטל, האָט זיך געקאָרטשעט פון דורשט.

ווען מען האָט אַיינגעטונקט זיין מאָרדעטשקע אין מילך, האָט עס געוויינט און זיך באַלעקט. נאָכן עסן איז עס געלעגן אויף ווייכן געוואַנט אין וואַרעמען דרימל. אויפגעכאַפּט זיך און פאַרן טאָג צייט שוין דערקאָנט דעם אייגענעם קול. ווען מען האָט עס אַ צווייט מאָל אַיינגעטונקט די מאָרדעטשקע אין מילך, האָט עס אויף גיך גענומען וואַרפן דאָס צינגל הין און צוריק; געדרייט מיטן עקל און געשטאַנען פעסט אויף די פּיסלעך. נאָכן עסן ווידער געדרעמלט אין ווייכקייט, אין וואַרעמקייט.

און ס׳איז געשען מיט אים אַ גרויס געשעעניש: ס׳איז געקומען ליכט צו זיינע אויגן.

דורך די שמאָלע שפּאַרונעס פון זיינע אויגן האָט עס דערזען דאָס שיסעלע מילך, און צום געלעגער האָט עס שוין געטראָפן אַליין, זיך אַיינגענורעט און געדרעמלט.

אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט עס מיט זיין ראָזע צינגל גענעצט די לאַפּקעס און מיט זיי געוואַשן דעם קאָפּ און דאָס פּנים. דערנאָך זיך אויפגעהויבן, געקרומט דעם רוקן, זיך געצויגן און באַקוקט מיט די ליכטיקע אויגן דאָס הויז.

וואָס אַ טאָג איז דאָס קעצל געוואָרן שטאַרקער, פלינקער און אַ וואַקס געטאָן אין דער לענג. עס איז שוין געווען באַקאָנט מיט אַלע

ווינקעלעך אין הויז. עס איז געלאָפן הין און צוריק, זיך פאַרטייעט אונטער די בעטן, זיך ווידער געיאָגט פון איין ווינקל צום צווייטן. עס האָט זיך געקערט אויפן רוקן, אַריינגעכאַפּט דעם שפּיץ עק לייכט אים געביסן. אַז מען האָט אַ רוף געטאָן „מיטקאַ", האָט עס שוין געוואוסט ווען מען מיינט דאָס. עס איז מיט אַ פאַררייסן עקל נאָכגעלאָפן שיינדלען. מיטקאַ האָט שיינדלען ליבער געהאַט פון אַלעמען, כאָטש עס האָט שיינדלען אַ דראַפּע געטאָן, ווען זי האָט עס געקיצלט. עס איז גלייך נאָך שיינדלס קוויטש אַרונטערגעלאָפן אונטערן בעט.

אָבער באַלד האָבן עס אַ כאַפּ געטאָן צוויי גרויסע הענט און עס געשלאָגן. פון דעמאָלט אָן האָט עס מורא פאַר שיינדלס מאַמע. שיינדלס מאַמע האָט עס געשלאָגן נאָך שטאַרקער, ווען עס האָט אָנגעמאַכט אין שטוב. און די האַרבסטע שטראָף: וואָס זי האָט זיין ראָזע נעזל אײַנגעמאַכט אין דעם אייגענעם שמוץ. און צום פאַרבייסן אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן אויפן שניי. עס האָט לאַנג געוואַשן דאָס נעזל און געפירסקעט. ווען ניט שיינדל, וואָלט עס פאַרפראָרן געוואָרן. אָבער פון דעמאָלט אָן פלעגט מיטקאַ שטיין ביים טיר, זיך בעטן אַרויסצוגיין — „אויף באַדערפעניש".

ווען פרילינג איז געקומען, האָט מיטקאַ מערסטנס פאַרבראַכט אין דרויסן. ווען מיטקאַ פלעגט דערזען פון ווייטן אַ פייגעלע אַרומטאַנצן, האָט עס פאַרזשמורעט די אויגן, דינע שפּעלטעלעך געלאָזן אָפן. עס האָט זיך געשאַרט אויפן בויך.

און איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען מיטקאַ האָט זיך געקליבן אַריינגיין אין הויז, האָט עס פּלוצים דערזען אַ קעצל אין זיין עלטער. דאָס פרעמדע קעצל איז אים גלייך געפעלן געוואָרן: אַ גרויענקע, מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך שוין אַרומגעיאָגט אין אַ ראָד, און ווען שיינדל רופט עס ניט אַריין אין הויז, וואָלטן זיי זיך צעשלאָגן. אַזוי אײַנגעגעסן האָט זיך דאָס פרעמדע קעצל אין איר.

מיטקאַ האָט איבערגענעכטיקט די נאַכט אין הויז, און פאַרפרי זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן, איבערגעשראָקן די הינער, וועל-

כע האָבן זיך געקאַראַשקעט אין זאַמד. די הינער האָבן זיך צעפֿלויגן ווי פֿייגל. אָבער מיטקאַ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. עס האָט געוויל־דעוועט און זיך געיאָגט אין האַלבע קרייזן.

פלוצים איז אַ הונט אויסגעוואַקסן. ס׳האָט ניט געסטייעט קיין צייט צו אַנטלויפֿן. דאָס קעצל האָט אויפֿגעהאָרבעט דעם רוקן, אַרויס־געשפּיצט די נעגל און געקוקט דעם הונט גלייך אין די אויגן אַריין. עס האָט פֿון דער טיף געבולן, זיך כלומרשט פֿאַרקוקט אָן אַ זייט. אָבער ווען דער הונט האָט זיך אַ רוק געטאָן נאָענט צו אים, האָט עס אים געשלאָגן אויף שנעל מיט דער רעכטער לאַפּקע און אים אָנגעשפּיגן אין די אויגן. דער הונט האָט מיט אַ וואָיען זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, און מיטקאַ איז קוים מיטן לעבן פֿאַרשוואונדן.

און ווען שיינדל האָט אים צוגעטראָגן ביינדלעך פֿון פֿיש, האָט זיך מיטקאַ ניט צוגעשטעקט. אַ גאַנצן טאָג איז עס געלעגן באַהאַלטן אונטערן אַלמער. נאָר ביינאַכט, ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט זיך מיטקאַ אַרויסגערוקט פֿון זיין באַהעלטעניש. עס האָט „אָנ־געצונדן די לעמפּלעך" אין זיינע אויגן. די נעגל פֿאַרטייעט אין זיינע פּוכקע לאַפּקעס, איז עס אַרויס אויף יאַגד. דער מינדסטער שאָרך האָט אויפֿגעוועקט זיין גאַנצע פֿלינקייט און גרייטקייט.

עס האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צום וואַנט. עס איז געווען וואַך צוליב דעם דראַבנעם אַרומ־לויפֿן, וואָס עס האָט געהערט אונטער דער פּאָדלאָגע. פּלוצים האָט עס אָנגעשפּיצט די אויערן. די אויגן, ווי גלי־ווערים נאָך אַ רעגן, האָבן אויפֿגעטויכט. עס האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, די וואָנסן אָנגעשטייפֿט ווי דרעטלעך. עס האָט שיעור ניט אַרויסגעמיאַוקעט פֿאַר אויפֿרעגונג און אייפֿער. מיט אַמאָל האָט עס זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאַראויס.

מיטקאַ האָט געהאַלטן דאָס מייזל צווישן די ציין. דאָס בלוט האָט אין אים שיכור געשפּילט. מיטקאַ האָט ליב געקראָגן דאָס שוואַרצע קליינע זאַכעלע, מיטן דינעם קליינעם עקל. דאָס קליינע זאַכעלע האָט זיך דראַבנע געקייקלט, ווי אַ רעשל, אַהין, אַהין, צום קאָמאָד. מיט איין יאָג פֿלעגט עס מיטקאַ כאַפּן, פֿאַר ליבשאַפֿט אים

אַ קוועטש געטאָן מיט די ציינער, דערנאָך עס געשאַרט פון איין לאַפּקע צו דער צווייטער, עס אַביסל אויפצולעבן, אויפצומונטערן.

נאָך דער פּאַסירונג מיט דער מייזל איז מיטקאַ ניט געווען אַזוי צוגעלאָזן צו שיינדלען. בייטאָג און ביינאַכט האָט עס געהאַט באַגעגענישן מיט דעם מאַן־קאַץ. פונעם קליינעם באַשעפעניש איז געוואָרן אַ „זי". דער מאַן האָט געדרייט זיין שווערן קאָפּ, און גע־לויערט האָט ער אויף איר מיט ברענענדיקע אויגן. וואָס אַ טאָג איז ער געוואָרן צודרינגלעכער. און טאָמער האָט אַן אַנדער מאַן־קאַץ זיך באַוויזן, האָט דער קאָטער מיט די שוואַרצע פּאַסן אים צורעכט געמאַכט... מיטקעס בלוטן האָבן זיך געיאָגט ווען זי האָט געזען די קאַמפן פון דעם מאַן־קאַץ מיט די שוואַרצע פּאַסן, וואָס ער האָט פאַר־פירט מיט די אַנדערע נאָכפאָלגער.

און איינמאָל ווען דער קאָטער מיט די שוואַרצע פּאַסן איז איר נאָכגעגאַנגען אין גאָרטן צווישן די בייטן, האָט זיך מיטקאַ פּאַר אַ ווילדע פאַרקוקט, האָט פלוצים אויף איר אַרויפגעשפּרונגען דער מאַן־קאַץ. ער האָט איר געהאַלטן פעסט פאַרן האַלז. ער האָט איר אַריינ־געבומען אין זיינע פיר וואַרעמע פיס. זי האָט געזען איבער זיך זיין ברייטן קאָפּ...

מיטקאַ איז געוואָרן שטילער. זי האָט זיך זעלטענער באַוויזן אין דרויסן. זי האָט אַפילו איינמאָל פון ווייטן געזען דעם מאַן־קאַץ מיט די שוואַרצע פּאַסן און שווערן קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר נאָכלעסיק, אַ דריי געטאָן מיטן עק און איז אַנטרונען.

ווען מיטקאַ איז געווען אויף דער צייט, איז שיינדל געוואָרן מער צערטלעך צו איר. ניט נאָר שיינדל, אַפילו די עלטערע מענטשן אין שטוב. מען האָט איר צוגעוואָרפן אַ פישל, אַביינדל. און ווער רעדט ווען זי האָט זיך אָפּגעקעצלט, האָט שיינדל פון איר ניט אָפּ־געטראָטן.

געהאַט האָט זי דריי קעצעלעך — צוויי אין איר געראָטן, און איינע אין אים מיט די שוואַרצע פּאַסן.

די טעג ווען די קינדער אירע זיינען געווען זייער יונג, איז זי כמעט ניט אַרויס פון הויז. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איר

ווייכן געלעגער לעבן קאַמאַד. און די דריי קעצלעך האָבן איר גע־בוצקעט, האָבן איר וואַרעם געקיצלט. אָבער דאָס קעצל, וואָס איז געווען געראָטן אין אים מיט די שוואַרצע פאַסן, האָט געזויגן מיט מער אימפּעט און זיך געביסן ביים זויגן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיך שוין די קעצלעך אַרומגע־שפּילט אין דרויסן. דערנאָך האָט אַ שכן צוגענומען דאָס קעצל מיט די שוואַרצע פאַסן. שפּעטער צו האָבן איר די צוויי קעצלעך אויך ניט געסטייעט. זי האָט זיי געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון הויז, געוויינט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, און ביסלעכווייז פאַרגעסן אַז זי האָט געהאַט קינדער. צוריק אַ פרייע, האָט זי זיך אַרומגעיאָגט אויפן גאַס, און אַז זי האָט דערזען פון ווייטן אַ הונט, האָט זי באַצייטנס זיך אויסבאַהאַלטן. און אַז די געפאַר איז געווען גאָר נאָענט, האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ צאַם אויף אַ בוים, געלאָזן דעם הונט זיך אָנבילן ביז ס'איז אים מיאוס געוואָרן.

אין אַ צייט אַרום האָט זי ווידער זיך געקאַטשעט. דאָס מאָל מיט גאַנצע פיר קעצלעך. אָבער פון די קינדער האָט זי גאָר קיין נחת ניט געהאַט. פאַרקערט, גרויס צער: ווען זי איז אויף אַ ווײַלע אַרויס אין דרויסן, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער קאָטער מיט די שוואַרצע פאַסן און ער האָט אויסגעשטיקט אַלע קעצלעך. מיטקאַ האָט אים געזען אַרויסשפּרינגען פון פענצטער.

נאָך דער גרויזאַמער פאַסירונג מיט אירע פיר קינדער, איז מיטקאַ אויסגערונען פון איר פעל. זי איז געוואָרן איבערקלייבעריש מיטן עסן. אַ פוילקייט איז אויף איר אָנגעפאַלן. גאַנצענע טעג האָט זי געדרעמלט, זיך אויסבאַהאַלטן.

אָבער אין אַ צייט אַרום האָט זי זיך איינגעשטילט. זי האָט זיך אָפּט געוואַשן. די פעל האָט זיך אָנגעצויגן אויף איר, און זי האָט זיך גענומען באַווייזן אָפטער אין דרויסן. זי האָט אויף דאָס ניי גע־פּרואווט אירע עלטערע כוחות: געשפּרונגען שווערלעך איבער צאַ־מען. אָן האָפענונגען זיך געיאָגט נאָך פייגעלעך. אָבער ווען אַ מאַנ־קאַץ, אַ געלער, אַ הינקעדיקער, האָט איר אָנגעהויבן נאָכפאָלגן, האָט זי אים מיט כעס געטריבן פון זיך. אָבער דער געלער קאָטער איז

איר נאָכגעהונקען וואו זי האָט זיך געריירט. מיטקאַ האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט ציין און נעגל. דערנאָך האָט זי זיך אײַנגעוואוינט צו אים.

אויף מיטקען איז אָנגעקומען די עלטער. זי האָט אָנגעהויבן זען שוואַך. זי האָט זיך פֿאַרקליבן אויפן אויוון. זי האָט זיך אַפילו געפוילט גיין עסן. נאָר געדרעמלט און געדרעמלט. די שטוביקע מענטשן האָבן איר אינגאַנצן פֿאַרקוקט. מען האָט שוין אַפילו פֿאַרגעסן איר נאָמען. די גאַנצע ליבע שענקען זיי איצט איר איינציק קינד, וואָס איז איר פֿאַרבליבן אַ וויכאָוואַנקע אויף דער עלטער, אַ געלע קעצל. זיי רופן איר קאַנאַריק. שיינדל האָט איר אָנגעטאָן אַ זיידענעם רויטן בענדל אַרום האַלז.

מיטקאַ קוקט אַראָפּ מיט אירע בלינדלעכע אויגן פון דעם אויוון אויף איר וויכאָוואַנקע, וועלכע שפּילט זיך אַרום מיט אַ קניילכל...

דער פעליקאַן פויגל

נידעריק איז דער פעליקאַן געפלויגן אין „עקאָ פּאַרק" איבערן טייך. זיינע געלבלעכע פיס מיט אויסגעשפּרייטע הייטלעך, דער שנאָבל צעעפנט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער איז געקומען פון אַ ווייטער רייזע. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער הילצערנער גלאָטקע. די מעוועס האָבן זיך אויפגעהויבן מיט ווילדן קוויטשען. די כינעזישע גענז האָבן זיך אונטערגעטונקט. דער פעליקאַן איז געבליבן זיצן אונטערגענומען די פיס אונטערן בויך, די מידע פליגל אַריינגענומען, דעם געלן שנאָבל אויף דער ברוסט, די אויגן עטוואָס אָפן. ער האָט געדרעמלט. די פויגל אין „עקאָ פּאַרק" האָבן זיך דורכגערעדט אויף זייערע פויגלשע קולות. דער פעליקאַן האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין קול. געזעסן שווער און איינזאַם. אויך די מענטשן אין פּאַרק זיינען געשטאַנען פאַרוואונדערט. אַ מאַטראָס האָט געזאָגט:

„די גרויסע פויגל קענען פליען אָן אָפּשטעל עטלעכע טויזנט מייל. ס'איז ניטאָ קיין סך פון זייער מין".

ער האָט אָנגעשטעלט דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. און די קליינע קינדער האָבן ניט אָפּגעטראָטן אַרום די ברעגן פון טייך. זיי האָבן געשריען, אָבער דער פעליקאַן איז געזעסן ווי אַ פאַרוואָגל־טער און קראַנקער.

פּלוצים האָט ער זיך אויפגעשטעלט צעעפנט ברייט דעם שנאָבל, צענומען די פליגל און זיי אויפגעשלאָסן; אַ גיי־געטאָן אי־בער דער גלאָטקע און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געצופּט מיטן שנאָבל די פעדערן, וואָס זיינען שוואַך געוואָרן. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזן אין וואַסער, געטובל'ט, אַ קוק געטאָן אַרום זיך ווידער גע־טובל'ט.

יע, פון דעם וייטן וועג איז ער געווען פאַרסאַזשעט. ער איז געגאַנגען אין פלאַכן וואַסער אָן אָפּגעשפּיגלטער. ער האָט אויף זיך געקוקט. דערנאָך האָט ער מיטן לאַנגן שנאָבל געזוכט אונטער די

פליגל, אַראָפּגעריבן די שטויבן. לאַנג האָט ער זיך געוואַשן, גע־טריקנט. און די פיל פויגל, וואָס זיינען געשוואומען, האָבן געהאַלטן וואַכע אויגן אויפן פעליקאַן. אויך די צוויי שוואַנען, דאָס פאַרליבטע פּאָרל, האָבן אויסגעצויגן די העלזער און זיך גענומען דערנעענטערן צום פעליקאַן. זיי האָבן זיך אָנגעבלאָזן ווי באַלונען. געוווען גרייט זיך צו שלאָגן, פאַרטרייבן דעם פרעמדן פויגל... אָבער דער פעליקאַן האָט צענומען די פליגל. מען האָט געקענט זען פון זיין נידעריקן פליען, אַז קיין מורא האָט ער ניט פאַר זיי, פאַר אַזעלכע צוויי נאַרישע נפשות, ניט זיי קענען כאַפּן פיש, ניט פליען. שווימען אַרום אַ גאַנצן טאָג שטאָלצע, פאַרריסענע, ווי זייער טייך וואָלט דאָס געווען.

מען האָט געקענט זען, אַז דער פעליקאַן האָט זיך פאַרנומען דאָ בלייבן. ער איז געשטאַנען אַן אָפּגעטריקנטער, אַ ריינער, אַ וויי־סער. אין זיינע גזלנישע אויגעלעך האָט זיך געשפּיגלט שאַרפער הונגער...

ער איז שטיל געשוואומען וואו דער טייך איז געווען פאַרוואַקסן מיט בלעטער און ברייטע גראָזן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, לייכט געדרודערט מיט די פיס. און די גזלנישע אויגעלעך אָנגעצונדענע. ער האָט פאַרנומען אַ רודערן אונטן ביי די קאָרטשעס. יאָ, ער האָט דערזען אַ גאָלדענעם פיש, וואָס האָט זיך געשפּילט, געקערט פון איין זייט אויפן אַנדערן. אָ, ער טאָר איצט ניט פאַרפעלן. דער הונ־גער שרייט... ווי אַ פייל פון בויגן, האָט זיך אַ צי געטאָן זיין גע־שפּאַנטער האַלז און דער שנאָבל האָט געשפּאָלטן דעם וואַסער. ער איז שוין געווען האַלב איבערגעקערט אין טייך. באַלד האָט דער פעליקאַן זיך באַוויזן מיט אַ גאָלדענעם פיש פאַרקלעמט אין זיין שנאָבל. אַלע שופּן האָבן געגלאַנצט קעגן זון. און די אויגן פונעם פיש האָבן אַ לעצטן קוק געטאָן אויפן גזלן... באַלד איז שוין דער פיש געלעגן אין פאַרמאַכטן שנאָבל. מען האָט געזען ווי אונטערן שנאָבל האָט ווי אין אַ טאָרבע, געצאַפּלט. און פּאַמעלעך איז דער פיש אַריינגעגליטשט געוואָרן אין לאַנגן האַלז אויך אין האַלז האָט

דער פיש געצאַפּלט. אָבער דער פּעליקאַן איז שוין געזעסן ווידער אַן אָנגעצילטער מיט די גזלנישע אויגעלעך צו די בלעטער און גראָזן . . .

זיך אָנגעשלונגען מיט גאָלדענע לעבעדיקע פיש, איז דער פּעליקאַן צוגעשוואומען צו דער הילצערנער גלאַטקע, וואו עס זיינען געזעסן און געשטאַנען די פויגל גזלנים, וועלכע האָבן געלעבט אויף פיש־פּאַנגעריי. זיי זיינען געשטאַנען געשלעפּערטע, אומעטיקע. און דער פּעליקאַן, דער גרעסטער רויבער, איז געשטאַנען ווי אויסגע־רונען פון לעבן . . . לאַנג און שווער איז געווען דאָס פאַרדייען פון די גאָלדענע פיש. זיין קערפּער פלעגט אויפציטערן ווי פון אַ שווערן שלוקערצן . . .

פאַרנאַכט פלעגט זיך דער פּעליקאַן אַרויסלאָזן אויפן מיטן טייך. ער איז געווען אַזאַ גוטער שווימער ווי אַ פליער . . .

פאַרנאַכט איז די פיש־פּאַנגעריי פון די פויגל געווען זייער האַפּטיק. די יונגע פישעלעך האָבן אַרויסגעטאַנצט איבערן וואַסער, ווי געוואָלט כאַפּן די לעצטע שטראַלן פון דער זון. און די פישלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויפן גרונט, נאָך זיי האָבן זיך געיאָגט די כינעזישע שוואַרצע, סאַמעטענע גענז, וועלכע האָבן געקאָנט שווימען אונטערן וואַסער, דער פּעליקאַן האָט פאַרדייעט מער פיש ווי אַלע פויגל. אַזוי האָבן געטענה׳ט די מענטשן אין פּאַרק, און זיי האָבן באַשלאָסן צו דערציילן די פּאָליציי־לייט . . .

און איינמאָל בייטאָג האָבן זיך באַוויזן פיר מענער אויף אַ שיפל. זיי האָבן געפירט שטריק, אַ נעץ. זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער הילצערנער גלאַטקע שטיל, פּאַמעלעך, וואו דער פּעליקאַן איז געזעסן אָן אָנגעשלונגענער מיט לעבעדיקע פיש. מיד זיינען געוואָרן זיינע פליגל; זיינע פיס — טעמפּ; זיינע אויגן — אין שלאָף...

פּלוצים האָט ער דערהערט אַ פּאַטשעריי פון פליגל. די פויגל זיינען צעפלויגן אַרום אים. און איידער ער האָט פאַנאַנדערגענומען זיינע פליגל, איז אַ נעץ געלעגן איבער אים.

דער פּעליקאַן פויגל

ער האָט געשלאָגן מיט זיין שטאַרקן שנאָבל, מיט די פליגל. זיין גאַנצער געוויכטיקער קערפּער האָט געצאַפּלט...

דער פּעליקאַן איז געלעגן אַ געפאַנגענער, געקוקט צום פרייען הימל, וואו די פויגל, איבערגעשראָקענע, האָבן זיך געטראָגן אין ווילדן געשריי...

צוויי בוימער

דער זיידע האָט געהאַלטן די לייצעס, געשמאַקציעט צום פערדל. און דער אייניקל, אַ דערפרייטער קוקט אויפן זיידן ווי ער האַלט צו־געזשמורעט די אויגן קעגן זון. און דער שטילער ווינטל וויגט זיין באָרד.

דער וועג איז זאַמדיק, ווייט און ליכטיק. אין דער הויך איז בלוי. אַ קליין פייגעלע ציטערט אין געזאַנג...

— ביסט צופרידן, ליב אייניקל מיין, וואָס כ׳האָב דיך מיט־גענומען?

דער אייניקל טוליעט זיך... —דערצייל מיר נאָך אַ מעשה, זיידע!...

— זעסט, ליב אייניקל מיינער, די צוויי ביימער? וועגן זיי וועל איך דיר דערציילן...

און ווען דער זיידע האָט שוין געהאַלטן די ליולקע ביים זייט פון מויל און קורץ געפּיפּקעט, האָט ער אָנגעהויבן שטיל פּאַמעלעך דערציילן:

אַמאָל, אַמאָל האָט דאָ אַ וואַלד געררוישט. דעמבעס מיט ברוינע קאַשטאַנען. סאָסנעס מיט צעשופּטע שישקעס. קוסטעס מיט שוואַרצע און רויטע יאַגדעס. אויך קוסטעס מיט בערישע יאַגעדעס. שוואָמען ווי געלע הינדעלעך, האָבן געהאַלזט די שטאַמען.

הויך אויף די ביימער האָבן פייגל אויסגעפלאָכטן נעסטן. זיי האָבן אויסגעבעט זייערע נעסטן מיט פעדערן, בלעטער און מאָך. אין די נעסטן האָבן די פייגל־מאַמעס אייער געלייגט. און מיט צע־שפּרייטע פליגל און וואַרעמע בייכלעך געבריט די אייער. און די פייגל־פּאַטערס זיינען אַרומגעפלויגן, אַרומגעהאַוועט איבער וואַלד און פעלד. געבראַכט זייערע פייגל־פּרויען, זייערע קינדער: ווערים, מאָטילן, פליגן. אַפילו טרינקען אין די פּאַרשלאָסענע שנאָבלען...

ביינאַכט זיינען די פייגל־פאַמיליעס געשלאָפן צוזאַמען אין זיי־

ערע אויסגעבעטע נעסטן געטוליעטע, אויפגענומענע פאַרשטילטע.
— די אַלטע מענער־פייגל האָבן געדרימלט לייכט...

בייטאָג האָבן וועווערקעס געקלעטערט איבער די שטאַמען. פון איין בוים אויפן צווייטן געשפרונגען. די צוויגן האָבן זיך לאַנג געהוידעט...

טיף אין וואַלד האָט אַ שטילע אָזיערע גערוט; איבערגעדעקט מיט וואַסערבלומען, מיט שטיקער גרינע דעקן. פלעגט אַמאָל אַ פראָש אַרויסשטעלן זיין גרינעם קאָפּ, מיט די צוויי גרויסע אויגן. איז אַ בלעטל געפאַלן פון אַ בוים, האָט דער פראָש אַראָפּגעטונקט, זיך אַ צי געטאָן אונטערן וואַסער.

חיות האָבן זיך געגנבעט דורך גראָזן און נאָרעס. זיי האָבן אַכטונג געגעבן אויף די רויבפייגל, אויף די שלאַנגען... ביים שטילן שטייענדיקן טייך געוואַשן, געשטילט דעם דורשט. אויך געזען זיך אין דעם שפּיגל...

ווען אַ שטורעם איז אַראָפּגעפאַלן מיט בליצן, דונערן און אַ שלאַקסרעגן, — זיינען אַלע חיות שוין געווען אין זייערע היימען. די וועווערקעס אין די אויסגעהיילטע ביימער, האָזן אין נאָרעס, שלאַנגען און יאַשטשערקעס אונטער קופּעס שטיינער. אַפילו דער בייזער גרויער וואָלף — אין זיין פאַרשטעלטער גרוב. ווערעמלעך זשוקעלעך, האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער מאָכיקער ערד...

ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט און די זון, ווי דורך אַ זיפּ, געשפּרייט שטראַלן, — האָט דער גאַנצער וואַלד פאַרשמעקט. אַ געזאַנג, אַ פישטשען און אַ שמוצערן האָט זיך געטראָגן...

אַזוי האָט דער וואַלד געלעבט הונדערטער יאָרן, מיט איין ברייטן וועג אינמיטן.

ווען דער וואַלד איז געווען פאַרשנייט, פלעגן מענטשן אין שליטנס זיך דורכטראָגן. און די גלעקלעך האָבן טיף אין וואַלד פאַרקלונגען...

איין מאָל איז דעם פּריצעס איינציקע שיינע טאָכטער דורכן וואַלד געריטן, אויף אַ ווייסן פערד ווי מילך. און איר אָרעמער געליבטער איז אָנגעריטן אויף אַ רויטן פערד ווי בלוט. זיי האָבן זיך

פאַרשעמט. שרעק האָט געשפּריצט פון זייערע אויגן. זיי האָבן געריטן נאָענט, זיך געהאַלטן פאַר די הענט. — היט זיך פאַר מיין טאַטן! — האָט דאָס יונג, בלאַס, איבערגעשראָקן מיידל קוים אַרויסגעמורמלט...

דעם יונגס האַרץ האָט אויפגעשפּילט. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן און זי איז צוגעפאַלן צו אים. ער האָט זי גרינג ווי אַ פעדער אַ הייב געטאָן אין דער לופטן. דער רויטער פערד האָט אַ הירזשע געטאָן. דער פישער־בחור האָט מיטן שפּיצרוט אַ טריב געטאָן דעם ווייסן פערד. ווי אַ וואָלקנדל איז דער פערד אָפּגעמעקט געוואָרן... דאָס מיידל האָט זיך צעוויינט.

דער פישעריונג האָט אַראָפּגענומען דעם שאַל פון זיין האַלז, געווישט די טרערן. מיט זיין פּנים געגלעט איר פּנים, און אירע הענט האָט ער געקושט.

אין אירע ווייסע הענט האָבן אונטערן הויט געענטפערט דינע אָדערלעך מיט אַ טיקען...

אינמיטן נאַכט איז דער פישעריונג אויף אַ טשייקע געשוואומען איבער דער ברייט פון שוימיקן טייך. און אויפן צווייטן זייט גרענעץ צווישן בערג איז זיין פישערשטוב געשטאַנען. וואו די רייכע טאַכטער און דער אָרעמער פישעריונג זיינען אַנטלאָפן...

דער ווייסער פערד, אַ פאַרקאַכטער, אַ פאַרשוימטער איז געבליבן שטיין לעבן פּאַלאַץ. אין הויף איז געוואָרן אַ געלאַף...

דער פריץ האָט אַרויסגעשיקט זיינע באַדינער. אַרויסגעטריבן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער צו זוכן זיין טאָכטער.

וואָכן האָבן די פויערים געבראָדזיעט דורך געדיכטעניש פון נעם וואַלד, געשאַלט אויף האַרנס...

דער פריץ איז אַראָפּגעפאַלן פון פּנים. זיינע אויגן זיינען פון טאָג צו טאָג צאָרנדיקער און פינצטערער געוואָרן. אין די נעכט האָט ער אַרומגעריטן מיט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ. די יאַגדהינט האָבן ווילד געבולן...

איין מאָל האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיין יעגער־קאָסטיום. אויפן קאָפּ אַ הויכע גרינע הוט מיט אַ פעדער. אויף די אַקסל אַ צוויי־רערנ־

דיקע ביקס. זיין לייב־דינער האָט אָנגעזאָטלט דעם פלינקסטן פערד. זיי האָבן אַריינגעריטן וואו דער הויפּט־עקאָנאָם האָט געוואוינט.

דער עקאָנאָם איז אַרויס אויפן גאַניק, זיך נידעריק פאַרנייגט פאַרן פּריץ.

— מיין באַפעל: דער באַרער וואַלד זאָל אויסגעהאַקט ווערן פון ברעג צו ברעג אין פיר וואָכן צייט. ווער נישט באַוויזן... — האָט זיך דער קול צעשפּאָלטן אינעם פּריצעס האַלז.

דער עקאָנאָם איז צוגעשפּרונגען, געפאַלן אויף די קני, גע־קושט דעם אַרבל פון זיין האַר.

דער פּריץ האָט באַקומען זיין קול: — נאָר איין דינע בעריאָזע־צווייגל זאָלסטו לאָזן אַן אָנדענק נאָך מיין טאָכטער...

— איך וועל דורכפירן דיין פאַרזאָג.

אויף מאָרגן האָבן שוין שאַרפע העק און זעגן אַלע זייטן פון וואַלד אַרומגענומען. יונגעביימער און אַלטע האָבן געוויינט. זיי־ערע געשרייען האָבן אָפּגעקלונגען מיט ווידער־קולות. און ביינאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סומאַטאָכע. די פלינקע וועווערקעס האָבן זיך אויפגענומען אין די טויזנטער.

זיי האָבן געוואַנדערט צום גרויסן „בילוועזער וואַלד". האָזן האָבן זיך ווי גרויע קנוילן געקייקלט איבער די פעלדער. און די רויב־פייגל האָבן זיי געפלינדערט. אויך די פוקסן און וועלף האָבן פאַרצוקט...

ווען דער וואַלד איז שוין געווען פון ברעג צו ברעג אויסגע־האַקט — איז דער פּריץ אָנגעריטן. ביי זיין רעכטער האַנט — זיין לייבדינער, ביי דער לינקער דער עקאָנאָם. זיי האָבן דעם פּריץ אַראָפּגענומען פון פערד, אים צוגעפירט אונטער די הענט צו דעם בעריאָזע־בוים. מיט געשטרויכלטע פיס האָט דער אַלטער פּריץ שטיל געפּרעפּלט און דער לייכטער ווינט אין די בלעטער האָט ווי געענטפערט...

ווען דער זיידע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער נאָך גע־פּרוּווט אַ ציי טאָן די פאַרלאָשענע ליולקע... און דאָס אייניקל האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ חלום...

דער טאָפּל

און איצט, מיין ליב אייניקל, וועל איך דיר דערציילן די לעבנס־געשיכטע פון דעם טאָפּאָל: גאָר אַמאָל איז ער געווען אַ קליין שוואַרץ קערנדל, האָט אים אַן אָרעמע פויערטע פאַרזעצט אין אַ בלעכענע קענדל אָנגעקוועטשט מיט ערד.

ווען די ערשטע בלאַס גרינע בלעטלעך האָבן זיך אַרויסגע־שניטן ווי צוויי גרינע אויגן, האָבן זיי דערזען די אָרעמע נידעריקע שטוב איינגעהילט אין רויך און פּאַרע. לעבן אים, אויף די קליינע פענצטערלעך, זיינען געשטאַנען נאָך געוויקסן. זיי פלעגן שטיל צווישן זיך ריידן. אין אַ ליכטיקע וואַרעמע שעה פלעגט אַרום זיי אַרומ־הוליען אַ גרינע פליג. אַ בין פלעגט פאַרבלאָנדזשען, זיך אַראָפּלאָזן, אַריינגעסודעט, אַריינגעזשומעט פון פעלדיקן לעבן. אויך אַ שמעטער־לינג אַ געפּוצטער, אַ גרינגער פלעגט אַרומפלאַטערן, אַרומקרייזן, אַנווייען בענקשאַפט און ליבע. אַפילו מוראַשקעלעך האָבן געשמייעט הין און צוריק.

איינמאָל אין אַ מיטן נאַכט, האָט דער פויער וואַסיל געשפּאַנט דאָס פערדל. און די פויערטע אַנופרי האָט אַרויסגעטראָגן די וואַזאַנעס אין דרויסן. מען האָט זיי געשטעלט איינע לעבן די אַנדערע אין וועגל...

באַלד האָבן גענומען די דאָרפישע הייזלעך אָפּטרעטן. דאָס פערדל צעהירזשעט דערזעענדיק דעם לאַנגן וועג וואָס האָט זיך פאַרלאָרן אויף די ברייטע פעלדער.

אויפן וועג האָבן געטומלט וועגענער. מענטשן האָבן איבער־געשריען נאַכטיקע פייגל. און ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער טאָג, איז אַנופרי און וואַסיל אַריינגעפאַלן אין אַ שטעטל וואו ס'האָט זיך אויסגעשטעלט אַ יאַריד.

די זון איז אַרויס פון איר פוטער־פאַס און די היץ האָט פאַר־חלשט דאָס קליין טאָפּאָל־געוויקסל. צום גליק האָבן אים אַ פּאָר

מיידלהענט אויפגעהויבן. און דאָס מיידל האָט געפרעגט: — וויפל זינגט אַנופרי פאַר דעם טל־מטרל? — צוויי גילדן, פאַנינקע. ביי גוט אַכטונג געבן קען דער פלאַנץ אויסוואַקסן אין אַ גרויסן בוים. די „פאַנינקע״ האָט אַ שמייכל געטאָן פון איר טייסטערל, אַרויסגע־נומען צוויי זילבערנע גילדן.

אַ פּאָר טעג איז דער טאָפּאָלפלאַנץ געשטאַנען אין אַ פּוסטן גרויסן קילן צימער אָן אַ שפּריץ וואַסער...

— אָבער גאָט הערט זיך איין אַפילו צום געבעט פון די אָרעמע פלאַנצן... מען האָט אים אַרויסגענומען פון בלעכענער קענדל, אײַ־בערגעזעצט אין אַ גרויסע גרינע וואַזע, אויסגעמאָלן מיט הירשן אויף די קיילעכדיקע ווענט. די פרישע ווייכע ערד איז צוגעפאַלן צו זיינע דינע האַלב־פאַרטריקנטע וואָרצלען. זיינע בלעטלעך האָבן אויפגעציטערט מיט פרייד...

ווען דער טאָפּאָלפלאַנץ האָט זיך געשלאַנקט, האָט זיך גע־קרעפּטיקט אינעווייניק דאָס געהילץ מיט רעדלעך, אויפן שטאָם אָנגעצויגן מיט דינער קאָרע. פיל בלעטלעך האָבן אויפגעגרינט אויף זיין קרוין.

דאָס יונגע מיידל מיט די וואַרעמע הענט האָט אים איבער־געטראָגן אין דעם גרויסן אויפנאַם־צימער פונעם דאָקטאָר.

די ערשטע טעג איז ער געווען שיכור פון די מעדיצינען, וואָס האָבן געשפּרייט זייערע שאַרפע ריחות. דאָס הוסטן, קרעכצן, דעם דאָקטאָרס שרייען. די האַלב־אויסגעטאָנענע מענטשן און דער גלאָ־בוס, וואָס האָט זיך פאַמעלעך און שטענדיק געדרייט.

און איינמאָל — דאָס איז שוין געווען אינמיטן זומער — איז אַ פויער צוגעפאָרן מיט זיין בן־יחיד צו דעם אַלטן דאָקטאָר. און ווי נאָר דער פויער איז אַריין אין אויפנאַם־צימער, האָט ער זיינע גרינע אויגן געלאָזט רוען אויף דעם יונגן טאָפּאָל אין דער גרויסער גרינער וואַזע. ער האָט געגלעט זיין שטאָם, געטאַפּט זיינע צווייגן. מיט אַ טיכל אָפּגעשטויבט די בלעטלעך. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט סודות אין האַרצן.

דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן מיט אַ פריילעך פּנים, פּירנ־דיק דעם פויערס בן־יחיד פאַרן האַנט.

— פּאַרט אין אייער פערמע. וועקט אייער זון פרי. שלאָפן גיין גלייך מיטן זון־פאַרגאַנג. טרינקען אַ סך וואַסער. און אַרבעטן אויפן פעלד.

הער דאָקטאָר, האָט דער פויער זיך אָפּגערופן ווי פאַרשעמט: איך וואָלט אַ בעלן געווען אויף דער וואַזאַנע. וועל אייך אָפּצאָלן מיט פּאַטיקע־האָניק. אייער גלייך פון די הינער, מיט מאַלענעס און אַגרעסן. און אַ באַרנע־שטעקן וועל איך דעם הער דאָקטאָר ברענגען. קיינער וועט די אויגן ניט אַראָפּנעמען...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער פאַרמער מיט זיין בן־יחיד אויסגעגראָבן אַ ברייטע טיפע גרוב. זיי האָבן אים געבויגן אַהער, אַהין, אויסגעגלייכט ווי אַ סטרונע, און האַלב האָבן זיי אים פאַר־דעקט מיט פרישער קלעפּיקער ערד. און מיט די דינע שטריקלעך אים צוגעבונדן צו זיינע שכנים־ביימער.

טעג זיינען אַנגעשטאַנען לאַנגע, לויטערע, הייסע. זיינע וואָר־צלען האָבן ווי דינע קרייצערס זיך געגראָבן אין דער טיף און ברייט, זיי האָבן מיט זייערע יונגע מיילכלעך געטרונקען די זאַפטן פון דער ערד און זיי צעפירט דורכן שטאַם צו אַלע בלעטלעך ביזן שפּיץ פון קרוין.

דער בן־יחיד איז געזונט געוואָרן, אויסגעוואַקסן אין אַ סטאַטי־נעם מאַן...

דער זיידע איז שטיל געבליבן. אויך דער איינינקל איז געזעסן פאַרטראַכט. און דער זומער פאַרנאַכט האָט זיך געשפּרייט מיט לינד־קייט, שאָטנדיקייט און סודות...

פיר בוימער

אויף אַ ברייטן שטח, אָנגעוואָרפן מיט שטיקער גלאָז, שטיי־נער, צעטראָטענע גראָזן, זיינען זיי געשטאַנען די פיר פּרוכט־ביימער, ניט קיין אָרומגעצאַמטע, ניט קיין אָפּגעקאָלכטע, אָן אַ באַלעבאָס, אָן אַ שומר. פון איין זייט איז געשטאַנען דער גרינער קלויסטער מיט פיל קופּאָלן, אין די קופּאָלן־גלעקער, וואָס האָבן געקלונגען אויף אַ חגא, אויף אַ שרפה און אַ מאָל פון שטאַרקע ווינטן. פון אַ צווייטער זייט האָט געוואוינט אַ פויער אין אַ גרויס הילצערן הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפגעהויבן אויף הויכע פונדאַמענטן מיט צוויי רויטע קוימענס אויפן סקאָסנעם שינדעלנעם דאַך. דאָס הויז איז געווען פאַרטרונקען אין פּרוכט־ביימער. די ביימער זיינען געווען טיף געוואָרצלטע, גלייך אָרומגעשוירענע, די שטאַמען געקאָלכטע. אַ הויכער אויסגעשפּיצטער, אויסגעפּאַרבטער צאַם, האָט אָרומגע־רינגלט דאָס הויז מיט די ביימער. אין צאַם האָט זיך געעפנט אַ ברייטער שיין אויסגעשלאָגענער זינגענדיקער טויער. און אין סאָד איז געלאָפן אַ ברייטער וועג פאַר פערד־און־וואָגן, מיט פיל שמאָלע שטעגעלעך, אויסגעלייגטע מיט ווייסע שטיינדלעך.

אויף צופליסן זיינען געשטאַנען די פיר עלנטע פּרוכטביימער ווי אַרויסגעטריבענע פון גן־עדן.

דער פרילינג איז געקומען מיט לינדע ווינטן, ווייכע פאַרנאַכטן. די פיר ביימער האָבן גענומען פּאָקן־מאָזלען. אַלע קראַנקהייטן האָבן אַרויסגעשלאָגן פונעם שווערן ווינטער אויף זייערע שטאַמען. אָבער אויך קנאָספּן זיינען געלעגן, געוויקלטע, אַנדערע שוין אַרויסגע־פּלאַצטע אויף די צעקרומטע האַלב־אָפּגעדאַרטע צווייגן. און פויגל האָבן אין פאַרטאָגן אויף ביימער געדאַוונט און געזונגען.

די אָפּגעדעקטע שטאַמען פון די ווינטער־שנייען, פאַרשוואַרצ־טע, איינגעדעקטע אין גוזעס, לעכער, שטיקער אָפּגעריזעטע קאָרע פון פערד. אויך האָר פון זייערע פעלן זיינען געבליבן שטעקן אין

די שופן פון דער קאָרע. אויף די נאַקעטע לייבער זיינען געווען אויסגעקריצט מיט קליינע קעשענע־מעסערלעך נעמען אין געדרוק־טער שריפט.

דער זומער איז געקומען, דער סאַד האָט זיך פאַרשאָטנט, באַ־קליידט און באַגרינט מיט בלעטער, און זיך פאַרשאָטן מיט ראָזע ווייסע בליטן. זיינען די פיר עלנטע ביימער אויך ניט אָפּגעשטאַנען. זייערע וואָרצלען האָבן געטריבן זאַפט צו די לעבעדיקע ווייכע צווייגלעך. אויף זיי אויסגעוויקלט גרינע, אָדערדיקע, מיט די הע־רעלעך באַוואַקסענע בלעטער. אויך מיט בליטן באַשאָטן שיטער אויף די שפּיצן, אויף די ברעגן. נידעריק און אינמיטן זיינען אַ סך צווייגן געווען אָפּגעדאַרטע, פאַרטרוקנטע, אָפּגעבראָכענע. ווילדע אינגלעך האָבן שטעקנס און שטיינער געוואָרפן אין די צווייגן — ניט דערלאָזט אַ פרוכט זאָל צייטיק ווערן. צו די שטאַמען האָט מען צוגעבונדן פערד. זיי האָבן די שטאַמען אויסגעדרייט. און מיט זיי־ערע קאָפּיטעס געקאָפּעט די ערד, צעקאַליעטשעט און איבערגע־האַקט אַ סך וואָרצלען.

גאָטס וואונדער האָט אויף די ביימער געהויערט. ווינטער זיי־נען זיי געשטאַנען ניט קיין באַשיצטע. זאַווערוכעס האָבן געפייפט אַרום זיי. האַלב געפרוירענע וואָראָנעס האָבן זיך געטוליעט אין זיי־ערע צווייגן.

און דער סאַד אַנטקעגן: — אַלע שטאַמען אַרומגעבונדענע מיט זעק, מיט פרישער ערד און מיסט אײַנגעדעקט די וואָרצלען.

און אַ מלחמה האָט זיך אָנגעטראָגן אויפן לאַנד. די הייזער אויף די בערג און טאָלן זיינען אַוועק מיטן פייער. דער גרינער קלויסטער איז געשטאַנען אויסגעליידיקט, צעעפנט מיט אָפּגעבראָכענע קופּאָלן, אָן גלעקער. דעם גרויסן סאַד האָט דער פויער אויסגעהאַקט, ניט געלאָזן פאַרן שונא. נאָר די פיר ביימער זיינען געבליבן אין זייער אַלטקייט ווי אָפּגעהיטע פון גאָט.

אין שטורעם

אין די פּאַלעס פונעם שטורעם־ווינט האָט זיך צוגעטוליעט אַ בוים־קערענדל פון אַ ווילדן אינדזל. הונדערטער מײלן האָט זיך דאָס קערענדל געטראָגן ווייט פון זיין היים. און צום מזל אַראָפּגעפּאַלן אויף אַ ווייכן בייט און איינגעשלאָפן אין הינער־פּלעט...

דאָס קערנדל האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט דינע ווייסע פעדים אָנגעטשעפּעט צו דער ערד. צו דער ווייסער וועלט האָבן אַרויס־געשניטן פוקע בלעטלעך מיט דינענקע גאָלדענע הערעלעך...

איינמאָל איז דער אָרימער פויער איוואַן דורכגעגאַנגען זיין פעלד און דערזען די מאָדנע פלאַנץ... ער האָט מיט זיינע וואַרעמע הענט באַרירט די בלעטלעך; — זיי האָבן אים געשטאָכן און פון זיינע פינגער האָט פאַרשמעקט טערפּעטין...

דער פויער איז אַלע פרימאָרגן אַרויס אין זיין פעלד, זיך ניט געקענט אָנקוקן גענוג אויף דעם פרעמדן ביימל...

די זעלבע וואָך האָט דער פויער איינגעשפּאַנט זיין פערדל, זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג אַריין צום אַגראָנאָם. ער איז געפאָרן דורך פעלדער, וועלדער, איבער הילצערנע בריקלעך. אַ נאַכט איז געקו־מען, אַ נאַכט איז פאַרגאַנגען.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דער פויער מיטן אַגראָנאָם — ביידע מיט פאַרוואָקסענע בערד — אָנגעקומען צום גאָרטן. — דער בוים האָט זיך אויסגעשלאָנקט מיט צווייגן און בלעטער, ווי אַ ברייט צעעפנטער שירעם...

דער פויער מיטן אַגראָנאָם האָבן גענומען אַרומגראָבן ווייט אַרום דעם בוים. דערנאָך האָט דער אַגראָנאָם אַרויסגענומען מיט ביידע הענט דעם בוים. מיט די וואָרצלען. דער אַגראָנאָם האָט דעם בוים איבערגעפלאַנצט.

אין אַ צייט אַרום איז דער אַגראָנאָם אַרויס אַ קוק טאָן אויף דעם מאָדנעם בוים: — ער איז ראַשיק אַ וואַקס געטאָן. ער האָט

אים אַ נאָמען געגעבן דער וואָגלער... ער האָט אָפּגעקאָלכט זיין שטאָם, אַרומגעצאָמט מיט אַ הויכן שפּיציקן צאָם...

ווען דער בוים איז זיך שוין צעוואַקסן אין זיין פולער גרייס, — ווען מיט זיין וואוקס און מיט זיין שיינקייט האָט געקלונגען וויט אַרום, — האָט זיך פון ווילדן ווייטן אינדזל אויפגעהויבן אַ שטורעם. בייז און ווילד האָט זיך דער שטורעם געטראָגן איבער בערג דורך טאָלן... דער בוים איז וואָך געוואָרן מיט זיינע ברייטע שטאַרקע צווייגן, אָנגעשפּיצט זיין קרוין, איינגעזאַמלט די וואָרצלען...

דער שטורעם איז אַראָפּגעפאַלן, מורא׳דיקע בליצן האָבן באַלויכטן דעם בוים. אַ שלאַקס־רעגן איז געפאַלן אין גרויסע דורכגעלויכטענע טראָפּנס — ווי וויינטרויבן... דער בוים האָט מורא׳דיק געקעמפט, געשריען, און געהאַלטן געבונדן אין זיינע אָרעמס דעם שטורעם. נאָר מיט אַמאָל אַ שאַרפער שניט ביי די וואָרצלען... דער בוים האָט זיך פאַרנויגט און איז אַ פאַל געטאָן, און דער באַפרייטער שטורעם־ווינט האָט צוריק געטראָגן אין זיינע פאַלעס קערנדלעך פון דעם בוים צום ווילדן אינדזל אין דער אַלטער היים.

III

מאָביליזאַציע

אַ מענטש אַ פאַרכמורעטער, אַ פאַרווינטיקטער, מיט אַ ביי־זער בשורה אויף צעקרימטע ליפּן, האָט זיך דורכגעטראָגן אויף אַ שוואַרצן פערד: מאָביליזאַציע! מאָביליזאַציע!

דאָס שטעטל האָט אַ רודער געטאָן: טירן האָבן זיך צעפּראַלט, פענצטער האָבן זיך צעעפנט, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ סומאַטאָכע אויפן גאַס...

צווישן אַ גאַנץ געזעמל צעשראָקענע מענטשן, איז געשטאַנען ניאָמי דער וואַסערפירער און געלייענט דעם רויטן פּלאַקאַט. ווען ער איז געקומען צו די יאָרן דריי־און־פערציק, האָט זיך אים, ווי אונטערגעזעגט די פיס. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַוועק אין זיג־זאַג צו זיין קליין הייזעלע. אַן איינגעבויגענער האָט ער אי־בערגעטראָטן דעם שוועל. די ווייב איז אים אַנטקעגן געקומען, אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ פאַרצערטע, מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן האַרצן. ניאָמי האָט זי אויסגעמיטן און איז געבליבן שטיין אַ צע־מישטער. ער האָט מיט אַמאָל דערזען די פולע שטוב מיט זיינע קינ־דערלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט צער און פאַרקלעמונג צו־געדריקט איינס צום אַנדערן, ווי שעפעלעך אין אַ שטורעם. ער האָט דערזען די בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט, און ער האָט מיט אַן אינעווייניקסטן געוויין זיך געזעגנט מיט זיי.

ער האָט זיך אָפּגעקערט, באַטראַכט דאָס הויז: די פענצטער האָבן געוויינט פון כליאַפּנדיקן רעגן. די גלעזלע באַלקנס זיינען געלעגן נידעריק איבערן קאָפּ. ניאָמי! זע זיך וועגן אונז אָרום! אַניט וועלן מיר דיר דאָס גאַנצע שטיבל צעוואָרפן. דער גרויסער אויסגעקרימ־טער אויוון האָט געהאַט טענות: שיט מיך איבער — איך וועל דיר דאָס גאַנצע שטעטל פאַרברענען. די צעלעכערטע פּאָדרובעס האָבן, ווי מיט צעעפנטע מיילער, צו אים גערעדט: מיר וועלן דיינע קינ־דער פאַרקילן. ניאָמי, דער טאַטע פון אַ גרויסע פאַמיליע, דער פאַר־

זאַרגער, האָט זיך צערעוועט, אײַנגראָבנדיק מיט די קולאַקעס אין קאָפּ. אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַ יללה פון דער ווייב מיט די קינדער, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די יללות פון גאַס, ווייענדיקן ווינט און כליאַפּען פון רעגן...

ניאָמי האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעווישט די אויגן, געגלעט צעטרלעך די קינדער איבער די קעפּלעך. ער איז אַרויס פון שטוב אין שטאַל. דער שיוער פערדל האָט דערפילט: זיין באַלעבאָס גייט! האָט ער אַ הירזשע געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט אים.

ער האָט געגלעט דאָס פערד איבערן האַלז, אים געגעבן אַ פולערע פּאַרציע האָבער. ער איז צוגעגאַנגען צום צווייטן ווינקל, וואו ס׳איז געלעגן די פּערעסטע בהמה און געמעלה־גרה׳ט. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט אימפּעט, אַ שווערער סאָפּען האָט דורכ־גענומען דעם שטאַל. זי האָט שוין געוואוסט די צייט, ווען דער באַלעבאָס גיט איר עסן. און אַז ער האָט איר היינטיקס מאָל ניט אַ פּיר געטאָן די הענט אויף איר רוקן, און ניט אַ טאַפּ געטאָן פאַר די הערנער, האָט זי אַ מוקע געטאָן פאַר צער און פאַרדרוס. ניאָמען האָט זיך געדוכט, אַז אויך די בהמה זיינע האָט זיך געזעגנט מיט אים. ער האָט געזען אַזוי פיל שטומען צער אין זיינע שטוב־חיות.

ער איז אַריין אין הויז. די הענט האָבן אים געהאָנגען און זיך אויסגעצויגן, ווי זיי וואָלטן געווען פון גומעלאַסט, און די שטיוול האָבן זיך געשליאַמבערט.

— איך האָב שוין געגעבן עסן דעם פערד! די בהמה! — ער האָט ניט געקענט אויסריידן אינגאַנצן.

ס׳האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר און ביים שוועל איז געבליבן שטיין דער גראָבער אוריאַדניק מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט: „ניאָמע פּינטשעווסקי וואוינט דאָ?". אַ גרויסער פּחד איז אַרומגעלאָפן אי־בערן הויז, אַ גרויזאַמע קללה האָט זיך געקייקלט אין חלל איבער אַלע ווינקעלעך. ס׳האָט קיינער ניט געענטפערט. דער אוריאַדניק האָט אָפּגעסאָפּעט, ניט געוואַגט איבערגיין דעם שוועל, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם נאָמען. ניאָמע האָט זיך אויסגע־גלייכט און ראַשיק אַ זאָג געטאָן: „דאָס בין איך!"

מאָביליזאַציע

— אין אַ שעה אַרום זאָלסטו זיין לעבן סטאַראָסטע, אַ צוגע־גרייטער!

אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוויין, ווי ווען מען טראָגט אַרויס אַ מת.

אין אַ שעה אַרום איז ניאָמי אַרויס אַ גלייכער, אַ ריז, מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם. נאָך אים איז אַרויס דאָס דאַרע, הויכע ווייב מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן האַרצן. און נאָך זיי אַ שעריינגע קינ־דערלעך, איינער הינטער דעם אַנדערן. אין דרויסן האָט אַ ווינט גע־וואָיעט און אַ רעגן האָט געכליאָפּעט...

צוואַנג אַרבעט

דאָס איז געווען אַ פאָרשפּיל צו דער גרויסער איצטיקער וועלט־טראַגעדיע... און פון איין טאָג אַזעלכן וויל איך אַייך איבערגעבן מיינע דעראינערונגען.

אַ בראַזגען אין פענצטער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין יונגן, פולן שלאָף. איך האָב זיך געקנעפּלט מיט טעמפּע פינגער. די באָרוועסע פיס האָבן געטראָגן קילקייט דורך מיין קערפּער. מיינע אויגן האָב איך געהאַלטן פאַרמאַכט, געאָטעמט שווער און מיט שלאָף.

דער נייער טאָג האָט זיך געדראַפּעט, אַ שטרייף הימל בלאַס באַלויכטן. איך האָב זיך אומגעדרייט אויף די שפּיצן פינגער, ניט געוואָלט אויפוועקן טאַטע־מאַמע, וועלכע זיינען געשלאָפן אין די צוויי הילצערנע בעטן. פאַרזאָרגטע מענטשן קען אַ פליג אויפוועקן...

איבער מיין שוועסטערלס פּנים איז דער שלאָף געלעגן אויסגעשפּרייט.

אויפן טיש האָב איך געפונען אַ טאָרבעטשקע, מיין גוטע מאַמע האָט מיר שוין עפּעס אָנגעגרייט. איך האָב אָנגעטאַפּט אַן אוגערקע און אַ שטיקל ברויט. פּאַמעלעך גענומען די קליאַמקע פון טיר...

צוגעלאָפן פאַרסאָפּעט צום וואַך־הויז, האָב איך שוין געטראָפן זעקס מיידלעך, מיינע שכנות. זיי האָבן זיך פאַרשעמט פאַר דעם איין מאַנסביל. איך האָב אויך ניט געפילט די ערד. און די באַקן האָבן מיר געברענט.

פון וואַך־הויז האָט זיך באַוויזן אַ דייטש מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. ער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף אונז, האָט ער אַ באַלעמעטשע געטאָן: זעקס מעדכענס און איין קערל...

דער דייטש האָט געטראָטן פעסט און מיר נאָך אים אין אַ רייע אויף דעם שמאָלן שטעג...

אַלץ האָט געשוויגן, דער דייטשישער זעלנער, מיר און דאָס

ווייטע פעלד. חוץ דאָס שמאָלע טייכל האָט געגלאַנצט, געפרישט און געדרעדט צו די אויסגעריסענע ערדיקע ברעגן...

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין „דלוגאָפּאָליער" הויף, איז די זון שוין אַרויס. איך האָב שטיל אַ זאָג געטאָן: עס וועט זיין היינט אַ היץ! דער דייטש האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיין גלוטיקן פּנים... די מיידלעך האָבן זיך אויפגענורעט ווי דערשראָקענע שעפּסן. און ביי מיר איז דאָס האַרץ אַנטלאָפן...

— שטילשווייגן! — האָט ער אַרויסגעברומט, — פאַרפלוכטע יודען!...

אין „דלוגאָפּאָליער הויף" האָבן אונז דייטשע זעלנער, אויס־געטאָנענע פון די רעקלעך, באַגעגנט מיט אַ הירזשען. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ ברייטע ראָד לעבן אַ מאַשין. באַלד האָט די מאַשין אַ פּייף געטאָן. פון איר הויכן קוימען האָבן אַרויסגעפּופּט קנוילן רויך, אויסגעמישט מיט פונקען. די רימענע פּאַסן אויף די רעדלעך און וואַלסן האָבן זיך צעיאָגט, און די מאַשין האָט גענומען שפּייען אויף אונז מיט אויסגעדראָשענע, צעריבענע שטרוי.

מיר האָבן זיך געראַמט, געטאָפּטשעט די שטרוי מיט די פיס. און די מאַשין האָט געשריען, געטרעשצעט, און געוויקלט אין רויך...

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אַ הויז די הייך, האָט שוין די זון געסמאַליעט. די מיידלעך פאַרפּאַליעטע, מיט פאַרטריקנטע ליפּן, זיינען שוין געווען אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. מיר זיינען געזונקען אין דעם שטראָם פון שטרוי...

איך האָב זיך פּאַמעלעך צוגעשאַרט צום ברעג פון סטאָג און מיט אַ הורבע שטרוי זיך אַראָפּגעגליטשט, געבליבן ליגן מיטן פּנים אַראָפּ און זיך ניט גערירט.

— דער קערל איז טויט! — האָב איך געהערט קולות. מען האָט געשאַרט אַרום מיר די שטרוי. מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ שטעקן. אָבער אַ קאַלטער עמער וואַסער האָט אויפגעציטערט מיין קערפּער. צוויי דייטשן האָבן מיך אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס. מען האָט מיר דערלאַנגט אַ קענדל וואַסער. איך האָב מיט

ציטערדיקע הענט די קענדל איינגעקלאַמערט און מיטן מויל צוגעפאַלן...

דאָס וואַסער האָט געקילט מיינע פאַרברענטע ליפּן, געפּייכט דעם האַלז. איך האָב אויפגעאָטעמט, דערפילט ליכט, לעבן...

איך האָב געבעטן אַן אַנדער אַרבעט. די דייטשן האָבן זיך איבערגעקוקט, שמייכלענדיק, אַ רייד געטאָן איינער צו די אַנדערע... באַלד מיר דערלאַנגט אַ ברייטן טיפן שאָפל און מיר געהייסן אָנשיטן די קערנער אין די זעקלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אָנגעטשעפּעטע צו דראָטן, אָפּענע, פאַרקאַשערטע.

איך האָב אַיינגעשפּאַנט מיינע כוחות, געשעפּט איין שאָפל נאָכן צווייטן. די קערנער האָבן זיך געגליטשט פון באַרג, געלאָפן ווי טויזנטער צעטומלטע מוראַשקעס.

אָנגעשאָטן איין זעקל, גענומען אָנפילן דעם צווייטן.

— ער אַרבעט פלייסיק, דער קערל!

— דער צווייטער דייטש האָט אַ באַמקע געטאָן: — יאָ, געשמיידיג! — אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אויסגעשפּיגן...

ביים פערטן זעקל בין איך שוין געווען אָפּגעגאָסן מיט אַנגסטן. די פּיס האָבן מיר געבראָכן. און איבער מיין רוקן, ווי אַ ריב־אייזן וואַלט מיר געדריקט. די הענט האָבן מיר געצויגן. גרויסע טרערן זיינען מיר געשטאַנען אין די אויגן. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן הענטל פון שאָפל...

— דומער יודע! — האָב איך דערהערט קולות, און אַ דייטש איז געלאָפן אויף מיר מיט אַ פאַכענדיקן שטעקן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און אַ טעמפּן, שווערן ווייטיק דערפילט איבער די פּיס. איך האָב פאַרשטיקט דעם געשריי, געקוקט אויסגעלאָשן, גלייכגילטיק, אויפן דייטש, און שטיל געבעטן ער זאָל מיר אומבייטן די אַרבעט. ער האָט אַ קוק געטאָן, אין איין אויג זיינס האָט זיך באַוויזן רחמנות. ער האָט מיר געהייסן נאָכגיין.

אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געזעסן אין אַ ליידיקן גרויסן וואָגן, געקוקט אויפן חרובן הויף. די ווייסע, גרויסע הייזער, ווי

צערויבטע אָפענע בינשטאָקן. דאָס רייכקייט פון דעם הויף, אַן אויס־גערויבטע, אַ צעשלעפטע. פרעמדע בייזע קולות שרייען דאָ...

צוגעפאָרן צו אַ שטיינערנע הויז, זיינען מיר אַראָפּ אין קע־לער. טוכלעקייט האָט געשלאָגן פון די שווערע שטיינערנע ווענט. די דרויסנדיקע ליכט, האָט געשאָסן אין קרומע, שטויביקע זיילן. רויבער שפינען זיינען איבער די דינע שפינוועבס־בריקן געלאָפן דערוואַכטע, דערשראָקענע...

דער דייטש האָט אַרויסגענומען אַ בונט שליסלען און האָט פון אַן אָפּגעזונדערטן חדרל אַרויסגעלאָזן אַ יונגען פויער. די העל־קייט פון זיין קאָפּ האָר האָט פאַרלויכטן אין טונקעלן קעלער. דער יונגער פויער האָט געקוקט אויפן דייטש אונטערטעניק, שווערע שנאה האָט געשאָטנט אין זיינע אויגן. זיין ברוסט האָט העפטיק גע־קלאַפּט און געהויבן די קוזעלניע העמד...

שפעטער האָב איך מיטן יונגן פויער געוואָרפן די אָנגעזעגטע שטיקער האָלץ אין וואָגן. דער דייטש איז געזעסן אָפּגערוקט, גע־רויכערט רואיק, די ביקס לעבן אים... און דאָס פערד, אַן אויס־געשפּאַנטער, אַ געפּענטעטער אויף די פאָדערשטע פיס, איז געשפרונ־גען און געשציפּעט די לאַנגע גרינע גראָזן.

דער יונגער פויער האָט אַ רייד געטאָן:

— שוין דעם דריטן טאָג האַלטן זיי מיך געפאַנגען די „ניעמציס". מיין פעלד דאַרבט, צוגענומען ביי מיר די פערד, די ניט־גוטע... אויסגעכאַפּט די הינער, צעהרגעט די בהמות. די פאַר־פייניקטע נשמה געלאָזן...

דער יונגער פויער איז שטיל געבליבן, געוואָרפן האַסטיק די שטיקער האָלץ אין וואָגן ווי פּילקעס...

ווען דער וואָגן איז געוואָרן אָנגעפילט, האָט דער יונגער פויער אָפּגעפּענטעט דאָס פערד, געפירט פאַרן צוים, אים אַ גלעט געטאָן ביים האַלז און שטיל געשאָלטן די דייטשן... ער האָט דאָס פערד אַריינגעפירט אין די האַלאַבליעס, דורכגעצויגן די לייצעס דורך די רינגען פון כאָמעט...

די זון איז פאַרגאַנגען. די רויטע, פורפּערנע, גרינע פּאַסן ליכט, האָבן נאָך דעם טאָג געהאַלטן...

די דרעש־מאַשין האָט דריי מאָל געפּייפט, אומעטיק צעצויגן, מיט ווייטע ווידהער־קולות אין פעלד.

—פייערטאָג! האָבן די דייטשן זיגעריש געשריען.

די אָנגעכאַפּטע, אָנגעצוואונגענע בחורים און מיידלעך האָבן פון אַלע זייטן זיך באַוויזן דורך די שטעגן זיך צעשאָטן אין נאָענטע פערמעס און דערפער.

און איך צווישן זיי בין געגאַנגען אַ מידער, אַ הונגעריקער, פאַר אַ ווײַלע אַ באַפרייטער צו מיין ליבער אָרעמער היים...

מיר זענען אַנטלאָפֿן

אַ באַרוויסער מיט אַ קליין פּעקעלע, וואו ס׳זיינען געלעגן עט־לעכע פֿאַרריכטע העמדער, האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דאָרף. לעבן דער פּוסטער קוזניע האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיין חבר מוישקע. ס׳איז געווען פֿאַרנאַכט. די זון איז געשטאַנען גרויס און רויט, האָט זיך ביסלעכווייז געלאָזן פֿאַרשלינגען פֿון אַ שוואַרצן וואָלקן. די ערד האָט געשמעקט מיט אָפּגעקילטקייט און מיט דינער נאַסקייט פֿון טוי.

מיר זיינען געגאַנגען ווי צוגעוואַקסענע איינער צום אַנדערן. מיר האָבן געהאַט מורא זיך אַרומצוקוקן. מיר זיינען געגאַנגען פּי־בערדיק־גיך, טרעטנדיק איבער אונזערע צווייִ לאַנגע שאָטנס, וועלכע האָבן געפֿויזעט פֿלאַך צו דער ערד.

מיר זיינען געגאַנגען ווי שטומע, די זומערדיקע נאַכט האָט זיך פֿאַרשפּרייט. די נאַכט איז אַראָפּגעפֿאַלן מיט פֿיל שטילקייט. די שטערן האָבן זיך צעשפּריצט אין הימל. יעדער שטערן האָט שטיל געפֿיבערט, ווי איך מיט מיין חבר.

— מוישקע! מוישקע! וואָס וועט זיין, ווען מ׳כאַפּט אונז איצט דאָ?

מיין חבר האָט ניט געענטפֿערט, נאָר זיין גאַנג האָט זיך פֿאַר־שנעלערט.

דער וועג האָט גענומען אַריינפֿאַלן צווישן ביימער. די ביימער זיינען געווען אָפּגעטראָטן איינע פֿון די אַנדערע, ס׳האָט זיך געזען פֿעלד, בערגלעך, פֿייערן פֿון אַ ישוב. נאָר ביסלעכווייז זיינען מיר אַריינגעפֿאַלן אין אַ געדיכטן וואַלד. שווער און אימהדיק איז דער וואַלד געשטאַנען. צוויי פֿינצטערע ווייטע, ווייטע ווענט האָבן זיך געצויגן. דער זאַמדיקער וועג, וואָס האָט זיך געקלאָרט דורך דעם טויבן וואַלד, איז געווען די איינציקע האָפֿענונג אונז צו ברענגען אַהיים. מיר זיינען אַריין טיפֿער אין וואַלד איז דער וועג געוואָרן

שוואַרץ, ליפּקע און גליטשיק. מיין חבר האָט זיך פּלוצים אַ ווענד געטאָן צו מיר:

— וואָס האָסטו מורא אַז מען וועט דיך כאַפּן? ערגער ווי צוואַנג־אַרבעט קען שוין, דוכט זיך, ניט זיין. ביסלעכווייז וועלן אַלע צעלויפן פון די פאַרפלוכטע דייטשן. און אויב זיי וועלן ניט צעלויפן, וועלן זיי אויסשטאַרבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

די ביימער האָבן שטיל און פּחדיק געראַשט. גלי־ווערים האָבן געפינקלט טיף אין די גראָזן. די הויט האָט אויף מיר געסמאַליעט פאַר שרעק. — מוישקע, איך האָב מורא, אַז מיר גייען ניט אויפן ריכטיקן וועג. מיין חבר האָט מיר ניט געענטפערט, נאָר איך האָב געהערט, אַז ער איז נאָך גיכער אַוועק זיין גאַנג. ער איז אַוועק אַזוי גיך, אַז איך האָב אים ניט געזען. איך האָב בלויז געהערט, ווי אַ שטיק לעבעדיקייט גייט פאַראויס. איך קאָן זיין פּנים, איך פיל זיין פריינטשאַפט, נאָר איך זע אים ניט. איך האָב אָנגעהויבן לויפן נאָך אים. און איך האָב ניט געוואוסט, צי איך האָב געהערט, ווי איך לויף אַזוי; צי אפשר האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיין חבר איז דאָס אַזוי אַנטלאָפן אין נאַכטיקן וואַלד אַריין. איך געדענק בלויז, אַז איך האָב מיט אַלע כוחות אַ געשריי געטאָן. אויפן געשריי מיינעם האָט דער גאַנצער וואַלד געענטפערט. פון דעם וואַלדיקן געשריי בין איך געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. אַ שווינדלעניש איז מיר באַפאַלן. פון אַלץ האָט זיך מיר געשאָטן פונקען. איך האָב געהערט, ווי עמי־צער האָט געטאָן אַ פאַל פונקט וואו איך בין געשטאַנען...

— וואָס איז געשען מיט דיר? מיר זיינען שוין באַלד פון וואַלד אַרויס, שטעל זיך אויף, נעם זיך אָן מיט מוט. איך האָב געפילט צוויי וואַרעמע הענט האָבן מיך אַרומגענומען חבריש און מיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס. מיין חבר איז געוואָרן באַרעדעוודיק:

— איך וויל נאָך אָנקומען גלייך מיטן טאָג אַהיים. — די יע־גערס זיינען דאָך אויף אַלע וועגן פול. מיר האָבן זיך צוריק געריכט אין וועג אַריין. דער וואַלד האָט שוין געשמעקט מיט פרימאָרגן. העל האָט געלויכטן דער מאָרגנשטערן. די גראָזן ביים וועג האָבן

זיך אָנגעטאָן אין טראָפּנס טוי. פליגן האָבן זיך גענומען איבער־רײדן דורכן װאַלד. אַ פרימאָרגנדיק װינטל האָט צעהוידעט די שפּיצן בײמער. דער װאַלד האָט גענומען שיטערער װערן. ס׳האָט זיך אַנט־פּלעקט פעלד. איך האָב דערקענט דאָס דערפל, װאָס איז נאָענט פון מײן הײם. דאָס דערפל איז געשטאַנען אַרױפגעדראַפּעט אױף אַ באַרג. חלום פון נאַכט האָט נאָך געהױערט פון זײנע פענצטער.

— מיטן טאָג צוגלײך בין איך אָנגעקומען אין מײן הײם. מײן גוטע מאַמע האָט מיר געעפנט די טיר. אין שטוב האָט געשמעקט פרישער ברױט. און אין דער גרױסער הילצערנער בעט איז געלעגן מײן קלײן בלאָנד שװעסטערל אין קינדישן שלאָף.

דורך נעכט

אינעם יונגן שטאַרקן מיטנאַכטיקן שלאָף, האָט ווי אַ געהיימע געשטרעקטע האַנט געטאַרעט דודן... ער האָט זיך געריבן די אויגן, אויפגעזעצט אין בעט. זיין באָבעס קול האָט שטיל און טרויעריק גע־ציטערט: דודל מען זוכט דיך!...

די פינצטערניש איז געווען געדיכט, ניט געזען דער באָבעס געשטאַלט, געהערט ווי זי האָט געעפנט איין פענצטער נאָך דער צווייטער.

מ׳האָט שטאַרק געקלאַפּט אין פיר־הויז. די מאַמע זיינע, מיט אַן אומגעביטענעם קול, געפרעגט — ווער איז דאָרט?... די גראָבע קולות פון די פוילישע זשאַנדאַרן האָבן זי צעטומלט. — וואַרט אַ ווייל׳עטשקע, איך געפין ניט די שוועבעלעך. — מיר וועלן די טיר אויסברעכן. — איך מוז עפּעס אָרויפוואַרפן, בין נאַקאַט.

זיין מאַמע האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן, האָט אים אויפגעלויכטן... אויך די קלוגע באָבע האָט געעפנט אַלע פענ־צטער, זיי זאָלן מיינען, ער איז פאַרשוואונדן... — די פאַררוקערס פון טיר האָבן זיך צענומען. שווערע מאַנסבילישע שטיוול האָבן געטאָפּטשעט. אין שטוב איז ליכטיק געוואָרן. דוד האָט פון זיין באַהעלטעניש דורך שפּעלטלעך פון זיינע אויגן געזען די אָראָפּגע־האַנגענע קאַנטשיקעס, די לאַנגע שיידן פון די שווערדן. איין זשאַנ־דאַר האָט אויפגעדעקט די קאָלדרע, וואו זיין אינגערער ברודער מאָטל איז געשלאָפן. — ער האָט בייז אַ וואָרטשע געטאָן: אַנטלאָפן, דער הונט, האָט ער אָנגעוויזן אויף די אָפענע פענצטער. ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו די זעלנער: — כאַפּט זיך אַרויף אויף די פערד. — דיר, אַלטע מכשפה, דו, יונגע ציג, ניט מקנא צו זיין אייך, ווען מען וועט ברענגען דודן אַ געשמידטן...

הויכע כעסדיקע רייד פון זעלנער האָבן דורכגענומען די נאַכט. באַלד האָט אויפגעציטערט דער דרויסן פון הירזשען, גאַלאָפּירן פון

פערדישע פיס. די באָבע איז געשטאַנען איבערגעבויגןביים אָפענעם פענצטער מיט אויפגעציטערטע אויערן... די מאַמע האָט פאַררוקט די טיר, אַריין אין שטוב אַן אָטעם, קוים אַרויסגעבראַכט — דוד!

אַ הויכער געוויין האָט פון איר האַרץ געשפּאַרט.

— טאַכטער מיינע, האָט די באָבע איר איינגעשטילט — ווי גאָט איז דיר ליב, ווענט האָבן אויערן... אַ גרויסער נס האָט גע־טראָפן. גיי, דודל, אויפן בוידעם, עס וועט טאָגן, וועל איך דיר אַרויפטראָגן עסן. און דו, טאַכטער מיינע, שפּאָר זיך צו אַ ווײַלע. וועסט אויפשטיין געשטאַרקט. אין אַזאַ לאַגע טאָר מען ניט פאַלן אין די האַלאַבליעס. וועסט „מירצעשעם" אַריבערגיין צו רב זאַוולען. ער איז אַ איד אַ בעל־טובה, אַ חכם. הער זיין עצה, געטרוי זיינע רייד...

דוד האָט געוואוסט אַלע ווינקלעך פון בוידעם — ווי אַ קאַץ פון איין שטאַפּל אויפן צווייטען געשטיגן. די קיילעכדיקע שטאַפּ־לען פון לייטער האָבן געקרעכצט, פריילעכער געמאַכט זיין געהיימע טואונג. אויפן בוידעם־שטוב האָט אַ פלאַטער געטאָן אַ גרויסער פליגל. דודס אָנגעשראָקענע האַרץ איז שיר צעשפּרונגען. ער האָט זיך פּאַמעלעך אײַנגעשטילט, זיך דערמאָנט, אויפן בוידעם נעכטיקט אַ מאָל אַ הון...

ער האָט זיך צוגעשאַרט צום קוימען, וואָס האָט דורכגעשפּאַלטן די סטעליע און דעם דאַך. אַ געפיל, דער קוימען האַלט אים פאַר־בונדן מיט זיינע ליבע אין שטוב. — און הויך צום הימל וואו גאָט וואוינט. טיף אין זיין האַרצן שטייגט אַ תפילה. די ווייסקייט פון זיין אונטערוועש האָט אים געמאַכט צו זען אַרום זיך. די נאַכט איז געווען זומערדיק און ס'האָט געדריקט ווי פאַר אַ רעגן. עס זעט זיך גאָרניט פון די פענצטערלעך, דורך די שפּאַרונעס. דער בוידעם איז אָנגעטרונקען אין שוואַרצע טינט. ער ווייס אויף די שטריק, וואו די מאַמע זיינע הענגט די געוואַשענע וועש, לופטערט זיך אַן אַלטע צעריסענע קאָלדרע...

ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער איבער העלצער, דרעג־גער. ווי אַן אויסגעלאָשן שיפל איבער פינצטערע כוואַליעס. אָנגע־

טאַפּט די קאָלדרע, האָט אים פריידבאַוועלטיקט. די קאָלדרע פאַר־מעלעך אַראָפּגענומען פון די שטריק, אויפגעלייגט, אַרויפגעטאָן אויפן אַקסל — איז ער געגאַנגען, קוים געשטעלט די פיס מיט די הענט אויסגעשטרעקט. אָנגעטאַפּט דעם קוימען, די קאָלדרע אויס־געשפּרייט, אויף דעם זיך אויסגעלייגט. אַ ווײַלע האָט אים די שטיל־קייט אי געשראָקן, אי געדרויקט. ער איז געקומען צו קלאָרע גע־דאַנקען: וואָס איז זיין זינד — געהאַלטן דעם גלעקל, ווען דער רוי־טער קאָמיסאַר האָט גערעדט אויף דער פאַרזאַמלונג פון פויערים און אַרבעטער. אָן אומגליק איז געשען — מיט אַמאָל האָבן זיי ניט געסטייעט די רויטע. די אָפּגעלייידיקטע געגנטן האָבן פאַרפלייצט פּוילישע זעלנער לעגיאָנען, אויפגעכאַפּטע פון די אָסטראָגן. ווער האָט אים געקענט מסרן?

— דער יונגער שלאָף, וואָס די בייזע זשעדנע זאַשנדאַרן האָבן צעריסן, איז איצט צוריקגעקומען, גענידערט אויף אים מיט היילונג און טרייסט. ער האָט נאָך געהערט אַ ווייטן קייקלענדיקן דונער. אויך אַ בליץ, האָט ווי אָנגעצונדן דעם בוידעם. אָבער שלאָף האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזן. — דאָס פּנים פאַרנורעט, די אויגן, זיין האַרץ באַרואיקט...

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, מיט שלאָפע הענט געזוכט דעם ברודער... עמיצער האָט צוגעכאַפּט דאָס קישן, די בעט. און די שטילקייט דאָ ווי אונטערן וואַסער. וואו איז די באָבע? די מאַמע? ווער האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויפן בוידעם? זיינע אויגן האָבן שוין אין דער בוידעמדיקער טונקעלער ליכטיקייט אַלץ געזען די פאַרצויגענע שטריק, דעם נאַקעטן קוימען. אָבער קלאָר צו זיינע געדאַנקען זיך ניט געקענט דערשלאָגן. די גלידער זיינען נאָך אָנ־געטרונקען מיט שלאָף. ווען מען לייגט זיך שלאָפן, ווערן שוואַך די הענט, די פיס, די אויגן קלעפּן. דער קאָפּ איז דער לעצטער שומר איבער דעם מענטשן. ביז דער לעצטער און ווייטסטער סעקונדע העפטן זיך נאָך געדאַנקען. ביים אויפכאַפּן זיך איז דער קאָפּ דער לעצטער צו זיין דער אויפגעוואַכטער. דער גאַנצער קערפּער אויס־געטובלט, געדרויקט, געשטאַרקט פון שלאָף. נאָר דער קאָפּ איז צע־

מישט. עס אַרבעט זיך זייער אימפּעטיק אין מוח פאַר דער ריינער פאַרשטענדעניש... ער האָט פאַרמאַכט די אויגן: אָנהאַלטן אַ ווײַלע דעם שלאָף. און אַ נס איז געשען — אים איז אַלץ קלאָר געוואָרן. דורך די פאַרמאַכטע אויגן דערזען די זעלנערישע שטיוול. אַלץ זיך דערמאָנט אויפסניי: — דער באַבעס פאַרטאיעטן געבראָכענעם קול. דער מאַמעס רייד צו די זעלנער. ער האָט זיך אויפגעזעצט און מיט ברייט אָפענע אויגן געקוקט אַרום זיך, דערזען אַ טאַבורעטקע, פאַר־שפּרייט מיט אַ געלאַטעטע טישטעך. אויף אַ טעלער אָנגעשניטענע פענעצן ברויט, אַ לאַדעשקע זויערמילך, זאַלץ אויף אַ טעצעלע, אַ קענדל וואַסער. אויך אַן אָנגעשריבן צעטעלע מיט דער מאַמעס גע־פלאָנטערטער אידישער שריפט. אויפגעשטעלט, זיך געצויגן, אַרויס־געטריבן דאָס לעצטע ביסל שלאָף. געוואַשן דאָס פּנים, געווישט מיט אַ ברעג פון טישטעך. געלייענט דאָס צעטעלע: ליבער זון מיינער, שפּאַר אונטער דאָס האַרץ, בלייב אויפן בוידעם ביז נאַכט. מיט גאָטס הילף וועסט ניצול ווערן פון די גזלאָנישע הענט. אויפגעלייגט דאָס צעטעלע, די הענט האָבן געציטערט. — דער ערשטער ביסן ברויט האָט זיך אים געשטעלט אין האַרצן. אַ ווײַלע אַרום האָבן די ביסנס ברויט זיך געמאָלן אויף זיינע באַקציינער. די שטיקער קאַל־טע זויער־מילך האָבן געקילט זיין גומען, געקוויקט זיין האַרץ.

זיין יונג־בחורישער קערפּער האָט געוואָלט אויפטאַנצן, דורכ־לויפן איבערן בוידעם. די שרעק האָט זיך איבערגעקערט אין פריידן און האָפענונג. די שטילקייט אויפן בוידעם איז געווען ווי אַ קאַלט־געטראַנק אין אַ הייסן טאָג. ער איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגע־גאַנגען צום שטשיט, דורך די שפּאַרונעס אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די זון איז שוין מער געווען גענייגט צו נאַכט. שטיל אויף די קרומע גאַסן. קליינע קינדער שפּילן זיך אין באַהעלטעניש. קוראַזש, אימ־פּעטקייט און קלוגקייט איז זייער שפּילן. ער קוקט אַריבער די שטילע הייזער. ער זוכט די שטוב וואו טייבל וואוינט. איידער ער פאַרלאָזט זיין היים, וויל ער זי זען. שוין ניט קיין קינדער... זיי וועלן זיך געבן די הענט און שליסן אַ בונד. ער האָט איצט געזען איר פאַרבענקטן פּנים, די פייכטע שמייכלענדיקע אויגן. — ווער

ווייס, צי ער וועט האָבן דעם מוט זאָגן די ווערטער — זיי מיינע!...
ביז איצט איז זייער ליבע געווען אַ גרויסער שיינער חלום. שוין איבער דריי יאָר צייט ניט פאַרמיטן זען זי בייטאָג און אין אָוונט. ביידע אויסגעוואַקסן אין זעלבן שטעטל. דער ווען זי זען אַלע טאָג... אויך זיך געפּוצט, די היטל אויסגעקנייטשט, אַנגעטאָן אויף אַ זייט. די פרענדזן אויף זיין בליוזקע אויסגעשלייפט. און טייבל האָט געטראָגן לייכטע קליידלעך. אַ מינדסטער ווינטל האָט גערירט די איידעלע שטאָפן. איר קאָפּ אויסגעצוואָגן, פאַרקאַמט. דופטן ווי פון בלומען האָט איר קאָפּ געשפּרייט. איר פרייִדיקייט און איר שטים, ווען זי האָט אים באַגעגנט... די פאַרבענקטע פייכקייט אין אירע אויגן. אינגאַנצן אַן אויפגעזונגענע, אַ לופטיקע פלעגט זי ווערן. אויך אַ ברוגז פלעגט אַראָפּנידערן אַ מאָל אויף אים, אויף איר. דעמאָלט איז ער געווען אומגליקלעך פאַרלאָזן, פאַרלאָרן. און זי אַ פאַרצערטע, אַ שטומע, אַ פאַרביסן פאַרשעמטע. איבערגעבעטן זיך גיך. דאָס גליק האָט דעמאָלט אַראָפּגעשוועבט אויף גאָלדערנע פליגל. זייערע הענט געשלאָסענע, געגריפענע, געצערטלטע. אירע באַקן, געגלעטע, געקושטע, געפורפלטע פון פאַרב און עקסטאַז. זי אַ גע־טוליעטע צו אים. איר פּנים האַלב וואַך, האַלב אין סוד, אין טרוים, אין איבערגיסנדיקן גליק...

איינמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען וואו טייבל האָט געוואוינט און האָט געטראָפן יוסף דעם רויטן. פרעך פאַרשמייכלט, די הענט אין די הויזן־קעשענעס. און זי פאַררויטיקט האָט געלאַכט אויפן קול. זיך אָוועקגעכאַפּט, ניט געוואָלט טייבל זאָל אים זען. ס'האָט אים געקאַכט אויפן רויטן ממזר. נייך, ס'איז איר שולד! זי האָט אים צור־געלאַשטשעט. ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט דעם ביטערן טראָפּן פון ליבע. ער איז פאַרליבט אין איר. איר שאָטן גייט אים נאָך. וואו איר היים געפינט זיך, איז די לופט שטאַרקער, שאַרפער. עס פעלט אים אויס אָטעם, ווען ער איז אין נאָענטן קרייז פון איר היים...

דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז ער צו איר געקומען. זי האָט אים אויפגענומען מיט טיפער אַנטציקונג אין קול. די אויגן פאַר־

וואונדערטע, מיט נייע איבערראַשונגען. אַן אָנגעשפּאַנטע ווי אַ בויגן, האָט זי אַ שפּיל געטאָן מיט די הענט אויף זיין פּנים. און ער האָט זי אַ טוליע געטאָן. דער כעס האָט זיך איבערגעלייטערט אין פרייד, אין גליק, אין ליבע. — נאָך דער קליינער געשעעניש איז זייער ליבע געוואָרן אָנגעשאַרפטער, אָנגעשפּירטער. זיינע רייד געצונדענע און זי אַדורכגענומען אין גענזאַנג...

אַ לייכטער סקריפּ פון שטוב־טיר האָט פאַרכמאַרעט זיין ליכ־טיקן טראַכטן — געוואָרן אָנגעשפּיצט, שרעק און קאַמף האָט דורכ־געפּיבערט זיין בלוט. און מיט לייכטע שפּרייזן איז ער שוין געווען לעבן קוימען. געאָטעמט, ווי ער וואָלט אָפּגעלאָפן אַ לאַנגן וועג. איז באַלד שטילער געוואָרן. די טריט אויפן לייטער זיינען דער מאַמעס. זי האָט אים געלאָזן וויסן דורך אַ הוסטל... — לאַנג לעבן זאָלסטו, מאַמעניו, האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען. זיך געפרייט מיט זיין באַהערשונג. זיין אייגן קול וואָלט אים איצט דערשראָקן. באַהעל־טעניש, שטילקייט, סוד איז זיין אויסלייזער... וואָס גיכער אַנט־לויפן פון זיין היים. אין דער פרעמד, אין דער וויט. — זון מיינער, וואו ביסטו? איך האָב דיר געבראַכט דיינע זאַכן... ער האָט אויס־געשטרעקט אַ האַנט, אָנגעכאַפּט די הויזן, אַרויפגעטאָן, פאַרשפּילעט די קנעפּלעך.

איצט, מיין זון, וועסטו מיר מוזן אויספאָלגן, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען. איך וועל דיר העלפן אָנטאָן די ווייבערישע קליידער, אַ פאַרוק און אַ טיכל אויפן קאָפּ...

דער מאַמען האָבן געציטערט די הענט. אים האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווי ביי אַ געפאַנגענעם פויגל. זיין גאַנצער קערפּער האָט געפּיבערט. די ווייבערישע קליידער האָבן פאַרמינערט זיין בחורישקייט...

די מאַמע האָט צו אים שטיל גערעדט: — ווי עס נעמט טונק־לען, זאָלסטו זיין גרייט. וועסטו דערהערן אַ קלונג אין פאַן — גיי אַראָפּ פון לייטער און גלייך אין דרויסן. גיי מיט שטילע, געלאַסענע טריט צו טייבלען. דאָרטן אין קעלער איז צוגעגרייט אַ טיש, אַ שטול, פאַרטאָג וועט צופאָרן אַ פורל, געטריבן פון אַן אַלטן פויער. זאָלסטו

זיך גלייך אַרויפזעצן אין וואָגן. ער וועט דיר נעמען ביז קלעווין. וועסטו דאָרטן אויפזוכן דעם פעטער. און גאָט וועט דיר מצליח זיין. — ער האָט באַוואונדערט דער מאַמעס קוראַזש און רואיקייט...

אין מאָמענטן פון געפאַר ווערן שוואַכע שטאַרק, אַלטע — יונג... אין געציילטע מינוטן האָט זיין מאַמע באַוויזן אים אויס־קליידן אינעם גאַנצן ווייבערישן טואַלעט... זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרשעמט. צער אין אירע ברענענדיקע אויגן. אויך גליק האָט איר שמייכל אויסגעדריקט. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלז. אירע טרערן האָבן געבריט זיין פנים. — איך ווייס ניט, מיין זון, ווען מיר וועלן זיך זען?! אַ הפקר־צייט, אַ מענטש איז ווי אַ שפענדל. זיי ערלעך, בלייב אַ איד!... זי האָט זיך אַ קער געטאָן פון אים און אַראָפּ מיטן לייטער...

ער איז געבליבן שטיין מבולבל. ווי קליעפּקעס פון אַ צעטריקנ־טע פּאַס איז ער צעגומען. ניט ער פילט די הענט, ניט די פיס...

די נאַכט שפּרייט זיך שוין. פאַר מענטשן געזיכערטע איז די נאַכט אַ בייזע וואָר־זאָגעריך. פון אירע טונקעלע היילן באַווייזן זיך די ניט־גוטע: גזלנים, גנבים, אונטערצינדער. פלעדערמייז אין דער לופטן, טכוירן אונטער די פאַדרובעס. די קעץ צינדן אָן זייערע שוועבל־אויגן, און די הינט האַלטן געשאַרפט די ציין מיט די עקן פאַרלייגט. מענטשן שלאָפן פאַרריגלט, פאַרקייטלט, מיט פאַרהאַקטע לאָדנס און טירן... — די נאַכט איז איצט זיין אויסלייזערין. ער וועט זיך גנבענען ווי די חיה. ערגעץ איז די וועלט געליכטיקט, נייער — זיין לעבן איינשפּאַנען מיט די מענטשן וואָס קעמפן פאַר באַפרייאונג...

מיט אַמאָל אַ קלאַפּ. פון קלאַפּ האָט זיך דערטראָגן אַ געדיכ־טער גראָבער קלונג. דער קלונג האָט זיך אויסגעצויגן, דין געוואָרן און געברומט...

דוד האָט זיך אַ ריס געטאָן; אויפגענומען דאָס לאַנגע ווייבע־רישע קלייד אין איין האַנט, איז ער שוין געווען אויפן לייטער. אין פיר־הויז האָבן אים אַרומגערינגלט די באָבע, די מאַמע, זיין אינ־

גערער ברודער. אָן רייד זיינען זיי געשטאַנען אויפגענומענע מיט ציטערדיקע הענט...

די באָבע האָט געעפנט די טיר, מיט אַ געבראָכענעם קול געזאָגט: — אייניקל מיינער, גאָט זאָל זיין אין דיינע טריט...

ער איז אַרויס. אַ פולן זופּ געטאָן די זומערדיקע לופט. אַ קוק געטאָן אויפן נאַכטיקן הימל, וואָס איז געווען טונקל־בלוי און געשטערנט. באַלד איז זיין גאַנג געוואָרן שטיל און געלאַסן. ער איז געגאַנגען ביי די זייטן הייזער. אַ קאַץ אַ ווייסע איז איבערגעלאָפן. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. אַ מינדסטער ריר דערשרעקט. אָנגעווייטיקט און צעריסן איז זיין געמיט. — ס'איז אַ גוטער סימן אַ ווייסע קאַץ. ער וויל שוין דערלעבן מאָרגן, איבערמאָרגן. זאָלן די נעפּלדיקע טעג שווינדן. די לעצטע פּאַסירונגען האָבן אים געעלטערט און געהאַרטעוועט...

די פענצטער פון די פאַרהילטע הילצערנע הייזער, פאַרצויגן מיט פאַרהאַנגען, גלימערן. יעדע הויז אים באַקאַנט, קען די איינוואוינער. ווען ניט די לאַגע, וואָלט ער אָנגעקלאַפּט אין יעדן טיר. זיך מיט אַלעמען געזעגנט, מיטגענומען זייערע וואונטשן און ברכות...

שוין דערקאָנט די שטוב וואו טייבל געפינט זיך... זיינע טריט האָבן זיך פאַרגיכערט. אין דער שטוב ליגט געפאַנגען זיין גליק... די שטוב מיט שטיל טונקל באַלויכטענע פענצטער, ווי אַ פאַראַנקערטע שיף אויפן ים. באַלד בינדן זיך אָפּ די שטריק... און טייבל ווי אַ געפאַנגענע פּרינצעסין ליגט אויפן בעט, קראַנק פון די הויכע כוואַליעס פון ליבע און בענקשאַפט...

ווען ער איז שוין געווען ביי צוואַנציק שפּאַן פון טייבלס שטוב, איז, ווי פון אונטער דער ערד, אַרויסגעקייקלט אַ קליין הינטל מיט אַ בילעריי... דאָס באַשעפעניש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ ברענענדיקן פּיסק. דאָס קליינע באַשעפעניש האָט דערקאָנט די פרעמדע קליידער אויפן מאַנסביל... דער הינטל האָט דערשפּירט אין זיין חיה־בלוט: דער מענטש גנבעט זיך. דער מענטש שטערט די רו... ער האָט זיך געקייקלט נאָענט לעבן דודס פיס, געוואַלדע־

וועט אויף זיין הינטישע שפּראַך: כאַפּ אים! ברענגט אים אום! — דוד האָט זיך עטלעכע מאָל אַ בייג געטאָן, ס׳עס געוואָלט אָנכאַפּן ביים קאָלנער — פאַרשטומען אויף אייביק.

זיך אַריינגעכאַפּט דורך דעם אָפענעם טויערל, פאַרהאַקט דאָס טויערל, איז ער גלייך אַראָפּ אין קעלער. געבליבן שטיין אויף איין פּלאַץ. דאָס האַרץ איינשטילן, די שלייפן האָבן געדונערט. דאָס הינטל האָט שוין געבילט זעלטענער. ס׳איז שוין געווען אַ בילן פון שלעכטע דערמאָנונגען...

די אונטערערדישע געביידע מיט די פייכטע שטיינערנע ווענט, די לאָמטערן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט דעם גרויסן קע־לער־שטוב געמאַכט אויסקוקן ווי אַ קאַמער פאַר אַ פאַרמשפּטן, די שטילקייט געפּרעסט. לאַנגע גראָבע שאָטנס האָבן געפּויזעט אויף די ווענט פון קאַרגן ליכט וואָס האָט געשלאָגן פון די פאַררייכערטע שייבלעך פון לאָמטערן. אַראָפּגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע אין שטילעניש ניט גערירט. געקוקט אויף די מאכלים, זיין האַנט ניט געשטרעקט. ער האָט זיך איצט געזען ווי דער געפאַנגענער אין „שילאָן״...

מיטאַמאָל האָט ער אויפגעציטערט פון פרייד... דערשפּירט און דערקאָנט די טריט פון טייבלען — די שאָטנס אין קעלער האָבן ווי פון ווינט זיך צעשאָקלט. די טיפע שטילקייט איז דורכגעריסן געוואָרן.
— טייבל! האָט דוד געוואָלט אויסשרייען, ווי שיין דו ביסט! — ער איז געבליבן שטיל אַנטמוטיקט. אויף איר פּנים אַ שמייכל פון פרעמדקייט, פון שפּאָט. זי האָט מורא צוגיין נאָענט; געשטאַנען דער־שראָקן, פאַרשעמט, ווי דער גרונט וואָלט געזונקען... די ווייבע־רישע קליידער האָבן ניט נאָר דודן פאַרענדערט, נאָר ווי געמאַכט אויסריינען דעם אמתן דודן מיט די ברייטע האַריקע הענט. אַ פאַר־שטעלט פאַרשאָלטן אָפּבילד פון דודן, זי האָט אויפגעציטערט...

דוד איז געזעסן אַ געבראָכענער, אַ פאַראומערטער, איינגע־שנורעוועט אין די ווייבערישע קליידער.

זי האָט אָנגערירט זיין פּנים מיט איין האַנט, דערנאָך מיטביידע. אים אַרומגענומען, צוגעטוליעט — און פון דודן איז ווי

אַראָפּגעפאַלן די ווייבערישע קליידער. ער האָט געקושט אירע אויגן, דעם וואַרעמען האַלדז. אויפגעלייגט אירע הענט, זיי צוגעטראָגן צו זיין מויל. — טייבל! האָט ער געמורמלט... זיין קול איז געווען שיכור פון פרייד. — דו ווערסט זיין מיינע... טייבל האָט געוויינט. יונג־מיידלשע גערירטקייט. טריאומף! ליבע אין העכסטן עקסטאַז האָט אַ שפּיל געטאָן אויף איר פּנים, געשטראַלט פון אירע אויגן...

— איצט, דוד, מיין איינציקער פריינט, מוז איך שוין אַרויפּ־גיין צוריק אין הויז. יוסף דער רויטער איז ביי אונז... ער איז קיינמאָל אַזוי פאַרפּוצט ניט געווען. פּונקט היינט איז ער געקו־מען!... איך האָב מורא פאַר אים... — עס זאָל ניט פאַלן זיין חשד, אַז דו ביסט דאָ... ער איז אַריין מיט אַ זמרל: אַזוי, דוד איז אַנטלאָפן? וואו, אין אַמעריקע? אין רוסלאַנד? צווינגענדיק האָט ער אַריינגעקוקט אין שלאָף־צימער אין זאַל... איך ווייס, דוד, ער איז צו מיר ניט גלייכגילטיק. און איך האָב אויף אים די מאַכט אַרויסצופירן פון די געדאַנקען וועגן דיר... איך מוז טאַקע שוין אַרויפגיין פאַר דיין און מיין טובה וועגן...

ווען טייבל איז שטיל אויף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון קע־לער, האָט זיך דודן געדוכט די ווענט האָבן זיך אַ דריי געטאָן. פון די ווענט זיינען געוואָרן שפּיגלען. אין יעדן שפּיגל האָט ער געזען פיל־געשטאַלטיק יוסף דעם רויטן... — ער האָט געקוקט אויף אים, ווי אַ זיגער אויף אַ געפאַנגענעם. דער רויטער האָט דאָס אים גע־מסרט. ניין, דאָס רעדט אין אים די אייפערזוכט. — ער האָט ליב טייבלען!...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ גיי געטאָן צום טיר, געקנייפּט די הענט וואָס האָבן אים געשמערצט. — ס׳איז טייבלס שולד! זי שפּילט אַ צווייאיקע שפּיל די גאַנצע צייט. זי טראָגט דעם פייערדיקן סוד טיף אין איר האַרץ. ער אַנטלויפט און זיי וועלן בלייבן אין דער היים. — ניין, ער איז אומגערעכט! די ניט לאַנג פאַרגאַנגענע מי־נוטן, האָט ער געלייענט אויף טייבלס פּנים איר בענקשאַפט און ליבע צו אים. טרערן האָבן געשפּאַרט פון אירע אויגן. צערודערט

איז זי גיווען פון פריידיקן געוויין. — איך וועל אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט, וועלן די רעיונות ווי רויך פאַרשווינדן...

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע מיט ביידע הענט געשטייפּט די שלייפן. — אַ זומערדיקע נאַכט, וואָס דויערט עטלעכע שעה, ציט זיך היינט ווי אַן אייביקייט. ער וויל שוין זיצן אויפן פור. זיין נעסט איז צעשטערט. די היים פאַרשאָלטן. ער האָט אויסגעפּרואווט זיין אייגן קול: „יהוה אלהי בך חסיתי, הושיעני מכל רודפי והצילני..." ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ליכט, אין לאָמטערן אַ היפּש שטיק אָפּגעברענט. — דער נייער טאָג איז ביי די ברעגן... ער האָט געהערט דעם רויטנס יוסף דעם רויטנס קול, זיין געלעכטער. אויך טייבלס אויפלאַכן. ס'האָט אים אַ הייב געטאָן פון בענקל פון וואַנען זייערע געלעכטערס האָבן געבויערט. ער איז געשטאַנען אויף די שפּיץ־פינגער אָנגעצילט... יאָ, ער האָט געהערט רייד, קוים, קוים באַנומען קלאַנגען... ווען ס'איז געוואָרן אַ ווילע שטיל, זיינען אָנגעלאָפן אויף אים מאָדנע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן שיר גערירט זיין זינען... און ווען ער האָט דערהערט טייבלס שטים אַ לויטערע, האָט ער דערפילט גליק, פרייד... ווען ניט די מורא מען זאָל ניט דערהערן זיינע טריט, — וואָלט ער אַרומגעשפּאַנט אין דער אונטער־ערדישער שטיינערנער געביידע. ער וויל פאַרטומלען די שרעקעדיקע שטילקייט. יעדער שאָרך אין דער הויך פאַלט ווי אַ שטיין אויף אים. — וואָס זיצט ער דאָרטן אַזוי שפּעט? אַ ליאַדע מינוט וועט דאָס פורל אָנקומען — איז זיין לעבן ניט ווערט אַ פרוטה. ער פילט איצט אַ ווילדן כוח: — אַרויפגיין, אַ נעם טאָן יוספן אין די אָרעמס און אים אַראָפּשלעפּן דאָ אין קעלער. ער וועט אַלץ פאַרשפּילן — די היים, די חברים, טייבלען... — גאָט! זאָל שוין קומען די מינוט פון אַנטלויפן. זיינע געדאַנקען האָבן גערודערט אין זיין צעהיצטן קאָפּ. ער האָט געזוכט אַ מיטל זיך צו באַרואיקן. ער האָט זיך איינגענומען אויף דער טאַבורעטקע, פאַרמאַכט די אויגן: געהערט זשאַבעס האָבן פון זומפּן געזונגען. גרילן אין די גראָזן האָבן געזונגען. אַ מויז האָט געגריזשעט אין איר נאָרע. אויך אַ שפּין איז געאָלפּן, אויסגעפּרואווט די נעץ... ער האָט דערפילט,

ער איז איינער פון דער נאַכט־חברה... מען טשאַטעוועט אויף אים פון אַלע זייטן. זיין קאַרט ליגט איצט אין טייבלס הענט...

פלוצים האָט ער אויפגעציטערט, — דערהערט אַ סקריפּ פון דער שטוב־טיר. געהערט קלאָר יוספס באַסאָווע שטים: אַ גוטע נאַכט, טייבל! — ס'איז דאָך שוין טאָג, האָט זי געלאַכט און פאַר־קלאַפּט די טיר.

אַ גוטע גרויסע מינוט איז אַנגעקומען אויף דודן... — ער איז אַוועק, דער רויטער טייוול! — טייבל קוקט אַוודאי דורך אַ זייַ־טיקן פענצטער... זי וועט זיך באַלד באַווייזן איידער דאָס פורל קומט אָן...

אָבער אים דוכט זיך, ער הערט אַ ווייטן אָפּהילך פון רעדער. יאָ, עס קייקלען זיך רעדער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום קעלער־טיר. יאָ, די פור איז פאַרפאָרן. און זי, טייבל, לויפט צו אים...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען, מויל צו מויל, האַרץ צו האַרץ...

דוד האָט זיך אַריינגעזעצט אין טיפן וועגל, דער פויער האָט אַ צי געטאָן די לייצן, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל. —

און טייבל אין פרימאָרגן אָפּגלאַנץ האָט געקוקט אויף דודן, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דעם וועג און דער צוקונפט...

דריי דורות

וויכנע איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, געהאַלטן אָנגעשפּיצט די אויערן:

— זי שלאָפט, מיין טאָכטער... גאָט צו דאַנקען איבערגעקו־מען דאָס פּעקל... דאָס פּיצעלע ערשט צוויי טעג אַלט, און עס קוקט שוין מיט ליכטיקע אויגעלעך.

זי האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורך דעם פענצטער. ס'איז נאָך שטאַרק נאַכט. עס בילט ניט קיין הונט. עס קרעיט ניט קיין האָן. — וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן דאָ אין די פּאָר וואָכן. ווי היי־שעריקן זיינען אַראָפּגענידערט די דייטשן...

זי איז אַרויס פון טיר, געשטאַנען אַיינגענורעט, ציטערנדיק. זי האָט ניט געזשאַלעוועט שטעלן איר לעבן אין קאָן... זי איז אַלט, קראַנק, אָנגעזעטיקט מיט צרות... אָבער איר איינציקע טאָכ־טער איז יונג און שיין. זי ליגט אַ צוגעשמידטע צום בעט און ביים זייט דאָס קליין נפשל וואָס וויסט נעבעך גאָרניט... — וואו קערט מען זיך? וואו ווענדט מען זיך?... — זי וויל זיך דערקלייבן צום ברייטן וועג, אפשר וועט עמיצער אָנפאָרן, אָנגיין...

זי איז געגאַנגען דורך די פּוסטע צעטראָטענע גערטנער, גע־טאַפּט, אפשר אַ מערעלע, אַ בולבע... — בלעכענע פּושקעס האָבן זיך געוואַלגערט. וויכנע האָט מיט די פיס זיי געקייקלט. זייער ליי־דיקייט האָט שטיל געשריען... די ליידיקע בלעכענע פּושקעס ציי־כענען, אַז דאָ האָבן סאָלדאַטן געלאַגערט...

מיט שטילן פּחד האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אין דעם לאַנגן גע־קרימטן טראַנשיי און ווי אַ חיה געבישטערט, געטאַפּט מיט די שפּיצן פינגער; אויך מיט די פיס געקלאַפּט אין די נאַרעס, אין די ווינקלען, אַ היטל, אַ זעלנערישע, האָט זי אויפגעהויבן.

— וואָס זוכט זי דאָ? ניט אַנדערש די געדאַנקען זיינען טונקל... — ניין, זי קען ניט קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט. דער

בלאָסער פּנים פון איר טאָכטער און דאָס קליין נפשל וואָס ליגט אין קישעלע פאַרפאָלגט איר. זי וועט זיך צוזעצן אַ ווײַלע אָנקלייבן אַ ביסל כוח.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווײַלע און זיך איבערגע־שראָקן פאַר דער שטילקייט...וואָכן־לאַנג האָט דאָ געקערט הימל און ערד און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן. אַ בית־עולם שטילקייט וואָס בויערט דאָס האַרץ. זי וואָלט אויף בעלנות געוואָלט וויסן ווער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט? פיל שטיבער שטייען מיט אַרויסגע־זעצטע שויבן, מיט קאַלטע קוימענס. ערגער ווי אין פעלד צו וואוי־נען דאָ. וואו זיינען זיי אַנטלאָפן? מען האָט זיי צעכאַפּט ווי די בלוד־נע פיש?... און דער אייזעם? ווער ווייסט צי ער איז צווישן די לעבעדיקע?... אָבער דאָס קדישל איז ווי אַן אָנזאָג אויף גוטע צייטן... אַזאַ ליכטיק פּנים פון אַ פּיצל, האָט זי שוין לאַנג ניט געזען. דאָס ווייַנט ניט. גאָטס השגחה איז גרויס... אויך דער קימ־פּעט איז אַריבער גרינג.

אַ ציטער איז איר אַדורך: אַ קוויטשערײַ פון מייז האָט זיך געטראָגן. זי האָט אויפגעצאַפּלט. אָבער די בייזע גיריקע חיה׳לעך האָבן איר אויך פריילעכער געמאַכט: אויב עס לעבן די קליינע ברואים? וועט דאָך אַוודאי גאָט ניט אָפּטאָן די השגחה פון זיינע מענטשן־קינדער? ניט אומזיסט קוויטשען זיי...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און דערפילט גבורה און מוט. און ווען זי האָט געמאַכט אַ פּאָר צענדליק טריט, האָבן גאַנצע מחנות מייז זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. אויך איבער אירע באָרוועסע פיס האָט זי געפילט דראַפּנדיקע פיסלעך. זי האָט ניט געמאַכט קיין טעות: זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ גאַנצן סקלאַד... די זעלנער האָבן אַלץ צערויבט. אָבער אין דער בהלה האָבן זיי אויך פאַרגעסן און איבער־געלאָזן...

עס האָט אָנגעפאַנגען ליכטיקן. אין דער טונקעלער ליכטיקייט האָט זי דערזען דאָס פעלד: צעגראָבן אין גריבער, אין בערגלעך. ביקסן האָבן זיך געוואַלגערט, רימענע טאַשן, באַנדאַזשן. זי האָט אָפּגעווענדט די אויגן און זיך געשטרעקט אַהיים. זי וויל נאָר שטעלן

די טאָכטער אויף די פיס, אַרט איר ניט וואָס עס זאָל מיט איר טרעפן...

געעפנט די טיר פון שטוב האָט זי אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם שטיל! גוט, זאָלן זיי שלאָפן. דער שלאָף שטאַרקט און היילט. און אין שטוב זײַנען איצט ניטאָ קיין שוועבעלעך... אָן פײַער איז כמעט אַזוי שלעכט ווי אָן וואַסער. זיי האָבן אַלץ אויסגעראַמט, די דייטשן, אַפילו די קופּערנע פענדלעך. אַבי זי האָט שפּײַז וועט אין אַ ליימענעם טעפּל אויך זײַן גוט. און דאָס ביסל שמאַלץ וואָס זי האָט פאַרשטעקט אונטער דעם גרויסן שטיין אין פונדאַמענט, זי וועט האָבן מיט וואָס צו פעט מאַכן דעם טעפּל. איר טאָכטער וועט זיך אָפּכאַפּן, ווערן געשטאַרקט. די טעג גייען, אפשר וועט געלינדערט ווערן אויף דער וועלט.

אונטערן דרייפוס האָבן די ליכטיקע העלצלעך אַרומגעכאַפּט מיט זייערע דינע העלישע פלעמלעך דאָס שוואַרצע ערדענע טעפּל; זיי האָבן זיך געריסן אַרײַנצוקוקן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. אַ פריילעכן קנאַקן האָבן די ברענענדיקע העלצלעך אַרויסגעגעבן און אַנטקעגן האָט אָפּגעשײַנט דאָס פענצטער...

דאָס קליינע נפשל האָט אין קאַמער אַ פּישצע געטאָן ווי אַ פייגעלע. און ווי פון אַ כישוף האָט די יונגע מוטער פון שלאָף און חלום אַרויסגעשטרעקט אירע בלייכע הענט, אַ נעם געטאָן דאָס קינד, גרינג צוגעטוליעט עס צום בוזעם, ברייט געעפנט די אויגן און געקוקט דערשראָקן צי מען וויל עס ניט צונעמען ביי איר... אָבער פאַרנעמענדיק די שטילקייט האָט די פרייד באַשײַנט איר פּנים. איר געהער וואָס איז געווען לעצטנס אָנגעשפּיצט און דין, האָט פאַרנומען איצט די שטילע טריט פון איר מאַמען. אויך האָט איר געשלאָגן אַ געשמאַקער ריח פון אַ מאכל...

— מאַמע!? — האָט זי מיט אַ שוואַכן קול אַ פרעג געטאָן.

יאָ, טאָכטער מײַנע — באַלד גיי איך אַרײַן צו דיר.

דאָס טעפּל אויפן דרייפוס האָט געקאָכט, גערעדט מיט זעט... וויכנע האָט דאָס פײַער אונטערן דרייפוס געשטילט. און מיט אַ לעפל געמישט אין טעפּל, עס זאָל זיך ניט צוברענען. אויך פאַרזוכט אויפן

שפּיץ צונג: אַלע טעמים... צוגעדעקט דאָס טעפּל מיט אַ דעקל און אַריין אין קאַמער צו איר טאָכטער.

— איך האָב דיר גוטס אָנצוזאָגן, טאָכטער מיינע — איך קאָך אַ מאָלצייט פאַר דיר, וועסטו געזונט ווערן. אויך דאָס פּיצעלע וועט האָבן וואָס צו זייגן. ער שמאָצקעט דאָך אויס דאָס חיות פון דיר...

זי איז צוגעגאַנגען צום בעט, אונטערגעשפּאַרט די קישן, געהאָלפן איר טאָכטער זיך אויפזעצן, אויך דעם קינד איבערגעביטן די ווינדעלעך. די טאָכטער האָט איר נאָכגעקוקט מיט גליק און בענטשונג. אויך וויכנעס קליין פּנים מיט די טיפע קאַרבן איז געווען אויפגעלויכטן...

אין דעם קליינעם,טונקעלן, אָרעמען קאַמערל האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינס אָן אַנדערן דריי לעבנס...

IV

איבערן ים

איך שטיי אויפן דעק פון דער שיף און קוק אויפן ים. אַ וועלט פון וואַסער, אַ געריים פון כוואַליעס. עס בלאָזט אַ קילער ים־ווינט. און שיינדל, מיין שיף־שוועסטער, אַנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד, שטייט לעבן מיר...

פאַרנאַכט. דעם ים האָט זיך פאַרוויקלט אין לייכטן נעפּל. די פּאַסאַזשירן, איינגעהילטע אין מאַנטלען, האָבן טריב געקוקט אין דער וויט. בענקשאַפט צו זייערע היימען האָט געגליט אין זייערע אויגן. ווען ניט ווען האָט דורכגעבליצט אַ פייערל פון אַ שיף און פאַרפאַלן געוואָרן אין טאָפּלטן ים, צווישן הימל און וואַסער. ס'איז אויסגעקומען, אַז יענע שיף בלאָנדזשעט.

פיל פון די פּאַסאַזשירן האָבן געזונגען בענקשאַפט־לידער נאָך זייערע היימען. באַלד האָבן גענומען מיטהעלפן די מאַטראָזן. זיי האָבן געזונגען לוסטיקער, צימבלדיק, סווישטענדיק און אויסקלאַפּנ־דיק מיט די הענט. אין זייער מעלאָדיע האָט מען געפילט די פריי־קייט פון ים.

ווען איך בין אַריין אין מיין צימערל, זיינען שוין צוויי פּאַסאַ־זשירן געלעגן אין די בעטלעך. צוויי אַלטינקע האָבן געשעפּטשעט ווי קינדער.

כ'האָב לאַנג זיך געדרייט אויף מיין געלעגער. שרעקעדיקע פאַרגעפילן האָבן מיך געפּייניקט. איך האָב געקוקט דורך דעם קליי־נעם גראָבן קיילעכדיקן פענצטערל: — ווען מיט וועלן האָבן זיך געשלאָסן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און געזען שיינדלען, מיין שיף־שוועסטער, אין אַ ווייס קלייד.

איך בין אָפּגעשלאָפן ביז זיבן אינדערפרי. און ווי פאַרוואונ־דערט בין איך געוואָרן, ווען כ'האָב דערזען לאַנד. די שיף איז געשטאַנען פאַראַנקערט. די פּאַסאַזשירן האָבן געקוקט אויף די ברעגן פון ענגלאַנד. עס זיינען געשטאַנען פאַראַנקערטע שיפן. עס זיינען

געשוואומען און פאַרשוואומען שיפלעך, לאָזנדיק נאָך זיך שיטערע רויכלעך, דורך וועלכע עס האָט זיך דורכגעבלויט דער הימל.

פלוצים האָט דער עולם אָנגעהויבן לויפן צו איין זייט שיף. אַ שיפל האָט זיך דערנענטערט צו אונז. ווייסע און גרויע פייגל האָבן ווי געטראָגן דאָס שיפל — און פאַרהילכט די לופט מיט ווילדע ים־קולות. דאָס שיפל איז שוין געווען נאָענט צו אונזער שיף. מען האָט פאַרטשעפּעט וואו נאָר אַ האַטשיק, אַ קרוק האָט געשטאַרצט. די האַטשיקעס און קרוקעס זיינען שווערע, מאַסיווע, די שטריק — אומגעלומפּערט גראָבע, אויסגענעצטע פון ים.

ווען דאָס שיפל איז געשטאַנען האַרט לעבן אונזער שיף איז אויסגעקומען ווי אונזער שיף האַלט דאָס שיפל ביי דער האַנט, — ווי אַ שטרענגער פאָטער זיין זון.

— —

אונזער שיף איז שוין אין פולן גאַנג. די כוואַליעס מורמלען בייז, טאַנצן זייער ווילדן טאַנץ. מען איז זיך צעגאַנגען שלאָפן. איינ־ציקע פּאַסאַזשירן זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן די שטאַלענע געפּאַרבטע ווענט. און איך און מיין שיף־שוועסטער שיינדל האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. זי האָט מיר מיט אַ שטילער שטים דערציילט פון איר היים, פון איר עלנטער מאַמע. איך האָב פאַר־האַלטן די אָנגעקוואָלענע טרערן אין מיינע אויגן.

אינדערפרי האָבן זיך ווידער גענומען באַווייזן שיפלעך, און דאָס וואַסער איז געוואָרן אַלץ רואיקער און רואיקער. אונזער שיף האָט זיך קוים באַוועגט. די קינדער האָבן גענומען שפּילן אין פּיל־קעס און לוסטיק אַרומטאַנצן אויפן דעק. די צוויי אַלטיטשקע האָבן פאַרמאַכט די תהילימלעך און האָבן נייגעריק געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט? — „שערבורג!" — האָט מען זיי געענטפערט.

פונדערווייטנס האָבן זיך געזען די מטושטשדיקע ליניעס פון באַגילדטע טורעמס.

צו אונזער שיף האָט זיך דערנענטערט און צוגעוויגט אַ קליין שיפל. די זעלבע צערעמאָניע. מען האָט פאַרוואָרפן שטריק, גע־קניפּט און געבונדן. אויף אונזער שיף איז אַרויסגעשטיגן אַ פרוי

מיט צוויי קינדער, פרישע, מונטערע. נאָך ניט פאַרזוכט די ים־קראַנקהייט. מען האָט זי פאַרוואָרפן מיט פראַגעס. זי איז געשטאַנען צעטומלט. ניט געוואוסט וואָס פריער צו ענטפערן.

די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן גראָבן פענצטערל. די צוויי אַלטינקע האָבן זיך געטרייסלט אין די בעטלעך. איך האָב זיך איינגעוואַשן מיט ים־וואַסער. ס׳האָט מיך געשטשימעט דאָס פּנים. — — — — דער ים איז געווען רואיק. מען האָט זיך געדאַרפט גוט צוקוקן: ווער איז בלויער — דער הימל אָדער דער ים?

ביסלעכווייז זיינען די עמיגראַנטן אַרויפגעקומען אויפן דעק. אין איין ווינקל האָט מען שוין געזונגען אין כאָר, אין צווייטן — געטאַנצט. ס׳האָט געטאַנצט אַ צוועלף־יאָריקע מיידעלע מיט אַ זעקס־יאָריקן אינגעלע. אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל. פאָטער און מוטער האָבן נחתדיק געשמייכלט. די שיף־באַאַמטע האָבן באַוואונדערט זייער גראַציעזן טאַנצן צוזאַמען. דאָס זעקס־יאָריק אינגל האָט אויפגעהויבן זיינע בלויע, שטראַלנדיקע אויגעלעך. נאָכן טאַנץ האָבן זיך צעטראָגן אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען.

מען האָט געקלונגען. ווען איך בין אַראָפּ אין גרויסן צימער זיינען שוין די טישן געווען געדעקט מיט אַלערליי מאכלים. מען האָט זיך איילנדיקע צעזעצט ביי די טישן. מען האָט געגעסן און געציטערט, — מען זאָל דאָס צוריק ניט אָפּגעבן דעם ים,„ צוזאַמען מיט דעם וואָס מען האָט נאָך געזויגן ביי דער מאַמען. די מאַטראָסן האָבן, ווי אויף צו להכעיס, דערלאַנגט פּאַטראַוועס און די אַפּעטיטן זיינען געווען שאַרף.

פלוצים — אויסגעשרייען: פיש! פיש! פיש! צוויי שוואַרצע קעפּ האָבן אויפגעטוקט פון די טאַנצנדיקע מחנות פיש, מיט שאַרפע פלוס־פעדערן אויף זייערע רוקנס. שוואַרצע, שרעקלעך גרויסע און דיקע. ווילד האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אונזער שיף. אונזער שיף האָט געקלעטערט אויף די וועלן — אַרויף און אַראָפּ. אַ פאַס רויך האָט זיך געצויגן ווייט, ווייט. און די וועלן אַרום דער שיף האָבן בייז געליאַרעמט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: — גענוג וואָס מיר טשעפּען

דיך ניט — וואָס רייטסטו איבער אונז? פאַררויכערסט אונזער שפּיגל, שרעקסט אונזערע פיש.

אַ צייט, אַ צייט האָבן די פיש באַגלייט אונזער שיף. די מאַטראָסן האָבן פאַרוואָרפן אַ שטריק מיט אַ שטיק פלייש, און דאָס פלייש איז געווען פאַרנאַרט, פאַרבאָרגן אין אַ האָטשיק. ווי איז שוין געווען צו דעם פיש, וואָס האָט זיך נאָך דעם מענטשנס גאָב געיאָגט...

אונזער שיף האָט סיגנאַליזירט. ביי די פּאַסאַזשירן האָט זיך שרעק באַוויזן אין די אויגן. די מאַטראָסן האָבן אונז באַרואיקט: ס'איז גאָרניט — קליינע פישער־שיפלעך שווימען דאָרט ווייט. און באַלד טאַקע האָבן זיך באַוויזן שיפלעך מיט אויפגעבלאָזענע זעגלען. זיי זיינען געשוואומען צוואָרפן; ס'איז אויסגעקומען ווי די שיפלעך מיט די וועלן האָבן זיך אויפגענומען און געטאַנצט אַ ווילדן ים־טאַנץ.

אונזער שיף איז געגאַנגען איר אָנגעצייכנטן לאַנגן, סומנעם וועג, שטאַרצנדיק אין חלל מיט אירע הויכע מאַסט־ביימער.

ווידער נאַכט. מאַטראָסן אין בלויע העמדלעך, מיט אַריבער־געוואָרפענע קראַגעלעך, מיט גומענע שטיוול איבער די קני, האַלטן שפּריץ־קישקעס אין זייערע הענט. נאָך זיי האָבן מאַטראָסן מיט בערשט געריבן דעם דיל. אויפן דעק עפענען זיך טירלעך, פון וואַנען דאָס שמוציקע וואַסער גיסט זיך צוריק אין ים. אַן עלטסטער איז דורכגעגאַנגען מיט צוויי עלעקטרישע לאָמפּן אין זיינע הענט און באַלויכטן אַלע געהיימע פלעצער, צי עס האָט זיך דאָרטן ניט פאַרקליבן אַ ליבע־פּאָרל...

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן. דער ים האָט געברומט און געליאַרעמט. כ'האָב אויפגעריסן מיינע אויגן, געקוקט: אפשר וועל איך דערזען אַ שטיקל יבשה, אַ בוים, אַ פויגל... כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך מוז אַזוי פאָרן זעקס טעג מיט זעקס נעכט, צווישן הימל און וואַסער! צווישן שטרייטבדיקע כוחות: אַ ים מיט אַ שיף, אַ שיף מיט אַ ים.

צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, אַ פאַרמאַטערטער פון מיינע איינדרוקן, בין איך אַראָפּ אונטן, אין דער קאַיוטע. די שיף האָט געשליידערט. איך האָב זיך געוויגט אויף די פיס. דער קאָפּ האָט

ווי געטאָן. אויפן האַרצן איז געווען נודנע. אויסגעמישט מיט שאַרפע בענקשאַפטן. מיין צימערל איז געווען לעבן די רעדער. ס׳האָט גע־רוישט דער ים, די מאַשינען, דער ווינט און די שלעכטע מחשבות. איך בין אַראָפּ פון בעטל, גענומען אַ זופּ בראָנפן און זיך פאַר־שיכורט.

אַ מאַטראָס האָט אויף מאָרגן מיך קוים דערוועקט, — שטיי־ענדיק ביי מיין בעטל, מיט גוטמוטיקע שמייכלענדיקע אויגן. מיר פלעגן ריידן אויפן וואונק.

דער הימל האָט זיך פאַרכמאַרעט, און דער ים האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין בערג און אין טאָלן. קיין שיף, קיין פויגל. וואַסער און הימל. די פּאַסאַזשירן — גרין, די מאַטראָסן — פאַרשמירטע, די קינדער — געטוליעטע צו די מאַמעס, שרעק און מוטלאָזיקייט אין זייערע אויגן.

ביינאַכט איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק. די שיף האָט זיך געטוקט, געדראַפּעט ווי אויף לייטערס. די מאַסט־ביימער האָבן גע־שטאַרצט אין חלל ווי אויסגעשטרעקטע הענט.

שוין פיר טעג ווי מיר שיפן זיך. אַלע טאָג ווערט אויסגע־האַנגען אַ צעטל: וויפל מייל די שיף איז איינגעשוואומען.

דער ים האָט זיך צעברומט, אויפנעמענדיק זיין כאָר כוואַליעס מיטן דיריגענט — דעם ווינט. און געדוכט האָט זיך: דער ים דאַוונט מיט ווייסע שוימיקע, פלאַטערנדיקע טליתים. דער ים האָט זיך אויפ־געגאָסן אין איין מעכטיקער תפילה. פיש האָבן אויפגעשפּרונגען פון די קאָכיקע כוואַליעס. די שיף האָט זיך גענויגט, קלאַפּנדיק מיט די מאַטאָרן: חטאתי, חטאתי... די פּאַסאַזשירן האָבן געבראָכן. זיי זיי־נען געלעגן ווי געבונדענע שעפּסן. אונזערע עסנס האָט מען אין ים געוואָרפן. אַרום שיינדלען, מיין שיף־שוועסטער, האָבן זיך דאָקטוי־רים געפּאָרעט. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ לייוענטן בעטל, איינגעדעקט, איינגעוויקלט; בלויז איר שיינער, בלייכער, יונגער פּנים איז געווען אויסגעוויקלט און אָפן.

ביינאַכט איז שטילער געוואָרן. די לבנה האָט געשיינט, און די מאַטראָזן האָבן שיין און באַהאַרצט געזונגען. די פרייע מעלאָדיע איז ווי פון ים אַרויסגעוואַקסן. און דער הימל האָט אין ים גאָלדענע רענדלעך געוואָרפן.

אויף מאָרגן האָבן די אימיגראַנטן זיך צוזאַמענגעקליבן אויפן דעק, מיט מחזורים, סידורים. דער בעל־תפילה אין אַ ווייסן קיטל, אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן זיידענעם גאַרטל. אויף די פּנימער פון די אידישע אימיגראַנטן איז געלעגן אויסגעדריקט טריאומף: — סטייטש אונזער תורה, וואָס מיר טראָגן איר שוין דורות. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז עס איז ים־סוף, און די שיף איז משהס קעסטעלע פון פּימסן־האָלץ... משהס דור וואַנדערט!...

פּלוצים — אַ טומל, אַ קלינגען, סיגנאַלן פון דער שיף. דאָס האָבן מאַטראָסן רעפּעטירט, טאָמער חלילה ברעכט אויס אַ פייער. מאַטראָסן זיינען געזעסן אין די רעטונגס־שיפלעך, אָנגעטאָן אין די ווייסע גומענע בייגל.

ס׳איז געווען אַ שבועות מיט קולות וברקים...

די זון האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן אין ים, ברענענדיק ווי אַ גרויסער שווימענדיקער לופט־באַלאָן.

ס׳האָט שוין געהויכט מיט די ברעגן פון אַמעריקע...

ברייט און צעוואָרפן איז דער ימיקער שפּיגל. קיין וועל גיט ניט קיין ציטער, קיין כוואַליע — אַ ריר. אַ שיף אַ לייכטע, מיט אויס־געשפּרייטע פליגל שוועבט אויף די ימען פריי ווי אַ ליד.

אויפן פרימאָרגן האָבן זיך פאַסן לאַנד באַוויזן. שיפן האָבן מאַנעווורירט מיט פלאַטערדיקע אַמעריקאַנער באַשטערנטע פאַנען. פייגל האָבן אונז באַגריסט. די מאַטראָסן און פּאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער.

די פאַסן לאַנד האָבן זיך געברייטערט, געשטרעקט, אויסגע־וויקלט. אויפן שיף איז געשטאַנען אַ טומל, אַ ציטערדיקע פרייד: דערוואַרטונג! ווייטער גורל...

איבערן ים

ווי דורך ווייסע שלייערן האָט זיך אַנטפּלעקט די סטאַטוע פון פרייהייט אויף דעם הויכן פּעדעסטאַל, מיט צעפלאַסענעם פאַקל אין דער האַנט. די אויפגעהויבענע האַנט מיטן פאַקל האָט אָנגעוויזן דעם וועג צום נייעם, גרויסן לאַנד...

און די צווייטע האַנט, די אַראָפּגעלאָזענע, די פאַרמאַכטע, האָט פאַרהאַלטן שיינדלען, מיין שיף־שוועסטער...

איטשע דער קאַפּיטאַן

ס'איז אָנגעקומען דער טרייבער: אַ הויכער יונג אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסטן גרינעם אָנצוג מיט רימענע פּאַסן. זיך פאַרנויגט פאַר די פּאַסאַזשירן, האָט ער געעפנט ברייט די טיר פון אָמניבוס. איינציק־ווייז זיינען אַריין די פּאַסאַזשירן, אָפּגעגעבן דעם טרייבער די בי־לעטן, זיך צעזעצט אין די טיפע לעדערנע געבעטע שטולן. דער טרייבער איז נאָך געזעסן אַ ווײַלע, געקוקט אין שפּיגל, אויף זיין האַנט־זייגערל.

ער האָט גענומען אָפּקירעווען פּאַמעלעך דעם אָמניבוס. עס האָבן גענומען צוריקגיין די מויערנע הייזער. דורך די פענצטער פון אָמניבוס האָבן געשווינדלט די שטאָטישע גאַסן. דער טרייבער האָט געגעבן סיגנאַלן, זיך אָפּגעשטעלט ביי די רויטע ליכטער.

אויסערן שטאָט, האָט ער פאַרקירעוועט דעם אָמניבוס צו אַ גרויסן אָפענעם דעפּאָ. פון דעפּאָ זיינען אַרויס צוויי פאַרמורזעטע אַר־בעטער. איין אַרבעטער האָט באַקוקט מיט אַן עלעקטרישן שיינער אין די אייזערנע מאַשין־געווערבן. ער האָט זיך געפּאַרקעט מיט אָפּ־צווײַנגלעך, האַמערס, שרויפנציערס. דער צווייטער אַרבעטער האָט אָנגעטרונקען דעם אָמניבוס מיט ספּירט, אויל און וואַסער. ער האָט אָנגעבלאָזן די גרויסע שווערע גומענע רעדער, געוואַשן דאָס פענ־צטער, וואו דער טרייבער איז געזעסן. אויך איבערגעקוקט צי אַלע עלעקטרישע ליכט זיינען אין אָרדענונג...

דער טרייבער, אַן אויסגעגלייכטער, אַ וואַכער, האָט גענומען דעם הילצערנעם צײַנערנעם רודער אין די הענט, ער האָט אָפּגע־קירעוועט דעם אָמניבוס פון דעפּאָ.

ווי אַ שיף אַ באַלויכטענע, איז דער אָמניבוס געשוואומען אי־בער דעם גלאַטן אַספאַלטענעם וועג. די פענצטער האָבן געציטערט, די פּאַסאַזשירן זיך געוויגט. עס זיינען אַנטקעגן געשוואומען אויטאָ־מאָבילן, ווי פיילן האָבן זיי דורכגעשאָסן לעבן אָמניבוס. אויך אָמני־

בוסן באַלויכטענע, געפּאַקטע מיט פּאַסאַזשירן, האָבן זיך געטראָגן אויף זייערע ווייכע לופטיקע רעדער. קרעטשמעס אויף בערג זײַנען געגאַנגען אין טאַנץ...

די פּאַסאַזשירן זײַנען געזעסן אין דער גרויסער פּאָרנדיקער באַלויכטענער הויז. זיי זײַנען געזעסן שטילע, האַלב אין דרימל. איבער יעדערן זיין וועלט מיט זכרונות.

נאָענט לעבן אַ סטאַנציע, האָט דער טרייבער געצאַמטער גע־טריבן דעם אָמניבוס, געגעבן סיגנאַלן, אויסגערופן דעם נאָמען פון דער סטאַנציע. פּאַסאַזשירן, אין איילעניש, האָבן געכאַפּט זייערע געפּעק און זיך צעזעגנט מיטן טרייבער...

פרישער נאַכטיקער דרויסן האָט דורך דער אָפענער טיר אַרײַנ־געיאָגט. אויך נייע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעקוקט די אײַנגעזע־סענע, מידע, האַלב־דרעמלענדיקע פּאַסאַזשירן. די נייע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גיך אײַנגעאָרדנט. און דער טרייבער האָט ווידער גענומען דעם הילצערנעם רודער אין די הענט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל, ס'איז נאָך פרי! און שוין באַלד אָפּגעפאָרן אַ העלפט וועג. ער האָט געלאָזט גיין דעם אָמניבוס מעסיקער...

עס שניידן דאָ איבער באַן־ליניעס און דער וועג איז באַרגיק און געדרייט. ער האָט זיך דערלויבט אַ ביסל טראַכטן... די נאַכט האָט שוין אַזאַ ווירקונג. וואָס זי רופט אַרויס דעראינערונגען: אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ באַלעגאָלע. צוויי מאָל אַ טאָג געפאָרן צום באַן. אינעם הילצערנעם וואָגן אויסגעבעט מיט שטרוי, זײַנען געזעסן די עטלעכע פּאַסאַזשירן, ווי אַ קליינע פאַמיליע זיך דערציילט מעשיות. אויך ער האָט געהאַט גענוג צו דערציילן... מען פאָרט סיי פרי סיי נאַכט דורך וואַלד און פעלד. דו שפּאַנסט איין אין וואָגן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. דער פערד ניסט, ווי להבדיל, אַ מענטש, הירזשעט ווען ער זעט זײַנס אַ ברודער, אַ שוועסטער... ווען ער דערשרעקט זיך, שטופּט ער דעם וואָגן אויף צוריק... דו גלעטסט דאָס, קושט ער דיך מיטן לאַנגן צונג. ער קוקט אויף דיר מיט וואַרעמע אויגן...

אויך אין דעם נייעם לאַנד איז אים באַשערט צו פירן פּאַסאַ־

זשירן. ער פֿאַרגלייכט יענע היימישע, זאַמדיקע, קרומע ברודיקע וועגן קעגן די אַמעריקאַנער גלייכע געפּלאַסטערטע וועגן... דעם אָמניבוס — אין פֿאַרגלייך מיט פֿערד־און־וואָגן. מוז ער שמייכלען...

עס טרעפט אַמאָל, אַ לאַנדסמאַן פֿאַלט אַריין ביי אים אַלס פּאַסאַזשיר; און כאָטש ער רעדט מיט אים ניט, ווייס ער, אַז דער לאַנדסמאַן טראַכט וועגן אים: — זע נאַר, קוים דערקענט איטשע דעם „קאַפּיטאַן"!... וואו האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט טרייבן די מאַכינע?!

פֿון די היימישע בילדער האָט זיך איטשע געפֿילט דערפֿרישט, ווי אַרומגעוואַשן. און אַ וואַכער, אָן אָנגעלענדטער מיטביידע הענט אויפֿן רודער האָט ער געטריבן דעם אָמניבוס מיט די שלאָפֿנדיקע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן זייערע לעבנס צו אים. און ער, ווי אַ געטרייער קאַפּיטאַן, וועט זיי ברענגען אין זייער נייעם לאַנד, אין די שטילע היימען...

אַ פאַרליבטע מיידל

סילוויע איז צוגעקומען צום טיר מיט אַן איבערגעלאָדענע האַרץ פון פרייד... מאַרטינס וואַרעמע הענט פילט זי נאָך אויף זיך.

זי האָט פּאַמעלעך אויסגעטאָן די שיך און אין די זאָקן שפּאַצירט הין און צוריק. זי האָט אָפּגעשפּילעט ביים האַלדז די בלוזקע; אַ ווינטל איז אַנגעלאָפן, געגלעט דעם האַלז, די באַקן.

מאַרטין איז היינט אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שטורעם. זי האָט זיך באַשיצט, אָפּגעשלאָגן, געלאָשן מאַרטינס פייער מיט אירע שטילע קושן. און ווען מאַרטין איז געוואָרן שטילער, איז איר אומעטיק געוואָרן. זי איז אַנגעהויבט געוואָרן מיט אַן איידלקייט. זי האָט דאָס געפילט פון זיין ברומענדיקן שוויגן... און נאָך זיין פירן איר אונטערן האַנט, ווי ער וואָלט זי געטראָגן אויף פליגל...

זי איז צוגעגאַנגען האַרט צום טיר, צוגעלייגט ס'פּנים, ווי די טיר וואָלט געווען באַשלאָגן מיט סאַמעט. — ס'איז שטיל... די מאַמע שלאָפט שוין. זי וועט אַריינגיין מיט טומל... עס ווילט זיך איר דערציילן: ווי פאַרליבט זי איז. פאַר גליק וועט איר די מאַמע האַלב־פאַרשלאָפן קושן. — ניין, זי וועט איר גאָרניט דערציילן. ווער קען נאָך אַזוי שטערן ווי אַן אייגענע מאַמע?...

זי האָט געעפנט די טיר און מיט שטילע טריט זיך געגנבעט צום בעט.

ביים סאַמע ברעג פון בעט איז געשלאָפן איר מאַמע. דאָס איבעריקע ווייסע ליידיקייט פון דער בעט, געלאָזן פאַר איר טאָכטער.

דער מאַמעס פּנים איז געווען באַשיינט פון דעם אַנגעליכטיקטן פענצטער אַנטקעגן. ס'איז געווען קאָנטיק אַן דער מאַמעס צעשוי־בערטע האָר, אַן דער אויסגעקנאָטענער קישן — אַז לאַנג, לאַנג האָט איר קיין שלאָף ניט גענומען.

אין אַ ווילע אַרום איז סילוויעס קליידל און בלוזקע געלעגן

אַנגעהויפט אויפן שטול און זי איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער מאַמען גרייט איר צו קושן און האַלזן.

דערנאָך איז זי אַריין אין בעט, זיך שטיל אונטערגעטונקט אונטער דער קאָלדרע. פאַר אַ ווײַלע ניט געאָטעמט. נאָכדעם האָט זי אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, געעפנט די אויגן און גאָרניט געזען. אַ זעענדיקע בלינדע...

ביסלעכווייז האָט די געדיכטע שוואַרצקייט אָפּגערונען. זי האָט דערזען דעם גרויסן שפּיגל. אָבער אויפן שפּיגל שפּעט ביינאַכט האָט זי מורא געהאַט צו קוקן. אַ שפּיגל ביינאַכט איז ווי אַ ברונעם אָן אַ גרונט...

זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין איר אומרואיקייט. אַלע מאָל ווי זי האָט זיך נאָר אַרײַנגעקוליעט אין בעט, האָט ניט גענומען קיין פינף מינוט, איז זי שוין געשלאָפן — ביז איר ליבע מאַמע האָט זי ניט געוועקט. זי האָט איצט אַ פאַרלאַנג זי אַרומצונעמען מיט ביידע הענט און איר דערציילן פון מאַרטינען. ער איז אַזוי שיין!... און זיין קול... עס זינגט איצט טיף אין איר האַרץ זיין קול. און זיינע הענט! איצט, ווען ער קומט, וואָלט זי זיינע הענט ניט אָפּגעשטופּט פאַרקערט, זי וואָלט מיט אירע אייגענע הענט זיי צוגעפּרעסט צו אירע באַקן. ס'האָט איר אויפגעפלאַמט דאָס פּנים פון דעם געפיל. — מאַמע! מאַמע! — האָט זי געשעפּטשעט און זיך געפרייט וואָס די מאַמע האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, נאָר אַזוי ווי פון אַ שפּרונג איז איר מאַמעס שלאָף נאָך טיפער געוואָרן... ס'איז גוט, מאַמעלע, וואָס דו שלאָפסט, — האָט סילוויע געטראַכט.

זי איז איצט געווען גליקלעך צו איבערטראַכטן די ליבע רייד, וואָס מאַרטין האָט היינט ביינאַכט צו איר גערעדט... זי איז געווען גרייט איצט זיך אָנצוטאָן און אַוועקגיין צוריק מיט מאַרטינען אין פּאַרק. זי שרעקט זיך פאַרן פּאַרק. די ביימער, דוכט זיך איר דער־לאַנגען ביזן הימל, און געדיכטע זיינען זיי ווי סמאָלע. און דאָס שוש־קען פון די בלעטער מאַכט קלאַפּן איר האַרץ ווי אַ פּויק...

אָבער מאַרטין פירט זי דורך די שמאָלע שטעגעלעך. ער רעדט שטיל צו איר... זיין פּנים רירט אָן איר פּנים. און די שרעק

אַ פֿאַרליבטע מיידל

וואָס פֿלייצט אין פֿאַרק, גיסט זיך איבער אין פֿרייד און אין גליק...

אָ, ווען ער ווייס, מאַרטין, אַז איך טראַכט איצט פֿון אים, וואָלט ער אויף פֿליגל געקומען צו שוועבן און ווי אַ גנבֿ אין מיין פֿענצטער פֿאַרקוקט. אַזאַ גנבֿ האָב איך ליב...

די אַלע איינדרוקן וואָס מאַרטין האָט אָנגעוויזט אויף איר דעם אָוונט, האָבן איר אַרומגערינגלט ווי אַ מחנה פֿייגל. די בעט איז אונטער איר אַוועקגעשוואָומען, און מיט אַ יונגע אויפֿגעשלאָגענע האַרץ פֿון טרוימען איז זי איינגעשלאָפֿן...

אַ פאַרשעמטער אָנבייסן

די נאַכט טרעט־צו האַסטיק אין שטאָט. אַלע פענצטער אין דעם רויטן טענעמענט־הויז באַלויכטן. עס רוישן צעעפנטע קראַנען אין צימערן. די טישן זיינען געגרייט. די אַרבעטער־מענטשן פאַר־צוקן דאָס עסן. נאָכן עסן רוען זיי מיט אויסגעשפּרייטע הענט אויף די טישן. זיי לייענען צייטונגען. זיי הערן זיך איין צו די ראַדיאָס. אַנדערע שפּילן זיך מיט זייערע קינדער, וואָס ווילן ניט גיין שלאָפן. די אַרבעטער־מענטשן פּטר'ן ניט קיין צייט. זיי קריכן אין די אויס־געבעטעטע בעטן מיט די וועק־זייגערלעך צוקאָפּנס.

אַזייגער צען אין אָוונט איז שוין דאָס רויטע טענעמענט־הויז פאַרזונקען אין שלאָף. חוץ אין עטלעכע צימערן אויפן צווייטן גאָרן איז פריילעך. אין די צימערלעך וואוינען צוויי יונגע פרויען. די פאַראַהנגען אויף זייערע פענצטער זיינען טונקל־געדיכט, נאָר ביי די ברעגן רייסן זיך דינע פּאַסיקלעך ליכט. אין זייער טיר קלינגט מען ניט, נאָר מען קלאַפּט מיט די פינגער פּאַמעלעך...

— עפנט!...

— ווער איז דאָס?

— אַ גוטער ברודער!

אַ שווערע טיר עפנט זיך און דער גוטער ברודער שלייכט זיך אַריין ווי אַ גנב... אין אַ ווײַלע אַרום קומט ער אַרויס פאַררויטיקט. אין קאָרידאָר טוט ער אָן דעם מאַנטל. און עמיצער קלאַפּט שוין ווידער פּאַמעלעך אין טיר...

— ווער איז דאָס?

— איך, דזשעק! דזשעק! — בעט ער זיך.

ס'עפנט זיך די טיר. אַ פאַרשייטער לאַך, שפּיציקע קוויטשע־לעך נעמען דורך דאָס שלאָפנדיקע הויז. דזשעק איז אַ גוטער באַ־קאַנטער, ער פאַרברענגט אַזוי לאַנג ביזקל אַ דריטער קלאַפּט אין טיר...

אַ פאַרשעמטער אָנבייסן

דאָס נאַכטיק לעבן גייט דאָרט אָן ביזן גרויסן טאָג אַריין...

און ווי נאָר עס בלויט אויף טאָג, באַווייזן זיך אינגלעך מיט ווייסע פּידזשאַקלעך אויף וועלאָסיפּעדן, זיי צעטראָגן אויף די דראָ־טענע קאָשעקלעך די אָנבייסנס. און מיט אַ קלאַפּן צעשטעלן זיי ביי די טירן.

די וועק־זייגערלעך האָבן זיך צעקרייט, ווי הענער אין אַ שלאָפנדיקן דאָרף. טירן האָבן זיך געעפנט, יאָגנדיקע טריט איבער די טרעפּ. די אַרבעטער־מענטשן האָבן זיך געאיילט שטילע, פאַר־זאָרגטע.

פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט יונגע פרויען, מאַמעס. אין די צימערן האָט זיך גערודערט. מאַמעס האָבן זיך געבייזערט. קינדער האָבן געוויינט, קינדער האָבן געלאַכט.

דער בריוו־טרעגער פייפט אין קאָרידאָר און שרייט אויס די נעמען. טייל בריוו דערפרייען, טייל טראָגן אָן זאָרג פאַר די איינ־וואוינער פון רויטן טענעמענט־הויז. פּעדלערס קלינגען אין די טירן. זיי קומען אַריין שטיל, מיט הכנעהדיקע שטימען ריידן זיי: „קויפט זייף! ציין־שטעכערס! זיכער־שפּילקעס! האָר־נאָדלען! שפּאָט ביי־ליק, גיט צו לייזן...״

עס קלינגען פאַרזיכערונגס־אַגענטן. זיי קומען אַריין ראַשיק, ווי אין זייער אייגן הויז. זיי גריסן זיך זיס און זעצן זיך אומגעבעטן אויף דעם ערשטן שטול. זיי נעמען פאַנאַנדער גראָבע ביכער...

די יונגע מאַמעס פירן שוין אין הויז אַריין די וועגעלעך, אין וועלכע עס ליגן ווי אין טיפע אויסגעבעטע ברונימס איינגעשלאָפענע מלאכימלעך...

ס'האָט אַרויסגעוויינט אַ פידל. מיט אַ יאָר צוריק האָט די פידל געקרימפּלט, זי האָט אַרויסגעגעבן הייזעריקע טענער, ווי די פידל וואָלט געווען פאַרקילט און דער שפּילער געליימט. די איינוואוינער פון דעם רויטן טענעמענט הויז האָבן זיך געהאַלטן פאַרשטעקט די אויערן, זיי האָבן געלאַכט דורך די אָפענע פענצטער איינס צום אַנדערן. אָבער דער יונגער פידל־שפּילער האָט די פידל ניט איינ־

געלאָזן. ער האָט מיט איין האַנט געגעסן און מיט דער צווייטער געהאַלטן די פידל... איצט שפּילט ער אַמאָל אין אַ נאָווינע און דאָס גאַנצע הויז ווערט פאַרשטילט, ווי פון אַ כישוף...

אָבער אין די עטלעכע צימערלעך אויפן צווייטן גאָרן, זיינען שווער פאַרהאַנגען די פענצטער און די טיר פאַרהאַקט. די צוויי יונגע פרויען הערן ניט דעם פידל־שפּילער. זיי זעען ניט די ליכטיקע זון...

דורך די האַלבע אָפענע פענצטער לופטערט מען בעטגעוואַנט, מען הענגט וועש אויף פאַרצויגענע שטריק. דער טאָג נויגט זיך הינטער די הויכע הייזער. איבערן קאָרידאָר פויזעט שוין די נאַכט. דער קאָרידאָר איז אָנגעזעטיקט מיט ריחות פון פיש, געבראָטנס. די אַרבעטער־מענטשן קערן זיך שוין אום פון דער אַרבעט.

אָבער אין די עטלעכע צימערלעך אויפן צווייטן גאָרן איז נאָך אַלץ שטיל... אַ פלעשל מילך שטייט לעבן דער פאַרהאַקטער טיר. פון אַ פאַפּירענעם בייטל קוקן אַרויס רויטע פאַמאַדאָרן, גרינע ציבעלעס, ווי יונגע, ווייכע הערנער, אַ בוימל סאַלערי, ווי נאָר פון גאָרטן אַרויסגענומען, זעמל פאַרברוינטע... זיי וואַרטן אַלע פאַר־שעמטע ביי דער טיר פון די צוויי יונגע פרויען.

געטריבן פון בענקשאַפט

ליעוו איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט. דאָס פענצטער אין צימער איז געווען גלאָזיק־בלוי, דער דרויסן פאַרשימערט.

זיין האַרץ איז געווען פול מיט בענקעניש. „אַז מען ליבט אַ מיידל, דאַרף מען דאָס איר אַרויסווייזן", האָט ער זיך געטראַכט. „מען דאַרף דאָס איר זאָגן מיט ווערטער און מיט סימנים פון פאַר־ליבטקייט. מאַריסן האָט זי גאָר ניט ליב געהאַט. ער האָט אָבער ניט אָפּגעטראָטן פון איר. געוואָרן אַן אייגענער אין דער משפחה, זיך געמישט אין זייערע סיכסוכים און פריידן..."

שוין דער פערטער טאָג זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שיינטשע האָט חתונה געהאַט מיט מאַריסן. זי גייט אים ניט אַרויס אַ מינוט פון זינען...

אים דוכט זיך, אַז דער נאָמען שיינטשע איז פול מיט חן אין אירע פשוטע קליידער, חן אין איר שווייגן און חן אין אירע רייד...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ליעוו זיך אַריבערגעצויגן ביים ים. דער צימער הויך, דער דיל געוועקסט, דאָס פענצטער און די טיר ווייס. בלויז דער דינער שליסל אין טיר איז געווען שוואַרץ. אַן עלעקטריש לעמפּל איינגעשרויפט אין מיטן סטעליע; צום לעמפּל צוגעשלייפט אַ זיידענע ברייטע לענטע. אים איז איינגעפאַלן, אַז פאַר אים האָט דאָ מסתמא געוואוינט אַ מיידל. אַ געפּאָלירטער שופ־לאָד איז געשטאַנען האַרט ביי דער וואַנט. צו די טיש־קעסטלעך זיינען געווען צוגעוואַקסן גלעזערנע אויערן. ער האָט אַן עפן געטאָן אַ טיש־קעסטל. עס האָט אַ שטראָם־געטאָן אַ ליידיקייט. געעפנט נאָך אַ שופלאָדל — אויך ליידיק. נאָר אין ווינקל איז געלעגן אַ קליינע, רויטע, פּוזאַטע קעסטעלע. ער האָט פאַרזיכטיק גענומען דאָס קעס־טעלע און עס באַטראַכט: געוואָלט טרעפן וואָס דאַרט טוט זיך. באַלד געעפנט. פּודרע האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף זיינע שפּיצן־פינגער... ליעוו האָט אַ שמייכל געטאָן... געטראָפן! ער האָט אַפּיר־געטאָן

מיט די שפּיצן־פינגער איבערן פּנים און געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס פרעמדע מיידל האָט אים אָנגערירט דאָס פּנים.

מען האָט אָנגעקלאַפּט איידל אין זיין טיר...

— קומט אַריין!...

די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען קעגן אים אַ שמייכלענדיקע, איינגעוויקלט אין אַ שטוב־כאַלאַט און אין פּאַנטאָפל.

— ווי געפעלט אייך דער צימער מיסטער ליעוו? מען וועט עס ערשט ברענגען אין אָרדענונג. דער צימער איז ביי מיר קיינמאָל ניט געשטאַנען ליידיק. מיט צוויי טעג צוריק האָט זיך אַרויסגעקליבן אַ מיידל. זי האָט דאָ געוואוינט אַ פּאָר יאָר. זי קלייבט זיך חתונה האָבן. זאָל איר זיין מיט מזל און גליק. זייער אַ שיינע, אַ געראָטענע. אָבער איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: זאָל בעסער שטיין אַ צימער ליידיק, איידער פאַרדינגען עס צו אַ מיידל. אויב אַ מיידל אַרבעט איז נאָך אַ האַלבע צרה, טאָמער חלילה ניט, קען מען ניט אויסהאַלטן. אירע געוואַשענע זאָקן פלעגט זי ביי זיך אויסהענגען. וואו נאָר אַ ווינקל האָט זי פאַרנומען. איך פלעג ריידן מיט מיין מאַן וועגן דעם — שמייכלט ער. אַ מאַן ווייס דען עפּעס? ער אַרבעט אָפּ, קומט אַהיים און געפינט אַ געגרייטן טיש... איך האָב אים דערציילט וואָס איך שטיי אויס פון דער מיידל... האָט ער מיר געגעבן דעם שיינעם ענטפער: „זי צאָלט גאַנץ ערלעך פאַרן צימער". ער זעט ניט וואָס פאַר אַ שלעכטס זי טוט. אים איז גלאַט גוט, אַז אַ שיינע קאַץ דרייט זיך אַרום אין שטוב... מיסטער ליעוו, איך בין העכסט צופרידן, וואָס ס'איז שוין אַ שעה נאָכדעם. זי וועט חתונה האָבן זיין אַ באַלעבאָסטע, זאָל איר זיין גוט און וואויל. איך בענק נאָך איר ניט...

זי האָט אָפּגעלאָזט דעם כאַלאַט, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אפשר אַ גלעזל טיי, מיסטער ליעוו? איך וויל איר זאָלט זיך פילן ביי אונז ווי אַן אייגענער מענטש", און זי איז אַרויס.

באַלד איז זי ווידער אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז טיי און אַ טעצעלע מיט טאָרט. אין דער צווייטער האַנט האָט אַ בלויע צוקערניצע, דורך וועלכער עס האָבן זיך געזען שטיקלעך צוקער.

ליעוו האָט זיך דערפילט גוט און פאַרשעמט. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט פריינטשאַפט אויף זיין באַלעבאָסטע.

— אַ דאַנק! איך האָב דאָך גאָר אַ שיינע באַלעבאָסטע — האָט ער געזאָגט מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל.

זי האָט זיך געדרייט ביים שפּיגל, פאַרריכט די האָר לעבן די אויערן, אַ שמייכל געטאָן אין שפּיגל צו ליעוון און איז אַרויס. ליעוו האָט געטרונקען די טיי פאַמעלעך, ווי ער וואָלט געזשאַלעוועט זיך צו שיידן מיט דער פריינטשאַפט, וואָס זיין נייע באַלעבאָסטע האָט אים אַרויסגעוויזן...

דערנאָך איז ער געזעסן אַנטקעגן דעם פענצטער און לאַנג געקוקט אויפן ים, וועלכער האָט זיך געשפּרייט ברייט און ווייט. שיפן האָבן געקריכערט שוואַרץ, בליציק אַנרירנדיק די כוואַליעס.

דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט מיט זיין שאָטנדיקער מאַכט. די זון איז געהאַנגען גרויס און רויט ביים ברעג הימל. אַ האַלבע לבנה האָט זיך באַוויזן, גרייט צו פאַרנעמען איר נאַכט־הערשאַפט. דער ים איז געווען צעשוימט, צעהוידעט און ווייט האָבן די וואַסערן געברענט פון דער זון. ליעוו האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פון פענ־צטער. אים אַרט ניט וואָס שיינטשע האָט געהייראַט, אָבער פאַר־וואָס האָט זי אויסגעקליבן מאַריסן?

מען האָט געקלאַפּט אין טיר. ווען ליעוו האָט אָן עפן־געטאָן די טיר, האָט זיך די ליכטיקייט און היימישקייט פון יענע צימערן זיגעריש אַריינגעריסן אין זיין צימער. די באַלעבאָסטע איז געשטאַ־נען אין פולער באַלאַדנקייט: גרויסע אוירינגלעך אין די ראָזעווע אויערן; די האָר אין קרויזן, אין כוואַליעס, אַרומגעשטעקט מיט ברוינע דורכזיכטיקע קאַמען. דער מאַנטל צעשפּילעט מיט אַ פוכיקן פוקס אויפן האַלז. אויף די הענט הענטשקעס שטייף צו די פינגער.

— וואָס זיצט איר אין דער פינצטער? איך וועל אייך פאַר געז טייערער ניט רעכענען... אפשר האָט איר חשק זיך דורכשפּאַ־צירן?... קומט אַריין צו אונז, כ׳וועל אייך באַקענען מיט מיין מאַן...

ווען ליעוו איז אַריין אין זאַל, איז אים אַנטקעגן געקומען אַ

מאַן אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט פולע גלאַט אויסגעגאָלטע באַקן. ער האָט ליעוון געגעבן שלום און גוטמוטיק געשמייכלט.

— ווי געפעלט אייך אונזער ים? — האָט ער געפרעגט — ס׳איז נאָך ניט דער רעכטער זומער! דאָ קומען מענטשן ווי זאַמד. וואָס פעלט זיי די בחורים און די מיידלעך?... זיי באָדן זיך, קייקלען זיך אויפן זאַמד. מען שפּרינגט, מען קאָמאַנדעוועט, מען דרייט זיך אַראָפּ דעם קאָפּ. פרייע פויגלען! וואָס זאָגסטו, מיין יונג ווייבעלע?...

שפּעטער, ביינאַכט, איז ליעוו געגאַנגען שפּאַצירן ביים ים. ער האָט געשפּרייזט גיך איבערן הילצערנעם בריק און אומעטיק געפייפט. איינציקע פּאָרלעך זיינען געזעסן אויף די גרינע צוגעשמידטע בענק. אויף איין באַנק איז געזעסן אַ פּאָרל. דער מאַן אין שוואַרצע קליידער האָט געטוליעט זיין פּנים אין איר שויס. זי פאַרדעקט אים מיט אירע ווייסע הענט. ליעוון האָט זיך כמעט געדאַכט, אַז דאָס איז שיינטשע מיט מאָריסן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פּאַרענטש און געקוקט אויפן וואַסער. שוואַרץ, אימהדיק האָט אויסגעזען דער ים. פייערלעך פון שיפן האָבן אויפגעטויכט און זיך פאַרלאָשן. אַ גלאָק האָט געקלונגען, געלאָזן נאָך זיך לאַנגע צעצויגענע, אומעטיקע אָפּקלאַנגען. דער ים האָט דומפּף געברומט. ניין, ניט דער ים. אַזוי האָט זיין איינזאַמקייט געוויינט אין ליעוון. זיין בענקשאַפט האָט געברומט און זיין האַרץ געריסן. ער האָט שטיל אַראָפּגעשלייכט פון בריק און זיך פאַרקירעוועט אַהיים.

פאַרזיכטיק די טיר געעפנט. אויף די שפּיץ־פינגער דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר. אין צימער האָט ער פאַרקייטלט די טיר, אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן. דער צימער איז געווען אינגאַנצן געענדערט. זיינע ביכער צוזאַמענגעלייגט מיט די רוקנס אַרויס. אויפן דיל אַ שמאָלער, געבלומטער פּליושענער טרעטער, דאָס בעט ווייס פאַרבעט, פאַרגלעט. אַ געשניצטער שטול לעבן קיילעכדיקן טישל. אויפן טישל אַ טעצעלע אויף אַש.

ליעוו האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעטאָן, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט אויס נאַריש...

עס האָט זיך אים ניט געשלאָפן. די צייט האָט זיך געצויגן. שיינטשע איז ניט אַרויס פון זיין געדאַנק. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויפן צווייטן. און טאָמער האָט ער אַ דרעמל געטאָן, איז ער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין שווערע חלומות, זיך אויפגעכאַפּט און ווידער ניט געקענט איינשלאָפן. ער איז אַרויס פון בעט.

אויפן ים האָט זיך פאַרצויגן אַ נעפּל. שיפן האָבן אַרויסגעגעבן טרויעריקע סיגנאַלן. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס. ליעוו איז געווען צופרידן מיט דעם דרויסן. ער האָט אויפגעעפנט די טיר פון זיין צימער, געבליבן שטיין ביים קאָרידאָר. דער קאָרידאָר האָט אויסגעזען לאַנג, טיף און פינצטער. די אויסגעטינקעוועטע ווענט האָבן זיך געוואָלט צונויפקומען. ביים קיך־טיר איז ער געבליבן שטיין און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק. צוגעגאַנגען צום קראַן, געלאָזט לויפן די וואַסער.

ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג: די יונגע באַלעבאָסטע זאָל דערהערן און אַ פאַרשלאָפענע זיך באַווייזן פון די ווייטע טונקעלע צימערן... אַ באַק רויט פון צעגעלעגנקייט. די אויגן שיינען. דאָס גאַנצע וועזן נורעט זיך פון זיסן דרעמל. זי שמייכלט, קנאַקט די פינגער און ציט זיך ווי אַ קאַץ. זיי זעצן זיך אין זאַל ביים טיש טרינקען וויין. זיי קלאַפּן זיך מיט די גלעזלעך. זי דערלאַנגט אים אַ פּאַפּיראָס אין אַ לאַנגן מונדשטוק. ווייבערשע פּאַפּיראָסן. זיי זיינען שוואַך, שמעקן איידל. דער רויך צעלאָזט זיך אין בלאָע קייקלעך.

ליעוו איז שוין עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען די צימערן. ליידיק! אַלע פענצטער אַ ביסל צעעפנט. אַ ווינטל האָט געהוליעט איבער דער ליידיקייט, געמאַכט ציטערן די פרענז פון די סערוועטן. די פאָרהאַנגען האָבן געפּאַטשט אין די שויבן. די ראַמען האָבן געקוויטשעט פון טרוקנקייט.

„וואָס טוט ער דאָ אין די צימערן?" — פרעגט ער זיך און ווערט פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

ער האָט שלעכט געטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעקליבן ביים ים. אין שטאָט איז אים בעסער. דער הוהאַ און די פאַר־

נומענקייט פון די מענטשן דערשטיקן אין אים זיין אומעט. דאָ צעבּרעכט אים זיין בּענקשאַפט אויף שטיקער.

אַ טאָג שפּעטער. עס איז ווידער נאַכט. ליעוו האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. ער איז אַרויס זיך דורכגיין אַ ביסל. פּלוצלינג האָט אים אַ באַקאַנטער אָפּגעשטעלט. ער איז ניט געווען אַליין נאָר מיט אַ דאַמע.

— וואָס מאַכט ליעוו? וואָס זעט מען דיך ניט? זייט באַקאַנט: ליעוו און בּיטריס.

ליעוו איז געשטאַנען אַן איבּערראַשטער. דאָס מיידל האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ האָר, און די אויגן, בּלויע, האָבּן געקוקט אויף אים פריידיק, וואַרעם און נייגעריק. זיי האָבּן אויך געשפּאַצירט. ליעוו איז געוואָרן אויפגעלייגט, גערעדט העפלעך, זיך געהאַלטן טאַקטיש, איידל. געגאַנגען אָפּגעטראָטן דעם וועג דער מיידל. געווען פאַרנומען מיט איר ליכטיקן אויסזען. זי האָט אים באַרוישט מיט איר ערשטן קוק.

בּיטריס האָט געלאָזן פאַלן אַ קאָמפּלימענט אויף זיין זייט. ליעוו האָט גלייך געוואָלט ווייזן, אַז ער נעמט עס ניט ערנסט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין באַקאַנטער, וועלכער איז איצט געגאַנגען שווייגנדיק מיט אַ שווערן בּחורשן אייפערזוכט, זאָל זיך ניט שרעקן פאַר אים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — מיינע ליבּע מענטשן, איך פאָר אַהיים!

— וואָס איילט איר זיך? — האָט אים בּיטריס אַ פרעג געטאָן.

— אויבּ איר ווילט דווקא גיין, וועל איך אייך ניט אָפּהאַלטן. זי האָט אַרויסגענומען אַ קליין בּיכעלע פון איר האַנטטעשל, פאַרשריבּן זיין אַדרעס און שמייכלענדיק אַ קוק געטאָן אויף ליעוון. — איר וואוינט לעבּן ים? זומער איז דאָרט ניט שלעכט...

זיי האָבּן זיך געזעגנט.

אויף מאָרגן, אין סאַמע זיסן שלאָף, האָט מען אים געוועקט:

— „אַ טעלעפאָן, מיסטער ליעוו!...“

אַ פאַרשלאָפענער האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בּעט. „העלאָו! העלאָו! בּיטריס?... וואָס וואו איך געפין זיך? וואו איך

בין, דאָרטן געפין איך זיך". ליעוו האָט אַריינגעלאַכט אין טעלעפאָן, געהערט ווי ביטריס לאַכט אויף צוריק.

„קומט צום ים ביי דער צוואַנציקסטער גאַס, ביטריס".

ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל האָט ער זיך דער־פילט באַנייט, נצחונדיק און אויפגעשטראַלט פון רייצנדיקער בייגע־ריקייט. ער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער, צעעפנט די שופלאָדן, איבערגעוואָרפן אַלע העמדער, אויסגעקליבן דאָס שענסטע, אָנגע־טאָן דעם נייעם אָנצוג, דעם שניפּס אויסגעשלייפט מיט מי און פינקטלעכקייט.

ער איז אַרויס אויפן בריק מיט פופצן מינוט פריער, געשפּאַ־צירט געלאַסן.

זי איז אָנגעקומען צו דער מינוט. זיי האָבן געשמייכלט און זיך געדריקט די הענט.

— ווי געפעלט איך מיין ים?

— אייער ים? דערציילט עפּעס ליעוו. איר האָט נעכטן אַזוי שיין גערעדט. וואָס לויפט איר? איר קענט ניט גיין גלייך מיט אייער דאַמע? — ליעוו איז רויט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

ליעוו האָט זיך געוואונדערט אויף איר דרייסטקייט. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער הויז וואו ער וואוינט, האָט ער זי אָנגענומען לייכט פאַר דער האַנט. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן און געשמייכלט. זיי זיינען אַריין אין צימער. ביטריס האָט די שטאָרן אַרויפגעקאַטשעט, אויך אויפגעעפנט די טיר, זיך געזעצט אויפן בעט און אָנגענומען ליעוון פאַרן האַנט.

— זעצט זיך לעבן מיר. איר ווייסט ליעוו, איר האָט קינדער־שע אויגן, אָבער זיי קוקן אויס מיד. זיי דערציילן פון שאַרפע אי־בערלעבונגען. — זי האָט זיך איבערגעבויגן, אַרויסגענומען דאָס ביינערנע קעמעלע, וואָס האָט געשטעקט אין ליעווס רעקל, זיך אַ קאַם־געטאָן די האָר, פאַרקוקט אין שפּיגל, אַרויסגעשטעקט קאָ־קעטיש דעם שפּיץ צונג ליעוון, דערביי געשמייכלט גוט, גרינג און פאַרפירעריש.

— וואָס זיצט איר ווי אַ שטומער? — האָט זי אַ זאָג געטאָן — איך געפּעל איך ניט?'... ניט אַנדערש איר האָט נעכטן אַלץ שוין אויסדערציילט...

זי האָט געפילט היימיש! פאַרבעט דאָס בעט, אויסגעגלייכט די ביכער אויפן טישל, פאַרריכט זיין שניפּס, קיצלענדיק ליעוון אין האַלז. זי האָט געזונגען, געטאַנצט, געלאַכט.

דערנאָך איז ליעוו לאַנג געזעסן, אין פולער געשפּאַנטקייט צו־הערנדיק וואָס ביטריס דערציילט:

זי שטאַמט פון אָרעמע עלטערן. זיך געהאָדעוועט ביי אַ באָ־בען. ווען ס'האָט גערעגנט איז אַריינגערונען אין הויז. אין די לו־זשעס האָבן זשאַבעס געטאַנצט. זי האָט זאַט ניט געגעסן, ניט גע־שלאָפן געהעריק, און די באַקן האָבן שטענדיק געבליט... זיי זיי־נען געווען גלאַט, די פינגער פלעגן זיך אויסגליטשן אויף זיי. גרויסע טרערן זיינען געשטאַנען אין אירע אויגן.

ליעוו איז געווען גערירט. אירע רייד זיינען געפאַלן אויף אים ווי אַ שפּריי־רעגן.

— דערציילט, דערציילט, ביטריס.

ביטריס איז שוין געזעסן אַ שווייגנדיקע. געקוקט אומעטיק אויפן ים.

דער פאַרנאַכט האָט צוגעטראָטן שאָטנדיק. שטיקער וואָלקנס ווי פעלזן זיינען געווען אָנגעצונדן ביי די ראַנדן. אויפן ים האָט זיך געצויגן אַ גאָלדענער, טאַנצנדיקער וועג. אַ פאַרכישופטע גאָלדענע שיף איז געשטאַנען ביים האָריזאָנט אַנטקעגן אויף אַ פענצטער האָבן פאַרבן זיך געשפּילט ווי שלאַנגען. ביטריסעס קאָפּ איז געווען באַ־לויכטן מיט פייער. ביי אַ שכן האָט מען געשפּילט פּיאַנאָ. טענער אָנגעזאָפּטע מיט נאַכט און בענקשאַפט האָבן פאַרזונגען דעם דרויסן. ביטריס האָט מיט אַן אומעטיקן קול אַ זאָג־געטאָן:

— ליעוו, איר וועט מיר צופירן צום באַן?

זי האָט צוגעגלעט די האָר, צעעפנט איר האַנט־טעשל. זיך אַ פּודער געטאָן. אויך אַ קלאַפּ געטאָן ליעוון אויפן באַק מיטן פּוידער. ליעוו האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך פלינק אַרויסגעדרייט, אַנ־

געשטעלט אויף אים אומשולדיקע טרויעריקע אויגן... לעבן באַן האָט ביטריס אויסגעשטרעקט די האַנט, געקוקט מיט איר גוטן שמייכל ליעוון גלייך אין פּנים.

ליעוו האָט אַרויסגענומען אַ קליין קעסטעלע און געוואָלט אַרויסנעמען אַ פּאַפּיראָס.

— גיט מיר דאָס קעסטעלע! — זי האָט איבערגעקערט דאָס שאַכטל אין איר האַנט, אַריינגעלייגט די סיגאַרעטלעך אין האַנט־טעשל, דאָס ליידיקע פּודעלע אַוועקגעשטעלט, זי האָט געקוקט אויף ליעוון פאַרשנדיק... ליעוו האָט זיך פאַרלאָרן און ווי ניט מיט זיין קול אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אייך צופירן אַהיים.

— ניין, צו־וואָס, ליעוו? אַ גוטע נאַכט. אַ דאַנק. איך וועל מאָרגן ביי אייך זיין אין דער זעלבער צייט.

ליעוו האָט געזען ווי זי האָט זיך אויף דער סטאַנציע אויס־געמישט מיט די מענטשן און איז פאַרשוואונדן. אַ פּוסטקייט האָט אים דורכגעדרונגען. ער וואָלט איצט געוואָלט ריידן אָן אַ ציל, אָדער שווייגן און פילן אַ ביטערן אומעט.

אויף מאָרגן איז זי צו אים געקומען אין דער זעלבער צייט, נאָך שווערע שטונדן פון שלאָפלאָזיקייט איז ער געלעגן אין אַ טיפן שלאָף, ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך זיין כאַלאַט, און געעפנט די טיר.

— אַ, העלאָו! העלאָו ביטריס! טייערע מיידל! ווי שיין איר זעט אויס!

זי האָט אַ לאַך געטאָן, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. זי האָט אים געקוקט ליב אין די אויגן:

— ווי שלאָפט מען דאָס אַזוי שפּעט? שעמען מעגט איר זיך! ווי ביי אייך זעט־אויס דער צימער! צעוואָרפן די ביכער, שטיקנדיק. וואָס עפנט איר ניט אַ פענצטער? דאָס בעט איז צעמורשט, ניט אַנדערש איר טאַנצט אין בעט. — אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי גע־

שיקט צעלייגט די ביכער, פאַרבעט דאָס בעט. אין צימער האָט געבלאָזן אַ ווינטל.

ליעוו האָט געהאַלטן ביטריסן פאַר די הענט. זי איז געווען האַרציק, צוגעלאָזן. ער האָט זי געקושט. זי האָט זיך לייכט און איידל געוועדט.

— איר ווייסט, ליעוו, לאָמיר גאָר חתונה האָבן! מיר וועלן נעמען עטלעכע צימערן לעבן ים. איך וועל איינקויפן קונסט־ביל־דער, זיי צעהענגען אויף די ווענט. איר געפעלט מיר. איר זענט אַ קלוגער, שיינער בחור...

ליעוו האָט געשוויגן, אַראָפּגענומען די הענט פון ביטריסעס אַקסלען. ער איז געווען צעטומלט פון דעם גרויסן גליק, וואָס איז פּלוצלונג אָנגעשוואומען...

ער האָט ניט געגלויבט אַז ס'איז אמת...

זאָל ער זאָגן „יאָ״? ס'איז ווינציק. ער וועט איר אַ פאַל־טאָן צו די פיס, זיך פאַנאַנדערוויינען פאַר גליק. אָבער... אפשר איז דאָס אַ מיידלשער קאַפּריז, אַ שפּאַס? זי וועט אים אויסלאַכן: „סאַראַ נאַר איר זענט! — וועט זי זאָגן — איר קענט מיר צוויי טעג און ווילט שוין חתונה האָבן מיט מיר! וואַרט, געפינט־אויס ווער איך בין. איר וועט זיך אפשר ביטער אָנטוישן, יונגערמאַן״.

און דערביי האָבן פאַרקערטע צווייפלען דורך זיין מוח דורכ־געבליצט. צווייפלען פון ז י י ן זייט גאָר. טאַקע, וואָס ווייס ער וועגן איר? ווער ווייס וואָס פאַר אַן אומגליק ער וואָלט אַריינגעפאַלן!

ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען ביטריסן אַ בלייכע, אַ שווייגנדיקע.

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פרעמד.

זיי זיינען אַרויס פון הויז אין ווערטער. די נאַכט איז געווען צעשפּרייט מיט איר פינצטערער קראַפט. דער ים האָט געשלאָגן און געברומט.

מחותנים

ווען פרידמאַן האָט געדרייט דעם הוט אין זיינע הענט, איז פייגעלע, זיין ווייב, אויסגעוואַקסן מיט אַ שטרוי־בערשטל, אים אָפּ־געשטויבט, פאַרריכט דעם שניפּס, פון קאָלנער אַראָפּגעקליבן פּע־דערלעך.

— גיי מיטן רעכטן פוס — האָט זי אים געזאָגט — צעאַמפּער זיך ניט מיטן מחותן. ווייז ניט באַלד אַרויס דיין יחוס, דיין גע־לערנטקייט...

אַרויס אויפן גאַס, איז פרידמאַן אַריין צו זיין שכן דעם גע־שעפטסמאַן. הויך אים באַגריסט און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ פּאָר האַוואַנע ציגאַרן.

— מיר האָבן שוין גאָט צו דאַנקען אַ נייעם זומער — האָט ער היימיש אַ זאָג געטאָן דעם געשעפטסמאַן.

— ווער עס האָט די „קלינגערס", ביי דעם איז אַלע מאָל זומער — האָט דער קרעמער געענטפערט מיט אַ ביסעלע חניפה און פריד־מאַן האָט דערויף אַ שמייכל געטאָן...

אַרויס פון געשעפט, האָט פרידמאַן געטראַכט, אַז ער וועט זיך ניט עוסקן מיט נעמען די באַן. צוואַנציק מינוט שפּאַצירן, ניט איילנ־דיק, איז ערביים מחותן. ער וויל טאַקע אויסזען אַביסל וואַכעדיק...

די זומערדיקע לופט שטאַרקט די ביינער. און די ביימער וואָס גרינען דאָ לעבן די גרויסע מויערן קוקן אויס ווי מחותנים. זיי זיי־נען אַרומגעשוירן, אַרומגעפּוצט, די שטאַמען אָפּגעווייסט און אַרומ־געצאַמט מיט שטאַכעטן.

פרידמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ צירונג־געשעפט. אין דעם באַלויכטענעם גרויס־שויביקן פענצטער, זיינען געהאַנגען אויף פּאַסיקלעך און אויף קייטעלעך פאַרשידענע זייגערלעך. אַ טייל זיי־גערלעך זיינען געלעגן אין אָפענע פוטליאַרקעס אויסגעבעט אין סאַ־מעט. אַזאַ מין זייגערל האָט ער חשק באַקומען צו קויפן דעם חתן אַ מתנה...

אַ קוק געטאָן די גאַס, אַריינגענומען אינעם זיכרון דעם נור־מער פון געשעפט, האָט ער אָוועקגעשפּרייזט ווייטער. פון דעם פאַרלאַנג צו קויפן אַזאַ סאָרט זייגערל, האָט ער זיך גאָרניט געקענט באַפרייען. ווי איידל עס מוז זיין דאָס ווערקל, און דאָס ציפער־בלעטל בליאַסקעט אַרויס פון ליכטיקן קיילעכדיקן פענצטערל. דער גע־שעפטסמאַן איז שוין באַלד גערעכט: „ווער עס האָט די קלינגערס ביי דעם איז אַלע מאָל זומער״...

צוגעקומען צום הויז וואו דער מחותן האָט געוואוינט, האָט ער זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, ווי אויפגעזאַמלט זיין גאַנצע ווירדע, און דאַן ערשט האָט ער אָנגעקלונגען.

טריט האָבן זיך דערנענטערט און די טיר האָט זיך ברייט געעפנט...

— קומט אַריין, שלום־עליכם מחותן! נו, וואָס שטייט איר ביי דער טיר? כ'האָב נאָר־וואָס גערעדט מיט מיין גרונען, איך האָב איר געזאָגט: די חתונה איז שוין אַזוי נאָענט און מיר האָבן זיך ניט רעכט דורכגעשמועסט מיט אונזערע מחותנים...

— גרונע! קום נאָר אַהער! זע נאָר! מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאַסט, אונזער מחותן זאָל לעבן.

— פאַרוואָס האָט איר ניט מיטגענומען די מחותנת'טע? — האָט זוסמאַן געפרעגט פרידמאַנען, ווען זיי זיינען שוין געזעסן ביים טיש.

פרידמאַן האָט געשמייכלט. אַרויסגענומען אַ ציגאַר און מיט אים מכבד געווען דעם מחותן. דערנאָך אויך אַליין פאַררויכערט אַ ציגאַר און גלייכצייטיק גערעדט:

אונזער פריינטשאַפט איז ניי, פריש, די קינדער זאָלן לעבן, וועלן אונז ערשט דערנענטערן...

— איר, מחותן — האָט פרידמאַן ווייטער געפירט דעם שמועס — מאַכט שוין חתונה „קיין עין־הרע״ דאָס פערטע קינד... איך בין נאָך אין דעם פּרט אַ גרינער. כ'ווייס ניט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן?...

— זעסט גרונע, — האָט זוסמאַן טריאומפירט — ביי דיר בין

איך אַ פּראָסטער שניידערוק, אָבער אונזער מחותן האָלט זיך מיט מיר אַן עצה... — איר הערט, האָט ער זיך געווענדט צום מחותן: אַלע קונדן האָבן מיך ליב. די שכנים האַלטן זיך מיט אונז ווי ברי־דער און שוועסטער... דאָס לעבן וואָלטן זיי אַוועקגעגעבן פאַר אונז...

— אונזערע קינדער כאַפּט מען אויס — האָט גרונע אונטער־האַלטן דעם שמועס — זיי זיינען דאָך ממש בריליאַנטן... און מיטן פאַרטעך האָט זי געווישט אירע אויגן... און מיט גיכע טריט אַוועק אין קיך אַריין...

— איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן, מיסטער פרידמאַן — האָט זוסמאַן זיך פּלוצים אַנגערופן — בראָנפן צו דער חתונה וועל איך פאַר אייך איינקויפן... אַ קאַסטן „גרין ריווער״... אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַראַ שנאַפּס דאָס איז... אָט דער שנאַפּס האָט אַ טבע, אַז מען טרינקט אויס די ערשטע גלעזלעך, מוז מען ווידער אָנגיסן די גלעזלעך און אַזוי כסדר... ווער זשאַלעוועט דען אויף אַ חתונה... אָבער ניט אַלע פלעשלעך דאַרף מען אַוועקשטעלן אויפן טיש, ווייל אינעם גרין ריווער״ ליגט רחמנא־ליצלן אַ יצר־הרע...

— די מוזיק וועל איך אויך באַזאָרגן, איך קאָן אַ פאַמיליע, אַ געבענטשטע פון גאָט, איינער שפּילט אויף אַ באַנדורע, דער צוויי־טער אויף אַ פלייט, דער דריטער אויף אַ קלאַרנעט און דער פאָטער אויף אַ פידל... אַז זיי שפּילן בלייבט דער גאַנצער עולם שטיין מיט אָפענע מיילער און אויערן... און אַ רב קאָן איך אַן אַלטמאָ־דישן איד. ביי אים איז דער עיקר ניט די „ביזנעס״, נאָר די מצוה...

פרידמאַן האָט געקוקט אויף זיין מחותן מיט נייגעריקייט, מיט ליבשאַפט, ער האָט אין יענעם מאָמענט פאַרגעסן אין זיינע עשירות און געקוקט אויפן פשוטן מחותן מיט פרייד...

אויך זוסמאַן איז געווען דורכגענומען מיט שטאָלץ וואָס ער האָט אַזאַ וואויל־געלערנטן און רייכן מחותן, וואָס איז נאָך דערצו אַזאַ איידעלער מענטש...

און ביידע מחותנים זיינען געזעסן דערהויבענע, און געטראַכט וועגן דער חתונה פון זייערע קינדער...

אויף אַ פאַרם

פון ווייטן האָט גאָלדבערג דערזען נידעריקע הייזלעך. און אויפן פעלד, ווי מיט שניי־באַדעקטע, מחנות הינער. אַמעריקע איז אַ טייער לאַנד, ניט פרעגנדיק געטראָפן „גרינשטיינס פאַרם". אַלץ איז דאָ אַנגעצייכנט ווי אויף דער האַנט.

צוגעפאָרן צום הויז, לייכט געדריקט אויף דער טרובקע... אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געעפנט אַ טיר און אַ הויכער מאַנס־פאַרשוין, האַלב פאַרשלאָפן, איז צוגעגאַנגען צו גאָלדבערגס קאַר. אין אַ מאָמענט האָט זיך גרינשטיינס פּנים אויפגעוועקט, אויפגעלויכטן, איבערראַשונגען, הויכע פריידיקע, האָבן שאַרף געשטראַלט פון זיינע גרינע אויגן:

— דאָס ביסטו, גאָלדבערג? ניט געוואוסט אַפילו, אַז דו גע־פינסט זיך אין גאָלדענעם לאַנד. וואָס טוט מען אין אַמעריקע?

מען נייט קאַפּאָטעס.

— נעבעך, אין אַ שאָפּ?...

— דער שאָפּ איז מיין צווייטע היים.

— און דו, גרינשטיין, וואָס האָסטו באַוויזן אין די קיילעכדיקע יאָרן? דאָס פעלד, די הייזלעך, הינער, — אַלץ געהערט צו דיר?

— גאָט צו דאַנקען, שוין באַלד אויסגעצאָלט. פון מיין פּראַצע זיינען די הינער ווייס...

— מיינסט כ'בין דאָ פון נעכטן?... געוועזן אין זויערן און זיסן. אויך אין מיין פּראָסטער שניידעריי האָט „קאָלאָמבוס" אַ שפּרונג געטאָן מיילן הויך... ניי־מאַשינען אַרבעטן אויף עלעקטרי. בייטאָג ברענען לאָמפּן. אַ קנעפּל ווערט איינגענייט מיט אַ וואונק פון אַ אויג. אַ גאַרניטור אויפגעשטעלט פון פּערציק הענט...

— זיי מוחל, גאָלדבערג, וואָס איך שלאָג דיך איבער. קום אַריין אין הויז, מאַך זיך היימיש...

גאָלדבערג איז געזעסן ביים גרויסן נאַקעטן טיש, אַנטקעגן

גרינשטיינען; געקוקט מיט אַ באַהאַלטענעם אומעט אויף די אָפּגע־לאָזענע ווענט, אויף די אומגעלומפּערטע גרויסע וויג־שטולן אין די ווינקלען, אויפן פויגל, וואָס איז איבערגעשפּרונגען אויף די היל־צערנע אָנהאַלטן אין זיין שטייגל. דער פויגל איז געוואָרן אומרואיק צוליבן גאַסט.

— מיין ניט, גאָלדבערג, מיר איז געגאַנגען גלאַט איידער כ׳האָב זיך דערשלאָגן צו מיין ווינקל... יאָרן אָפּגעשוואַרצט ביי פּאַר־מערס. פרעמדע טישן, פרעמדע בעטן. מיט דיין קומען אומגעריכט האָסטו אויפגעעפנט מיין האַרץ... איך קען ניט איינצאַמען מיין צונג. זעסט, גאָלדבערג, — האָט אים גרינשטיין אָנגעוויזן דורכן פענצטער, — מיינע הינער גייען אויף נאַכט־לעגער.

— האָסט געלערנטע הינער, — האָט גאָלדבערג אַ לאַך געטאָן. ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די מחנות ווייסע הינער, וואָס זיינען געגאַנגען אין געדיכטע ציילן צו די קליינע הייזלעך.

נאָך דעם צובייסן האָט גרינשטיין אַריינגעפירט זיין גאַסט אין אַ צימער מיט צוויי פענצטער, פון וואַנען ס׳האָט זיך געזען פעלד, ביימער אין פאַרנאַכטיקער אָפּגעקילקייט.

דאָס בעט איז גערעם, ציכטיק. אין צימער איז שטיל, ווי אין אַן אויער. וואָס פאַר אַ יחוס איז ניו־יאָרק! ס איז גוט אַריינצונעמען די שטילקייט, וואָס הערשט דאָ. אויך די אויגן רוען זיך אָפּ אין דער ליכטיקייט פון לבנה און שטערן. איבער ניו־יאָרק ווילן די שטערן ניט שיינען... און דאָס בילן פון די הינט. ער האָט אַ געפיל, אַז ער איז אין דער אַלטער היים...

עס שאַדט ניט פאַר יעדן שטאָטישן מענטשן זיך אַרויסכאַפּן אין די שטילע „פאַרמס״, וואָס ליגן צעשפּרייט אויף גאָטס ערד.

עס קרעהען שוין העגער און ער האָט נאָך ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. ער האָט זיך אויפגעזעצט, געקוקט דורך די פענצטער. אַ שטיק הימל האָט אויפגעפורפּלט. דער דרויסן האָט אויפגעשפּילט... דורך די פענצטער האָט ער דערזען גרינשטיינען, אַ גלייכן און אויס־געווינטיקטן...

ווען זיי זיינען אַריין אין הויז, האָט גרינשטיין מיט וואַרעמקייט אין זיין קול געלאַדן גאָלדבערגן צום געפּאַרבטן טישל.

גאָלדבערג, אַ גערירטער, דערפרייטער, האָט אָנגעכאַפּט גרינ־שטיינס הענט, און ווי איבער זיין ווילן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין צונג די ווערטער:

— פאַרגעסן דערציילן — מיין שוועגערין איז געקומען צו־פאָרן פון יענער זייט ים. אַ געראָטענע זאַך... פול מיט חן. עס וואָלט כדאַי געווען זי אָנקוקן...

אין גרינשטיינס אויגן האָבן איבערגעפינקלט פייערלעך, און ער האָט שוויגנדיק און אומעטיק געשמייכלט...

אויף דעם קליינעם טישל איז געשטאַנען אַ ניט־דערטרונקענע פלאַש וויין און זעמל אין אַ שטרויענעם קאָשיק, אַ ווייסער קעז, פריש אָפּגעפּרעסט דער לייוונט אויף אים.

ביידע חברים זיינען געזעסן, געהילטע אין רויך, אָנגעלאָדענע מיט רייד — וועגן דער אַלטער און נייער היים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

סיגאַרעטן

פונקמאַן האָט אין העלן מיטוואָך זיך באַרעכנט: ער וועט אויפ־הערן רויכערן. וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט עס חוץ אַן איבעריקע הוצאה? און דערצו איז ער פון די קליינע פאַרדינער. שוין אַ פּאָר מאָנאַטן ווי עס טריקנט אים אין האַלז און אַ פוס האָט אים אָנגע־הויבן ציען... עס קומט פון דעם אָנגעזויגענעם ניקאָטין. ער האָט ניט איין מאָל געפּרואווט אַרויסלאָזן דעם רויך אויף אַ ווייסן טיכל. ער איז געבליבן דערשראָקן פון די געלע פליאַמעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויף דעם ווייסן צייג...

מען קען ניט לייקענען אַז דאָס רויכערן ברענגט ניט קיין פאַרגעניגן. אַן אָנגעצונדענער סיגאַרעטל איז ווי אַ חבר, אַ פריינט! דאָס פייער, די אַש, דער רויכל און דער דיגער אַראָמאַט! אָבער צוריק גערעדט: איז דאָס אַ שלעכטע דאַרבנדיקע געוווינשאַפט.

איז געקומען די צייט זיך צו באַפרייען. ער איז אַריינגעטראָטן אין די צייטיקע יאָרן. זיין גייסטיקער כוח איז רייף געוואָרן. און ער קען איבער זיך געוועלטיקן...

און כדי דורכצופירן זיין פּלאַן, האָט ער אַרויסגענומען דעם פאַרמאַכטן פּעקל סיגאַרעטס פון קעשענע: געלייענט די שריפט, די מעלות, וואָס דער טאַבאַק פאַרמאָגט...

ער האָט דעם פּעקל סיגאַרעטס אַוועקגעלייגט אויפן טישל, זיך פאַרטיפט אין טאָלסטויס אַ ווערק, וואו ער רעדט אַגב קעגן רויכערן, איבערגעלייענט אַ זייטל, האָט ער פאַרמאַכט דעם בוך, דערפילט אַ מידקייט און די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. ער האָט זיך פאַר־וואונדערט: שטונדן־לאַנג האָט ער געקענט לייענען דעם „רוסישן גראַפס" שריפטן. פאַרקערט עס פלעגן זיך אים אויפוועקן די שענסטע דעראינערונגען. ווי ווייטע אָפּקלינגענדיקע וואַלד־געזאַנגען, האָבן זיי זיך צו אים געטראָגן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרמאַכטן פּעקל סיגאַרעטס, אַ

שמייכל געטאָן... און זיך טאַקע באַלד גוט אויסגעשטראָפּט. עס וואָלט געווען פון אים נאַריש און קרום פּאַר איינמאָל זיך אָפּגע־וואוינען, ווען ער האָט יאָרן און יאָרן ניט אַרויסגעלאָזן דעם פּאַפּי־ראָסל פון מויל. — משיח וועט ניט פאַרשפּעטיקן, אַז עס וועט נעמען אַ וואָך! צו ביסלעך, פּאַמעלעך, טריט־ביי־טריט, וועט ער זיך אָפּגעוואוינען, פאַרגעסן אַפילו, אַז ער האָט אַמאָל געהאַלטן אַ סיגאַרעט אין האַנט...

ער האָט אויפגעהויבן דעם פּעקל סיגאַרעטן, ווי געוואויגן אין האַנט, פּאַמעלעך אויפגעריסן ביי אַ ברעג, אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּי־ראָסל מיט פיל ווירדע און עלעגאַנטקייט, ווי זיך געקליבן עמיצן מכבד זיין... לייכט צוגעטראָגן אַן אָנגעצונדענע שוועבעלע און אַ טיפן ציי־געטאָן, צוריק אַרויסבאַקומען דעם רויך אין רינגען. אויך דורכן נאָז געלאָזט פּאַמעלעך ריזלען צוויי קרומע, בלויע דינע זיילן רויך. גערויכערט פּאַמעלעך, אָפּגעטרייסלט אַלע ווייַלע די אַש אין אַ טעצעלע...

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיפן שטול, איז נאָך דער צימער איינגעטונקען געווען ווי אין נעפּל און ער האָט שאַרף גע־שפּירט דעם טאַבאַק־אַראָמאַט. — וויפל איז אין שמאָלן פּאַפּיראָסל איז פאַרבאָרגן שמעקעדיקער רויך!...

ער איז אַרויס פון הויז מיט אַ שטילן ניגון, זיך פאַרנומען דורכן שמאָלן וועג צום פּאַרקל. געווען צופרידן, וואָס ער האָט אי־בערגעלאָזן דעם פּעקעלע מיט די ניינצן סיגאַרעטן אין דער היים, כדי עס זאָל אים ניט מאָנען און נאָגן דאָס האַרץ איז ער צוגע־גאַנגען צו אַ „סטענד", זיך איינגעקויפט זויערע האַרטע צוקער־קעס...

אַריין אין פּאַרק, זיך אָפּגעשטעלט, געצויגן טיף דעם אָטעם. ער זאָל ניט פאַרפעלן אַלע טאָג קומען אין פּאַרקל, זיך אָנזופּן מיט דער ריינער שטאַרקער לופט — וועט ער נאָך ווערן אַ גבור!... וואָס פעלט אים? ער איז דין, גלייך ווי אַ סטרונע. די פינגער פון די הענט פלינקע, די אויגן קלאָרע, זעט גוט פון דער ווייט. ער האָט זיך געכאַפּט אין צייט אָפּצוגעוואוינען פון דער נאַכשלעפּעניש רוי־

כערן... ער האָט גליַיך אַרויסגעוויקלט אַ צוקערקע, אַריַינגעטאָן אין מויל. אַ סמאַקעצע געטאָן איינמאָל, צוויי, אַראָפּגעשלונגען — גע־לאַכט שטיל אויפן קול: אַ מחיה, עס פאַרמאָגט די מעלות פון אַ פּאַ־פּיראָס! עס צופּט ביי דער צונג, קילט דעם גומען. און דער גרינגער אַראָמאַט אַרום מויל.

און ס'איז ניט שעדלעך!... ער וועט דאָך אָבער ניט אַלע מאָל נעמען צוקערקעס. וואָס איז ער, אַ אינגל, אַ נאַשער!...

ער האָט געשפּאַצירט פּאַמעלעך, זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף אַ וועוויריקל, וואָס איז איבערגעלאָפן דעם וועג מיט נעגלדיקע פּיס־לעך און פּאַנאַנדערגעלאָזענעם עק. אין די קיילעכדיקע, פייערדיקע אויגן איז געלעגן שרעק און אומצוטרוי. עס האָט אַ קלעטער געטאָן אויף אַ שטאַם, אַרויסגעדרייט דאָס קעפּל, געקוקט אויף אים... האָט זיך מיט לאַנגע, געוואָגטע שפּרונגען אַריבערגעכאַפּט אויף צווייגן — פון איין בוים אויפן צווייטן. דערנאָך געבליבן זיצן אויף די הינטערשטע פיסלעך און מיט די פאָדערשטע געקאַמט די וואָנסן...

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט און פאַרקוקט? — האָט אים אַ באַקאַנטער קול געוועקט. — העלאָ, בראָנפמאַן! — זיך פאַר־קוקט אויף אַ וועוויריקל. וואונדערלעך זיינען גאָטס באַשעפעניש... דאָס גייט אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פעלצל, שפּייזט זיך און פירט אַרויס אַ דור.

אין אַ געוויסן אופן זיינען זיי אין אַ בעסערער לאַגע ווי די מענטשן, — האָט בראָנפמאַן פּאַטאַקעוועט — זיי זיינען פריי!!! — נאָ, נעם זיך אַ סיגאַרעטל, — האָט בראָנפמאַן געעפנט אַ זילבערנע פּושקע, וואָס אין ביידע טירלעך אונטער ברייטע גומעלאַסטיק זיי־נען געלעגן געפּאַנגענע די סיגאַרעטלעך.

— ניין, אַ דאַנק! — האָט אים פונקמאַן אָפּגעווענדט מיט דער האַנט. — זיך אָנגערויכערט היינט ווי אַ קוימען...

ער איז געווען צופרידן מיט זיין ביישפּיל... ווען בראָנפמאַן האָט פאַרקלאַפּט די זילבערנע פּושקע, האָט זיך פונקמאַנס קערפּער אַ נויג געטאָן און זיין האַרץ האָט דורכגענומען חרטה... ער שלינגט דעם בלויען רויכל פון בראָנפמאַנס סיגאַרעטל. ס'איז גאָר פון אַ

טייערן סאָרט!... און פונקמאַן האָט זיך באַהערשט ניט צו דער־ציילן זיין באַשלוס... אים וועט ער דערציילן, ווען ער וועט שוין זיין דער זיגער!... ניט נאָר וועט ער אים אויסזאָגן דעם סוד, נאָר ער וועט אויך ווירקן אויף אים ווי אַ פריינט ער זאָל אָוועקוואַרפן די ביטערנישן...

— יאָג זיך ניט, בראָנפמאַן! מיין זיידע פלעגט זאָגן: מען גייט פּאַמעלעכער קומט מען גיכער. געווען אַ קלוגער איד, און אַריינגעלעבט, אויף מיר געזאָגט...

בראָנפמאַן האָט אַ שמייכל געטאָן, אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשע־רישער אויג פונקמאַנען... — וואָס בין איך אַ טראַגנדיקע אידענע, איך זאָל ציילן מיינע טריט?... און גאָט צו דאַנק... אַ טאָג גייט אַריבער, אַ טאָג קומט, מיינע פּלייצעס זיינען מיר ניט שווער, און די פיס! איך וואָלט זיך נאָך פאַרמאָסטן מיט מיין צוואַנציק־יאָ־ריקן זון...

פונקמאַן האָט געוואָלט אויסשרייען אויף אַ הויכן קול: „בראָנפ־מאַן! ביסט אַלע מאָל געווען אַ באַרימער. אין דיין קול איז שוין אַ דין זעגעלע. אויף דיינע אָנגעבלאָזענע באַקן רויטע אָדערלעך. און מען דאַרף צו דיר ריידן אויף אַ געהעכערטן קול... אין אונזערע הייליקע ספרים איז פאַרשריבן: מען פאַרשעמט אַ פריינט איז ווי מען פאַרגיסט בלוט".

צו פאַרמיידן אַ שאַרף וואָרט, האָט פונקמאַן זיך אַ ווענד געטאָן:

— וואָס טוסטו אין מיין פּאַרק אין מיטן העלן טאָג?

— כ'האָב ניט געוואוסט, פונקמאַן, אַז ס'איז דיין פּאַרק. צייט איז ביי גאָט, ברוך השם, דאָ גענוג... האָב איך זיך מיישב געווען דורכלויפן דיין פּאַרקל, וואָס איז אַ שפּאַן די גרייס.

בראָנפמאַן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און איז אַוועק מיט גיכע טריט צום אייזערנעם טויערל פון פּאַרק.

„אַ מאָדנע באַגעגעניש", האָט פונקמאַן געטראַכט. „אַ פּראָ־אָדם, זיך ניט געביטן אויף אַ האָר. אַן אַלטער אינגל. באַרימט זיך, ליגנערט, און ווי דער ווינט אין פעלד: דאָ איז ער דאָ, דאָ איז ער דאָרטן. נאָך זיין באַגעגעניש וואָלט ניט געשאַדט פאַררויכערן אַ

סיגאַרעט. דאָס קליין פּאַפּיראָסל האָט אַ ווילדן כוח, עס פירט דיך אַרויס פון נודנע לאַנגווייליקע שטימונגען".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיין גאַנג און גענומען באַזוכן זיינע קעשענעס... ער וואָלט געווען צופרידן, ווען עס פאַרוואַלגערט זיך אַ סיגאַרעטל... ער וועט געבן צוויי־דריי פּולע צי און דעם ברענענדיקן סיגאַרעטל אַוועקפּיקן. ער וויל בלויז שפּירן דעם רויך אַרום זיין פּנים. אַלע קעשענעס אויסגעטרייסלט און ניט געפונען... חוץ אַ פּאָר שוועבעלעך, וואָס האָבן נאָך שאַרפער געצונדן זיין פאַר־לאַנג נאָך אַ סיגאַרעט.

ער וועט אַריינגיין אין דעם נאָענטן טעאַטער. דריי שעה וועט ער זיצן אײַנגעפּעסטיקט אין שטול און קוקן אויפן לייוונט. אַ גוט בילד פירט דיך אַרויס פון וואָכיקן לעבן. מען פאַרגעסט פון אַלץ...

ער איז צוגעקומען צום טעאַטער און זיך אַוועקגעשטעלט אין ריי, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט. דעם זילבערנעם האַלבן דאָ־לער אַוועקגעלייגט ביי דער קאַסע, און די יונגע מיידל, אין דער קליין־פאַרמאַכטער שטיבעלע, האָט אים דערלאַנגט אַ בילעט, אויך רעשטע אַרויסגעשאַרט מיט איר שמאָלער האַנט, דערביי אַ ליבן שמייכל אים געשענקט. פונקמאַנען האָט אַ וואַרעם געטאָן: איר יונג־קייט, איידעלע באַנעמונג, — זיין פּנים געפינט נאָך חן...

אין טעאַטער איז ער געבליבן שטיין פאַרלאָרן און אומבאַהאָלפן. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אים. — צום גליק האָט אַ מיידל מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל אין האַנט אים צוגעפירט צו אַ פּלאַץ. אויסגעטאָן דעם מאַנטל, זיך אַריינגעזעצט אין שטול, לויז געמאַכט דעם קאָלנער אַרום האַלז, זיך אַ פּאָך געטאָן מיט דער הוט.

אויפן לייוונט האָבן זיך אַ ווייז געטאָן די צוויי באַרימטע קאָמיקער, דער דיקער מאַן מיט אַ קליין האַרטן קאַפּעליוש אויפן שפּיץ קאָפּ און דער דאַרער מאַן מיטן פאַרוויינטן פּנים, מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש ווי אַ קעסל. דער עולם אין טעאַטער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. אויך פונקמאַן האָט אַ לאַך־געטאָן אין כאָר. שפּעטער האָט פונקמאַן געהילכט און אויפגעשפּרונגען פון שטול... — ער

קען זיי שוין יאָרן, די צוויי „קאָמיקער". שוין עלטערע חברה און מאַכן זיך אַזוי משוגע... זיין מיינונג: דער דיקער איז פלינקער ווי דער דינער. די צוויי קאָמעדיאַנטן האָבן אַרויסגענומען פייפקעס און פון גרויסע בייטלעך געשטאָפּט אין זיי טאַבאַק. דערנאָך האָבן זיי געגומען זוכן אַ שוועבעלע; דער דיקער ביים דינעם אין די קעשענעס, דער דינער ביים פעטן... דערנאָך האָבן זיי זיך צעלאָזן איבער אַלע ווינקעלעך פון שטוב. דער עולם האָט געקראַכט...

אָבער פונקמאַן איז געבליבן זיצן שטיל, אומרואיק און אור־מעטיק. ער האָט אויסגעוויקלט צוויי זויערע צוקערקעס... — „אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען" איז דער רויכערן. עס מאָנט ערגער ווי עסן, ווי טרינקען...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון טעאַטער. ס'איז שוין געווען נאַכט. אַנטקעגן טעאַטער האָט זיך געלויכטן אַ גרויסער שילד פון אַ רעסטאָראַן. אפשר נאָגט דאָס אַזוי אין האַרץ דער הונגער? פון אָנבייסן אַ לעפל וואָסער ניט געהאַט אין מויל...

אַריין אין רעסטאָראַן, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליין טישל, האָט זיך באַוויזן אַ קעלנער אין לייכטן ווייסן פידזשאַקל, מיט אַן אויפגעלייגט האַנטעכל אונטערן אָרעם.

— וואָס פאַר אַ סאָרט הערינג האָט איר?

— אַלערליי סאָרטן — ענטפערט דער קעלנער שטיל און איידל.

דער שאַרפער פאַרשפייז האָט געשטילט אין אים דעם פאַר־לאַנג נאָך אַ סיגאַרעט. אויך איז געווען אויסגעדרוקט אויף די ווענט „רויכערן פאַרבאָטן". די מעלדונג אויף די ווענט האָט אים צופרידן געשטעלט. עס ווייזט אויס, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד וועקט זיך.

איבער דעם גרויסן, טונקל־באַלויכטענעם ברייט־צעוואָרפענעם רעסטאָראַן זיינען געזעסן ביי די טישלעך איינציקע מענטשן און פּאָרלעך. אַ שטילער, גרויס־שטאָטישער עלנט האָט זיך אָפּגעצייכנט אויף זייערע פנימער. אין די קאָפּעען וואו מען רויכערט, מען טרינקט אַ גלעזל ביר און מען שמועסט הויך, איז וואַרעמער אויף דער נשמה...

געלאָזן אַ זילבערנע מטבע פאַרן באַדינער, זיך אָפּגעצאָלט ביים טיר, איז פונקטאָן אַרויס פון רעסטאָראַן, דורכגעגאַנגען אַ שטילע גאַס. איבערגעגאַנגען אַ קאַרנער, אַ צווייטן, איז ער שוין געווען לעבן זיין היים. אויפגעשלאָסן זיין צימער, געמאַכט ליכטיק, האָבן גלייך זיינע אויגן באַמערקט דאָס אָפענע פּעקעלע סיגאַרעטן אויפן טישל...

ער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אויפגעהאַנגען אין אַלמער. אויך פאַנאַנדערגעבעט דאָס בעט. אין צימער האָט געשמעקט מיט וואַרעמקייט און די עלעקטרישע ליכט האָט ווייך געשימערט און געגלעט.

ער האָט אַרויסגענומען פון שאַפע אַ בוך קורצע דערציילונגען. דער יונגער שרייבער איז אים אַביסל באַקאַנט. אייניקע דערציילונגען זיינע האָט ער געלייענט אין זשורנאַלן. די איינדרוקן ניט קיין קלאָרע. ער האָט ניט קיין באַשטימטע מיינונג. אין די צוויי טאָוולען וועט ער אים דערטאַפּן...

ער האָט אויסגעטאָן דעם רעקל, צעשפּילעט דאָס וועסטל, אויסגעטאָן די שיך, האָט זיך ריכטיק איינגעמאַשצעט אין שטול און גענומען אַריינקוקן אין דער פאָררעדע: — נאַריש, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין. צו וואָס הקדמות?! זאָלן די זאַכן אַליין פאַר זיך רעדן...

ער האָט פאַרמאַכט דעם בוך און געבליבן אין שטילקייט. אָבער דאָס פּעקעלע סיגאַרעטס האָט איצט ניט נאָר באַוועגט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, נאָר ווי אַ געהיימע שפּראַך האָט דאָס געהאַט.

„ס'איז שוין די העכסטע צייט צו נעמען אַ צווייטן סיגאַרעט איינצושטילן דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג".

אים איז איינגעפאַלן אַ גוטער פּלאַן: ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויפגעזוכט דאָס שערל, האָט ער אַלע סיגאַרעטס פון פּעקל אַרויס־געשאָטן און זיי צעשוירן אין דער העלפט. אַ גרויסע פרייד האָט אים באַהערשט. ער וועט געבן עטלעכע צי און אויס, ווי אַ גרינגער שפּיל וועלן שוין זיין די האַלבע סיגאַרעטלעך...

ער האָט אַרויסגענומען דעם ציגאַרן־שפּיצל, אַריינגעשטעקט לייכט דעם האַלבן סיגאַרעטל, צוגעטראָגן די אָנגעצונדענע שווע־

בעלע. דעם ערשטן צי אַרויסגעלאָזן פאַר גאָר ניט. — די מענטשן, וואָס פאַרשטייען דעם טעם פון רויכערן, ווייסן, אַז דער ערשטער צי איז אויסגעמישט מיט דעם ריח פון דער שוועבעלע. אויך דער טאַבאַק איז אין דער הייך אויסגעוועפּט, וואו דער פּאַפּיראָס איז אָפן... — ווידער האָט ער אַ מיש געטאָן דעם בוך און דער נאָמען „דער פאַרשלאָסענער צימער" האָט אים צוגעצויגן. טאָקע פון דער ערשטער שורה אים אַריינגעצויגן אין לייענען. לייענענדיק האָט ער אַריינגעשטעקט נאָך אַ האַלבן סיגאַרעט אין דעם ליידיקן ציגאַרן־שפּיצל...

איבערגעלייענט די דערציילונג, איז ער געגאַנגען הין־און־צוריק אין צימער. „אַ כוח פון אַ יונגן חברה־מאַן!" האָט ער גע־טראַכט וועגן שרייבער, „וואו האָט ער גענומען אַזאַ רייכע אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דער נאַטור, אַזאַ טיפע דערפאַרונג מיט מענטשן?..."

פונקמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך אַ בייג געטאָן אויף צוריק. שוין האַלבע נאַכט! ער איז איינגאַנצן פון שלאָף אויס־געטאָן. אָבער די שפּעטע שעה פאָדערט, רעדט פון רו...

ווען ער האָט זיך איינגעוויקלט אונטער די דעקעס אין בעט, האָט דער שלאָף אויף אים גענידערט און האָט אים איינגעשטילט ווי אַ קליין, שוואַך קינד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ וועלט אין צימער

פּעי האָט זיך געטשוכעט, די אויגן געעפנט און פאַרמאַכט. ווען זי האָט געעפנט די אויגן ברייט, האָט זי געקוקט פאַרוואונדערט... איר יונגער אויסגעשלאָפענער פּנים, האָט געשמייכלט באַ־חנ׳ט. אירע הענט זיינען אַרויסגעשוואומען פון איר זיידענעם קאָפּטל, קלאָרע, דורכגענומענע פון שלאָף. זי האָט געוועקט דייווידן, איר מאַן:

— גענוג צו שלאָפן! די זון איז שוין אין די פענצטער.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען פּעי מיט דייווידן אַרומגעגאַנגען אי־בערן גרויסן, געראַמען צימער, ווי אָדם און חוה... אין באָד־צי־מער האָט דאָס וואַסער געפּלייצט, פון צוויי ניקלנע, ברייטע קראַנען. קאַלטע און הייסע וואַסער האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין וואַנע. און אַ פאַרע האָט פאַרהויכט דעם שפּיגל.

פּעי האָט פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ ריינעם האַנטעך, אויס־געשלאָגן אין ווייכע פערפעלעך.

— זאָם זיך ניט, די קאַפע קאָכט. דערשמעקסט דעם אַראָמאַט?

ביידע האָבן געלאַכט אויפן קול.

שפּעטער זיינען דייוו און פּעי געזעסן ביי אַ קליין טישל אויף וועלכן עס זיינען געלעגן צעשניטענע מאַראַנצן, וואָס זייער זאַפט האָט פאַררונען די שעלעכלעך, און קאַוויאַר וואָס האָט אויסגעזען ווי מאָן. פּעי האָט זיך געברוגזט... ער האָט זי פון די קאַפּריזן אַרויס־געפירט, זי געמאַכט צום לאַכן.

— ענטפער דעם טעלעפאָן, דייוו! איך האָב געפילט אַז זי וועט מיר היינט רופן, מיין קוזינע.

— וואָס פאַרבעטסטו איר ניט אַמאָל צו אונז? — האָט פּעי ניט מיטן פולן האַרצן אַרויסגעזאָגט. און כדי עס צו פאַרדעקן, האָט זי מיט אַ פינגער צוגעקלאַפּט אויף די געפעס...

— דייוו, וואָס זיצסטו פאַרטראַכט?

— דאָס קוויטשען פונעם הינטל גייט מיר איבער די נערוון.

— דייוו האָט זיך אויפגעהויבן, געעפּנט די טיר פון אַלמער. אַ קליין, ווייס הינטל איז אים אַנטקעגן געשפּרונגען, נאָך אים אַ געפלעקטע קאַץ, אַן אַנגעוואָרעמטע, וואָס האָט זיך געצויגן און געמרוקעט. — שטיל זאָל זיין! — האָט דייוו גערעדט צו זיי — אַ גאַנצע נאַכט ניט געגעסן, האַ? — דאָס קעצל מיטן הינטל האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די קעפּלעך אין שיסל. זיי האָבן געדרייט מיט די עקלעך, געוואָר־טשעט. דאָס שיסעלע האָבן זיי אויסגעלײַדיקט. אויסגעוואַשן מיט די צינגעלעך. דערנאָך האָבן זיי זיך געשפּילט. דאָס ווייסע הינטל איז געלאָפן אין אַ ראָד ווילד אַרום דער קאַץ. און זי האָט אים ווייך, אָן נעגל, געשלאָגן. דאָס שלאָגן ווייך מיט איר לאַפּקע, האָט דאָס הינטל ווילד געמאַכט. ער האָט זיך פּאַנאַנדערגעיאָגט איבערן צימער. און קו־מענדיק נאָענט צו דער וואַשנדיקער קאַץ, איז ער איבער איר גע־שפּרונגען. דייוו און פּעי האָבן זיך צעלאַכט אויפן קול. דייוו האָט אַרויסגעכאַפּט די באַרשט פון פּעיס הענט און מיט פלייס געריבן די ווענט.

— ניטע! ניטע! — האָט פּעי געריסן ביי אים די באַרשט.

ער האָט זי אַרומגענומען. אַ פאַרשעמטע פרייד האָט איר פּנים גע־צונדן. זי האָט געשציפּעט זיינע באַקן, געוויזן כעס אין אירע אויגן:

— לאָז אָפּ, דייוו! גיב עסן דעם פויגל, די פיש. אַלע מאָל דאַרף מען דיך דערמאָנען! — פאַרשעמט און ווי פאַרשולדיקט האָט דייוו אָוועקגענומען פּעיס הענט און געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל געזען.

דאָס קליין הייזעלע פונעם פויגל איז געווען איינגעדעקט מיט אַ ליילעך. דייוו האָט אַראָפּגעצויגן דעם אויבערדעק. דאָס געל קאַ־נאַריקל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאַמע אויבערשטער הוידלקע. ער האָט אַ ציי געטאָן די פליגעלעך, וועלכע זיינען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט געבונדן אין שלאָף. דייוו האָט דאָס שטייגל צוגעטראָגן נאָ־ענט צום פענצטער... דאָס קאַנאַריקל האָט גענומען פלאַטערן, זיך אָנגעשלאָגן אָן די דראָטענע ווענטלעך, געשאַרפט דעם שנאָבל רעכטס און לינקס און געפּיקט לייכט אויף זיינע נעגלדיקע, ראָזע פיסלעך, ער האָט דורכגענישטערט זיינע פעדערלעך, צעלאָזן דעם עק. דער־

נאָך האָט ער געוואַשן דאָס קעפּל אין פרישן וואַסער. ער האָט אַרויס־געכאַפּט אַ קערנדל, אים געשפּאָלטן מיטן שנאָבעלע, דעם שאָלעכץ אַרויסגעוואָרפן און דאָס הוילע קערנדל אײַנגעשלונגען.

פּאַרטיק געוואָרן מיטן פויגל איז דייוו צוגעגאַנגען צום גלעז־זערנעם באַסיין, וואו צוויי פישלעך זײַנען געשלאָפן אויפן גרונט, צווישן ליכטיקע שטיינדלעך. די קליינע שטומע באַשעפענישן האָבן דערשפּירט, אַז זייער ברויט־געבער איז לעבן זיי... ווען דייוו האָט אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע ברעקלעך, און די אויבערשטע פלאַך פון וואַסער האָט אויפגעציטערט, האָבן זיך די פישלעך אַ הייב געטאָן פון גרונט, זיי האָבן געשוואומען, זיך געקערט אויף די בייכלעך. און מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע מײַלכלעך געשלונגען די ברעקלעך, זיי גלייך אויסגעשפּיגן און צוריק פאַרשלונגען.

פּעי איז אויך ניט געשטאַנען ליידיק: זי האָט באַגאָסן די וואַזאָנעס. די פלאַנצן האָבן זיך אויפגעכאַפּט, דערפילנדיק אין זייערע וואָרצלען אַ פייכטקייט. אַלערליי ערדן זײַנען דאָ געווען אין די וואַזאָנעס. פון פאַרשיידענע, ווייטע לענדער, האָבן די פלאַנצן געגרינט, זיך אָנגערירט מיט די בלעטער. פּעי האָט אָפּגעשטויבט די בילדער פון די ווענט. מיט אַ ווייסן ציכל האָט זי געווישט די ראָמען און מיט אַ רערל אין מויל האָט זי דעם שטויב אַראָפּגעבלאָזן. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט בילדער פון אַלע פיר צײַטן אין יאָר. אויף איין בילד האָט זיך געזען: אַ כמורנעם, טויבן, ווילד־פאַר־סוד׳עטן וואַלד. אויף אַ צווייטן בילד: אויף אַ ווייט פאַרשנייטן פעלד אַ הונגעריקער וואָלף.

—דייוו, גיב נאָר אַ קוק אויף די וואַזאָנעס, ווי זיי האָבן דאָס אַ וואַקס געטאָן.

אָבער דייוו האָט ניט קלאָר געהערט וואָס פּעי האָט צו אים געזאָגט. ער איז געזעסן ביים טיש, מיט ליניקעס און צירקלען און פאַרשניצטע בלײַפעדערס. ער האָט געצייכנט אויף אַ גרויסן ווייסן פּאַפּיר אַ פּלאַן... כדי אים ניט צו שטערן, איז פּעי אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק און אַרויסגענומען אַ בוך פון אַ נאָרוועגישן שרײַבער. זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ווייכן

שטול, און אין טיפער שטילקייט פאַרנומען די בילדער, וואָס זיינען געלעגן איינגעכישופט אינעם בוך... עס האָבן איר געגליט די באַקן. איר האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרקער... זי האָט פאַרמאַכט דעם בוך און געבליבן זיצן פאַרטראַכט. געדוכט האָט זיך איר, אַז איר דייוו איז איצט זייער ווייט פון איר. אַ שיינער, פרעמדער יונגערמאַן זיצט ביי איר אין צימער.

דורך די פענצטער פון צימער איז דער פאַרנאַכט אַנגעלאָפן. די זון, גרויס, מיט אַ געלאָשענעם פייער, האָט זיך געטשעפּעט אויף די שפּיצן מויערן. דאָס קאַנאַריקל האָט איינגענורעט דאָס קעפּל צווישן די פליגעלעך. דאָס הינטל מיט דעם קעצל האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל. די וואַזאָנעס האָבן זיך ווי צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן, טונקל־סאַמעטענעם בלאָט. די בילדער פון די ווענט האָבן זיך איינ־געוויקלט אין נעפּלען. דייוו און פּעי זיינען געזעסן געטוליעטע, שווייגנדיקע. אויף דער ראַדיאָ האָט אַן אָרגל געשפּילט. נידעריקע און דינע טענער — ווי פון פּילע און פאַרשיידענע שפּיל־כלים — האָבן אָנגעפּילט די וועלט פון צימער.

אַ געראַטעוועטער ברודער

דראַפּקין האָט מיט ציטערדיקע הענט געהאַלטן דעם בריוו וואָס איז געלעגן פֿאַרזיגלט אין אַ בלויען קאָנווערט אָן אויסגעשטעמפּלטער, אַ פֿאַרפּלייצטער מיט מאַרקעס.

ער האָט אויפגעזוכט די ברילן, פּאַמעלעך אויפגעריסן דעם קאָנווערט. צוויי בייגעלעך פּאַפּיר, פֿאַרשריבענע מיט געצוקטער, דראַבנער שריפט... נאָך אַזוי פֿיל יאָרן צעשיידטע, בריוולאָזע יאָרן, האָט ער דערקענט זיין ברודערס האַנטשריפט. יעדער וואָרט האָט גערעדט ווי אַ לעבעדיקע צונג.

געלויבט ביסטו, גרויסער גאָט — כאָטש איין ברודער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. ער האָט פּאַמעלעך געלייענט וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה. געשנייצט די נאָז, די טרערן געווישט מיטן ווייסן טיכל, געזעסן אָנגעלענט צו ברענגען רו זיין האַרץ.

— וואָס איז געשען, מיסטער דראַפּקין? — האָט זיך דאָס ווייב, מיט דער ערשט אויסגעבאָדענער ראָזעווקייט אין די באַקן זיך אַ טוליע געטאָן.

— גוטע נייס, באַשקע! מיין אינגסטער ברודער לעבט!... ער וועט ערשט קומען צום לעבן, כ׳וועל אים אַריבערנעמען אינעם גאָלדענעם לאַנד!

— וואו וועסטו נעמען געלט, מיסטער דראַפּקין?

גאָט איז אַ פֿאָטער... מיט אַ ווייב דאַרף מען צופֿיל ניט ריידן... — ער האָט אויפגעזוכט אַ ספֿר, אַראָפּגעווישט דעם שטויב. זיין ווייב זאָל געזונט זיין איז אָן אויפגעראַמטע. עס בליאַסקען די פענצטער ווי שפּיגלען. אַ פֿרישער גלאַנץ אויף די מעבל. שטויבט אַפֿילו אָפּ די וואַזאָנע בלעטער. נאָר די אַלטע ליבע ספֿרים — אויף זיי קוקט זי ניט. די קליינע שוואַרצע ווערטער זיינען איר פֿרעמד. זי באַנעמט ניט וואָס מאַנסבילן קוקן אַריין אין ספֿרים און זינגען מיט אומעטיקע ווייטע ניגונים וואָס מאַכט קעלטערן; ווי פֿון ווייטע

וועלטן וואָלטן זיי געצויגן די ניגונים... דעמאָלט איז ביי זיי דאָס ווייב קיין ווייב, די קינדער קיין קינדער ניט.

אמת, זינט דראַפּקין איז אין דעם נייעם לאַנד, האָט ער די ספרים פאַרשטופּט. ער איז דאָ געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך... ער יאָגט זיך אַוועק מיטן פרימאָרגן אין זיין שאַפּקע. קומט צוריק שפּעט. אַ מידער, אָן אויסגעשעפּטער. זיין גוטע געטרייע ווייב באַגעגנט אים אַ מונטערע, אַ שמייכלענדיקע. אין קיך שמעקן די פּאַטראַוועס. אמת אין דער היים ווערט ער אַ בן־מלך: ער וואַרפט אַראָפּ די שיך. זי דערלאַנגט אים די גרינגע פּאַנטאָפל, פאַרפלדיקע האָנטעכער מיט אַ שטיק שמעקנדיקע זייף. ניט צו פאַרזינדיקן, ער גיט זי אויף אַלעם גוטן. אַ גרייטער דאָלער אין האַנט־טעשל, ניט קיין געציילטער... אין אַלמער הענגט אַ גוט פוטערל, צירונג און שופ־ליאַד. זי קומט מיט דראַפּקינען ערגעץ, לופּן די ווייבער אויגן אויס...

דער איינציקער חסרון: ער קומט פון זיין שאַפּקע אַ מידער. רעדט ווייניק. שלינגט אָפּט פּילן, אָבער פון איין פּאַטראַווע צו דער צווייטער ווערט ער פריילעכער, אויפגעלעבטער, דערציילט אַ נייעם וויץ, שענקט איר אַ קאָמפּלימענט. און ווען ער זיצט אין ווייכן שטול אין גרינגע שלאָף־זאַכן, שמייכלט ער ווי אַ קינד.

יאָ, וואָס מען לערנט אין דער יוגנט, דאָס ליגט טיף איינגע־אַקערט און פאַרקריצט אין זכרון. זיי צינדן זיין מאָגער בלוט. די פּסוקים אַרומגעזוימטע מיט קליינטשיקע אויתיותלעך פון אַ סך מפרשים. זיי טראָגן אים איצט ווי אויף פליגל דורך פאַרגאַנגענע דורות. זיי שטייען אויף תחית־המתים. זיי ריידן מיט שטימען — קלוגע, טיפע רייד... ער טראָגט זיך אַריבער אין זיין אַלטער היים. זיינע יונגע יאָרן הערן אויף. די בתי־מדרשים, ישיבות... די מיד־קייט שווערט אויף אים. ער פאַרמאַכט דעם ספר, זיצט אַ געבויגענער.

— מיסטער דראַפּקין! — קלינגט זיין ווייבס קול — גיי רו זיך אָפּ בעסער.

יאָ, אין זיין היים פּאָלגט ער איר ניט ווי אַ מאַן, נאָר ווי אַ קינד. זי ווייס: ער טראָגט אַ שווערן יאָך. אין די ווינקלען פון זיין היים שטילן זיך די זאָרגן. אַלץ איז פאַר אים גרייט: דער געפּרעס־

טער אָנצוג, ריינע סקאַרפּעטקעס, אַ פּריש אויבערהעמד. מען האַלט אַרבעטער און פאַרשידענע סוחרים קומען דורכן טאָג. מוז מען זיך אָנטאָן לייטיש. מען מוז זיך אויסטיילן פון די אָנגעדונגענע אַרבע־טער, וואָס גייען אָנגעטאָן אין פאַרטעכער, אין „אָוועראָלס". אַפילו דער ציגאַר אין מויל גיט צו חשיבות. אַזוי איז שוין אונזער וועלטל איינגעטיילט — באַלעבאַטים און אַרבעטער, רייכע און אָרעמע...

זיין שאַפּקע גיט אים לעצטנס מער זאָרג ווי פּרנסה. אַרבעטער זיינען אומצופרידן. גרויסע באַלעבאַטים טרייבן אַרויס די קליינע. זייערע שעפּער זיינען ליכטיקע, ביי זיי איז זומער קיל און ווינטער וואַרעם. ביי זיי דרייען זיך מאַשינען אַ קיילעכדיקן יאָר... דראַפּקין האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. די ליכטיקייט איז פּלוצים אַנטלאָפן פון צימער. ער איז געלעגן אויפגעוואַכט, צערודערט. פון זיין ברו־דערס בריוו האָט ער זיך קלאָר דערוואוסט: פון זיין גאַנצער משפּחה איז זיין ברודער דער איינציקער פאַרבליבן. דער געראַטעוועטער ברודער האָט ווי אַ שטראַל דורכגעליכטיקט זיין שווערן צער. אם ירצה השם מאָרגן פרי וועט ער זיך אָוועקלאָזן אין אַלע אינסטי־טוציעס. צוליב ראַטעווען אַ נפש איז רעכט צו בלייבן אין איין העמד...

ער איז מקנא זיין ווייב. ווי יעדע נאַכט אין דער זעלבער צייט געגאַנגען שלאָפן. אים איבערגעלאָזט אַלע זאָרגן...

אים האָט זיך געדוכט ער איז נאָר וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן — שוין האָט דער וועק־זייגער געקלונגען. ווינט איז געווען אין זיין אָנטאָן, דער קאָפּ פול מיט פּלענער...

אין באַן האָט ער ניט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג. ער האָט געהאַלטן געשלאָסן די אויגן — געטראַכט וועגן זיין געראַטעוועטן ברודער. ער האָט געשריבן אין בריוו: ווען ס'איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אין דער היים אין בעט, האָט מען דער משפּחה אָפּגעגעבן מזל־טוב...

ס'איז ליכטיק געוואָרן אין די פענצטער. די באַן האָט זיך גע־צויגן איבער דער ברוקלין בריק. שווערע טראָקס אויף אָנגעבלאָזענע גומענע רעדער זיינען געפאָרן איינע הינטער די אַנדערע. אויפן טייך האָבן באַרזשעס און שיפן געאַקערט אין זילבערנעם וואַסער. די ערד

איז פֿאַרשאָלטן. אַ קללה הענגט איבער די מענטשן, זיי וואָלטן גע־דאַרפֿט פֿאַסטן, זיך רייניקן...

ער האָט איצט געוואָלט לויפֿן אין זיין שאַפֿקע — ניט אָנצינדן די לאָמפּן, לאָזן די מאַשינען לויפֿן. ער האָט געוואָלט שרייען צו די אַרבעטער: גייט אַהיים, זעצט אייך אויס אויף נידעריקע קעסטלעך, טוט אַרויף זעק אויף אייערע לענדן, אַש אויף אייערע קעפּ, טרויערט אויף אייערע ברידער און שוועסטער, אויף די קליינע קינדער און זקנים. ער איז צוגעקומען צום. שאַפּ. מיט שטרויכלענדיקע קני האָט ער זיך געהויבן אויף קרעכצנדיקע הילצערנע טרעפּ.

אין שאַפּ האָט נאָך געגעכטיקט די פֿינצטערניש. דער זייגער אויפֿן וואַנט האָט געשפּאָלטן די שטילקייט. דורך די פֿענצטער פֿון שאַפּ האָבן זיך געזען הויכע טורעמס. איינע איבער די אַנדערע, געדיכט צונויפֿגעדריקטע.

אַזעלכע מחשבות קענען פֿון זינען רירן. גוט וואָס די עטלעכע אַרבעטער זיינען האָבן זיך באַוויזן.

זיינע טעג און יאָרן זיינען ביז איצטער געפֿלאָסן ווי מוטנע רינעס נאָך אַ רעגן. די וואָכעדיקע טעג זיינען אויסגערויכערט גע־וואָרן אין האַרעוואַניע, די נעכט אין רו און שטילקייט. דעם איין טאָג זונטיק, פֿלעגט ער אַ האַלבן טאָג פֿאַרשלאָפֿן, דעם צווייטן האַלבן טאָג האָט ער מיט זיין ווייב פֿאַרבראַכט אין מואווי־טעאַטער אָדער געפֿאָרן צו משפּחה, צו אַ לאַנדסמאַן, דורך די פּאָר צענדליק יאָר איז ער דאָ געוועזן אויף צוויי חתונות. האָט אים דאָס ווייב געגרי־זשעט, אַז ער האָט ליב זיך אויספּיינען, שטעלן גרויס...

דער אמת, אַז די חתונות זיינען אַן אָפּקומעניש. אַזוי פֿיל ליכט אין זאַל, שפּיגלען. אויף די פּאָדלאָגע — אַ גליטשיקע. מחותנים אין צילינדערס, אין פֿראַקן. מיט ווייַנען און שנאַפּסן גיסט מען ווי מיט וואַסער. אַלץ איבער דער מאָס.

אין דער אַלטער היים האָט דאָס לעבן געשפּילט און געזונגען. מען האָט געהאַט צייט פֿאַר גאָט און פֿאַר לייטן. מען דאַרף ניט די גרויסע שטעט מיט די בעטאָן מויערן, און שטיינערנע גאַסן. די ערד איז געגנוג גרויס...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. ערשט אַ האַלבע שעה זיינע אַרבעטער זיינען געקומען. וואָס ער האָט שוין באַוויזן איבער־טראַכטן...

ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, די הוט, איז אַראָפּ אין גאַס.

— געלויבט איז גאָט ווי די גאַס איז ניט פֿאַרבויט, זעט מען דעם הימל. אָט איז אַן אַלטער מאַן, — עסט ווי אַ פֿייגעלע, רירט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע. די אַלטיטשקע זיצן איינגעוויקלטע, איינגעוואָ־רעמטע און זופּן לופֿט. ניין, חיות, אייביק לעבן... אַ גרויסער נס האָט מיט אים געטראָפֿן. זיין ברודער האָט זיך געראַטעוועט. ער וואָלט אים שוין געוואָלט זען. זיי וועלן שפּאַצירן אַקסל צו אַקסל. פֿירן שמועסן פֿון יענע יאָרן. ער וועט טאַקע שוין צופֿאָרן צום „האַיאַס".

די שטאַטיקע גאַסן געפּליאַסטערטע, גלייכע. מיט טראָטואַרן פֿון ביידע זייטן, וואו מענטשן גייען ווי אויף אַ פּאַראַד.

ווען ער האָט איצט די גראַבע מטבעות, איז רעכט אין אַ פּאָר וואָכן איז זיין ברודער דאָ...

ער איז צוגעקומען צום דעם אַלטן ברייטן אָפּגעשיילטן מויער מיט די פֿאַרשטויבטע פֿענצטער. די געביידע קוקט אויס ווי אַ בית־מדרש. אידן גייען אַריין דורך ברייטע טירן, שטייען אין דרויסן און שמועסן. מיט אַ נומער אין האַנט האָט זיך דראַפּקין אַוועקגע־זעצט אויף איינעם פֿון די לאַנגע ברוינע בענק. אַנטקעגן ביי טישן זיינען געזעסן די באַאַמטע. זיי האָבן געשריבן אין פּאַפּירן, געפֿירט געשפּרעכן אויפֿן טעלעפֿאָן. זיי האָבן ערנסט־שטיל גערעדט צו די מענטשן וואָס זיינען געזעסן לעבן זיי.

דראַפּקין האָט דורכגעלייענט די אידישע צייטונג פֿון אַלע זייטן. אויך אַריינגעקוקט אין אַנאָנסן, אין מעלדונגען וועגן געשטאָר־בענע — די אידישע וועלט שפּיגלט זיך אין צייטונג...

ער האָט זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון בית־המדרש, פֿון ספֿר, אַפֿילו פֿון אַ אידישער צייטונג. וואָס אים איז געבליבן? דער נאָמען דראַפּ־קין... משה־בער! אַפֿילו צו דער סאָסייעטי פֿון די לאַנדסלייט קומט ער ניט. זיין ברודער וועט זיך געוואונג אָנווייענען וואָס ס'איז געוואָרן פֿון משה־בער, וועלכער האָט אין דער אַלטער היים דעם

ספר ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט. ער איז דען איינער אַזוי פאַר־וואַקסן מיט מאָך? ניט קיין גוי, ניט קיין איד.

ער איז אַזוי ווייט פאַרגאַנגען אין מחשבות... מען האָט עטלעכע מאָל אויסגערופן זיין נומער. דער איד לעבן אים האָט אים אַ טאַרקע געטאָן: ר׳ איד, ס׳איז אייער ריי.

—זיצט, — האָט דער פרעמדער מאַן מיטן הויכן שטערן און פריינטלעכן שמייכל אָנגעוויזן אויפן שטול.

דראַפּקין האָט אַרויסגענומען זיין ברודערס בריוו און מיט ציטערדיקע הענט עס אָוועקגעלייגט אויפן טיש...

— מיין ליבער פריינט, — האָט דער פרעמדער מאַן גע־שמייכלט — מיר האָבן ניט קיין צייט אויף לייענען בריוו. דערציילט אין קורצן וואָס איז אייער פאַרלאַנג?... אין דראַפּקינס האַלז האָט זיך פאַיאָוועט אַ הוסט ער האָט זיך אַזש פאַרגאָסן מיט טרערן, איידער ער האָט האַלב אין ענגליש, האַלב אין אידיש אַרויסגעבראַכט זיין טענה.

— באַרואיקט זיך. איר זענט אַ בירגער אין דעם לאַנד?
— אַוודאי, אַוודאי, — האָט דראַפּקין געזונגען.
— פון וואָס מאַכט איר אַ לעבן.
— אַ ביזנעס־מאַן.
— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט!... וויפל זענט איר אַלט?
— נאָענט צו פופציק.
— פיין, פיין, ווי לאַנג זענט איר אין אַמעריקע?
— איבער אַ פאַר צענדליק יאָר.

זייער גוט! זייער גוט!... איצטער אַ ביסעלע אַ דעליקאַטערע פראַגע: די גרינע לאַקשן?...

— זאָל נאָר האַלטן דערביי, — האָט דראַפּקין מיט זיכערקייט געענטפערט.

דער באַאַמטער האָט אים נאָך לאַנג אויסגעפרעגט, פאַרשריבן מיט דער גראָבער פאַונטן־פען אויף די געלינעוועטע בויגנס פאַפּיר. ער האָט די פאַפּירן געשטעמפּלט. דערנאָך געהייסן דראַפּקינען חתמענען זיין נאָמען. דער באַאַמטער האָט די פאַפּירן פאַרזיכטיק צו־

זאַמענגענומען, אַרויפגעטאָן קלאַמערן. — נו, גייט געזונט, מיר וועלן אייך אינגיכן לאָזן וויסן...

אין דרוסין האָט שוין לייכט געטונקלט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין שאַפקע, וואָס האַלט אים געבונדן, די צייטונגען ריידן וועגן אַ גענעראַל־סטרייק. פאַר די גרויסע העכט האָט ער זיך פאַר־זאָרגט... אָבער אַזעלכע קעצלעך ווי ער, אויב דער סטרייק וועט זיך פאַרציען, וועלן זיי מוזן אויפהענגען שלעסער אויף זייערע שע־פער... ניין, אַ מענטש טאָר אַזוי ניט טראַכטן. דער חלף ליגט נאָך ניט אויפן האַלז. דערוויייל איז אויף די אַרטיקלען וואָס ער מאַכט אַ גרויסע נאָכפראַגע. פאַרקערט, אים פעלט אויס אַרבעטער.

אויף די הילצערנע טרעפ צו זיין שאַפקע האָט זיך דראַפּקין געהויבן מיט טומל. זאָלן זיינע אַרבעטער וויסן אַז זייער בעל־הבית קומט. ער טראָגט גענוג זינד אויף זיך. ניט איינמאָל האָט ער זיך אַריינגעגנבעט דורך דער הינטערשטער טיר... ער האָט דורכגע־טראָגן די שטיקער סחורה דורך דער לענג פון שאַפּ. זאָלן זען די אַרבעטער אַז זייער בעל־הבית סטאַרעט זיך...

אינעם אָפיסל,ביים טעלעפאָן האָט ער געפונען אַ פאַרשריבן צעטל — ווער עס האָט געקלונגען... ער האָט ניט וואָס צו זינדיקן קעגן זיינע אַרבעטער; טאָמער האָט ער אַ שטיקל סטיטשקע — פאַרגיט מען, פאַרגעסט מען. פאַרקערט, זייער דאָליע איז ניט גע־הויבן, צו אַרבעטן ביי אַזאַ בעל־הבית ווי דראַפּקין...

אַ ווײַלע אַרום האָבן די אַרבעטער אָפּגעשטעלט די מאַשינען. אין שאַפּ איז געוואָרן שטיל. זיי האָבן אויסגעלאָשן די לאָמפּן. אין שאַפּ האָט ווי אַ וואָלקן אַראָפּגענידערט. באַלד זיינען זיי געשטאַנען אין ריי, געקלונגען ביים זייגער זייערע קאַרטלעך.

ווען די אַרבעטער האָבן ניט געסטייעט, האָט נאָך דראַפּקין געהערט ווידער־קולות פון מאַשינען, שערן. האַ! ער איז זיי מקנא. אמת, זיי זיינען געזעסן צוגעשמידט צו די מאַשינען, אונטער אַ נידעריקן דאַך, פאַרשטויבטע פענצטער, געמאַטערט זייערע הענט, געבויגן די פלייצעס. אָבער איצטער זיינען זיי פרייע מענטשן אָן זאָרג. זאָל זייער בעל־הבית ברעכן דעם קאָפּ. ער ווייס וואָס די

אַרבעטערריידן און פּילן. געוועזן אַן אַרבעטער. זאָל אים נאָר זיין אַזוי פיל ברכות, וויפל קללות ער האָט זיינע באַלעבאַטים אָנגעוואונטשן...

—אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר דאָס? — איינער איבער דעם אַנדערן רייט. איינער איבערן אַנדערן פּאַכעט מיטן בייטש...

מיט אַמאָל איז דראַפּקינען איינגעפאַלן אַ געדאַנק וואָס האָט אים שטאַרק דערשראָקן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, געווישט דעם שטערן, געטרונקען וואַסר און זיך אַביסל איינגעשטילט. ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. עס שטייט דאָך ניט אין סכנה קיין מענטשלעכע לעבן. יאָ, ער וועט פאַרברענען דעם שאַפּ. און פאַרן געלט וואָס די פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַניע וועט אים אויסצאָלן, וועט ער ראַטעווען זיין געראַטעוועטן ברודער. יאָ, די מצוה איז אַ סך גרעסער ווי די זינד...

ער האָט אָפּגעשניטן אַ שטריקל, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. יאָ, עס האַלט אויס די פּראָבע... דאָס שטריקל רויכערט. ער האָט געקוקט אויפן זייגער. דערנאָך אויסגעמאָסטן וויפל עס איז אָפּגעסמאַליעט געוואָרן אין פינף מינוט. ער האָט באַלד צעטראָטן דאָס רויכערדיקע שטריקל. דערנאָך האָט ער גערעכנט, געשריבן אויסגערעכנט ווי לאַנג עס דאַרף זיין דאָס שטריקל, אַז פּונקט דריי אַזייגער בייינאַכט זאָל אויסברעכן דער פייער...

נאָך דער קליינער אָפּעראַציע איז ער געזעסן און געסאָפּעט שווער. אַז ער האָט געהערט טריט אויף די טרעפּ, האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן. — די טריט זיינען אַוודאי פון אַ באַלעבאָס וואָס האָט פאַרשלאָסן זיין שאַפּ. — דראַפּקין, מען דאַרף זיך צוביילן, — האָט ווי אַ שטים גערעדט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויפגעזוכט אַן אויפגעלייגטע שטיק וואַטע, אָנגעגאָסן אַ ביסל נאַפט, עס זאָל ניט דורכרינען קיין שפּורן זאָלן ניט בלייבן, צווישן די וואַטע פאַרשטעקט עטלעכע שוועבעלעך, די וואַטע אַרויפגעלייגט אויף דער פּאָליצע. אַריינגעטאָן דעם לאַנגן שטריקל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען כמעט ביז דער פּאָדלאָגע. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך גוט

אַרומגעקוקט. געגומען דעם שליסל, האָט ער אויף שנעל אַ צינד געטאָן אַ שוועבעלע. דאָס שטריקל האָט לייכט געדויכערט.

דראַפּקין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, פאַרשלאָסן די טיר פון שאַפּ. אויף די טרעפּ קיינעם ניט באַגעגנט. אויך ניט אין גאַס.

אין באַן זיצנדיק איז אים געוואַקסן די חרטה, די זינד איז אויף אים געוואַקסן ווי אַ באַרג... די באַן וועט זיך אָפּשטעלן, וועט ער אַרויסשטייגן און קאַטיי אויף צוריק. וואָס וועט זיין באַשקע זאָגן?... ער קומט אַלע מאָל אין צייט. מיט אַמאָל ניט געסטייעט. ווער ווייס, זי קען קומען צום שאַפּ? ס׳איז גוט וואָס ער פאָרט גלייך אַהיים אָפּעסן, אָפּרוען. ערשט דערנאָך וועט ער פאַרטרויען זיין ווייבל אַז ער מוז גיין אויף אַ נייטיקער פאַרזאַמלונג. ער האָט ניט באַמערקט ווי איבער אים הענגט אַן אַלטער מאַן. ער האַלט זיך מיט אַלע כוחות מיט זיינע אָנגעדראָלענע הענט אָן קאַלטן אייזן, די פּיס געבויגענע, די אויגן פאַרוויינטע. וואָס פאָרט אַזאַ אַלטער מאַן ווען די באַן איז אָנגעפּראָפּט ווי הערינג אין אַ פעסל?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום אַלטן מאַן. זאָל זיין אַ מאַן אין די יאָרן אַרבעט נאָך? יאָ, לויט אַלע סימנים: ער שלאָפט שוין מיטן גרויען אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. די הענט, צעשפּרייטע אויף די קני, ציטערן. ער טראָגט אַ צעשפּיליעט ברוין העמד, אַ סאָלדאַטסקן שינעל, די שיך אין פּליאָמעס. מסתמא אין דער יוגנט געווען אַ גבור־חיל...

ער האָט נאָך פיל צייט קומען צוריק אין שאַפּ און דאָס סמאַליענדיק שטריקל צעטרעטן ווי אַ גיפטיקע שלאַנג. עס טרעפט ס׳כאַפּט זיך אַריין אַ בייזע מחשבה... דער מענטש איז פול מיט בייזע מחשבות. ער האַלט מיט זיי מלחמה און קומט אַרויס דער זיגער. און אַמאָל טרעפט פאַרקערט — די בייזע מחשבות קריגן די אויבער־האַנט...

איז ער ווי אַריינגעפאַלן אין שטוב. — מאָדנע, דאָס ערשטע מאָל זינט ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער ניט געטראָפן זיין ווייב אַ וואַרטנדיקע. די צימערן האָבן אויסגעקוקט ווי ליידיקע סטאַ־דאָלעס. ער האָט געזוכט אַ צעטעלע. דער טעלעפאָן איז שטום. אויך

דער אויוון איז קאַלט. דער קאַלטער אויוון האָט אים איבערגעשראָקן. אַ היץ איז געלאָפן איבער זיין לייב. וואָס זאָל ער טאָן? פרעגן שכנים? מעלדן דער פּאָליציי? אַזוי גיך האָט אים גאָט געשיקט זיין שטראָף?...

אַ! — זיין הארץ האָט אויפגעשטורעמט פון פרייד. אין טיר האָט זיך אַ שליסל איבערגעדרייט. זיין ווייב איז ראַשיק אַריין, אָנגעצונדן איין לאָמפּ, אַ צווייטן. — דראַפּקין, וואָס שטייסטו אין דער פינצטער אינמיטן שטוב?

דאָס ווייב איז ניטאָ, לייכטן ניט די לאָמפּן, — האָט ער אַ שפּאַס געטאָן. און גלייך חרטה געהאַט. אויף באַשקעס פּנים זיינען איבערגעלאָפן שאָטנס... דו שיינסט דאָך היינט. די פריזור פּאַסט דיר זייער.

צוליב דער פריזור האָב איך היינט גאָרניט געקאָכט. בין פּאַרלאָרן געגאַנגען ביים שערער.

— וואָס זיך אָרום! מיר וועלן צוגיין אויף דער עוועניו אין אַ רעסטאָראַן. מיר פאַלט אַרויס דאָס האַרץ...

אין הויז האָט די פרוי ניט ליב אַז דער מאַן באַלעמוטשעט ביים עסן, קוקט אַריין אין אַ צייטונג אָדער רעכנט זיינע געשעפטן. אַ פרוי האָט ליב אַז דער מאַן זאָל אָפּעסן גיך. זי זאָל קענען אַוועקראַמען פון טיש, פון אויוון. אָבער ווען אַ פרוי קומט מיט איר מאַן אין אַ רעסטאָראַן, זאָגט זי צום מאַן: וואָס יאָגסטו? שלינג ניט. זופּ ניט. זיצט אויפן פּראָסט?

זי קוקט לאַנג אַריין אין צעטל פון די פּאַטראָוועס. דער קעלנער שטייט און וואַרט. ער גייט אַוועק און קומט נאָך אַמאָל. דערנאָך נעמט זי אַ ביסן, קייט און קייט, רעדט צום מאַן און רעדט. יאָ, דראַפּקין האָט פאַרלאָרן דעם געדולד צו זיצן אין טומלדיקן רעסטאָראַן. ער האָט געגענעצט אויפן קול. אַ הוסט איז אים באַפאַלן.

באַשקע איז אויפגעשפּרונגען: פירסט זיך אויף ווי אַ אינגל. אַזוי האָט מען דיך געלערנט? ס׳איז אַ גליק וואָס מיר זיצן ביי אַ באַזונדער טישל.

— באַשקע! אַ טאָג אין שאָפּ איז אַ מלחמה. עס ברעכן מיר

די ביינער. עס ציט צום בעט, — האָט ער נאַריש אַ שמייכל געטאָן.

— ווערסט אַלט! אַבי כהאָב נאָך היינט געוואָלט אַריינגיין זען אַ בילד מיט מיין מאַן. דיין קאָפּ איז ניט מיט דיין ווייב...

אויפן לייוונט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט געיעגן נאָך אַן אַנטלאָ־פענעם אַרעסטאַנט. מענער מיט ביקסן, מיט שפּיר־הינט האָבן גע־בראָדיעט דורך אַ געדיכטן וואַלד. די הינט האָבן ווילד געבולן. דער אַרעסטאַנט איז ערגעץ וויט געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן קוס־טעס ווי אַ געיאָגטע חיה...

דראַפּקין האָט געוואוסט אַז דער סוף וועט זיין: מען וועט דעם אַרעסטאַנט כאַפּן אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן. — צו וואָס ווייזט מען דעם עולם די סאָרטן בילדער? — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט.

— שאַ! רייד ניט! לאָז זען דאָס בילד.

פון טעאַטער האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ גרויסער עולם און פאַרפלייצטביידע זייטן טראָטואַרן.

— ביסט אַ מבין ווי דער וועטער האָט זיך געביטן מיט אַמאָל?!

— יאָ, האָט דראַפּקין פאָדטאַקעוועט. — אַלע קראַנקהייטן בע־מען זיך דאָ פון די וועטערן, פון שווער אַרבעטן און פרעסן.

— וואָס האָסטו אויסגעמישט קאַשע מיט באָטשענע. זאָג מיר, ביסט היינט ביי די קלאָרע געדאַנקען?

דראַפּקין האָט פאַרשוויגן, שווער געטראַכטן. אויך אין דער היים האָבן זיי געשוויגן... ער האָט געטראַכט: ס׳וואָלט אים געוואָרן אַ סך גרינגער ווען ער קען זי דערציילן, וואָס ער האָט היינט אָפּגעטאָן. זי וואָלט אים געענטפערט: מען האָט געברענט מיליאָנען אידן, מעג מען אַן אָרעמע שאַפּקע פאַרברענען. ס׳וועט קיינעם ניט שאַטן. אַפילו די מייז וועלן זיך צעלויפן... די פאַרזיכערונג קאָמפּאַניעס זיינען אָנגעשאָטן מיט מיליאָנען. זייערע הויכע מויערן שפּאַרן אין די הימלען. זייערע אָנגעשטעלטע פאָרן אין נייע אויטאָמאָבילן... אָבער גיי פאַרטרוי זיך אַ ווייב... אַז די צונג רוט ניט...

עס האָט גענומען אַ פּאָר מינוט און זי שלאָפט שוין. און זיין שלאָף איז פאַרוואָגלט. די מינוטן ציען זיך ווי פון פעך... ניין,

ער האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן. ער האָט געדאַרפט גיין אויפן גלייכן וועג... לויפן צו איין לאַנדסמאַן, צו אַ צווייטן. ער וואָלט אויפגע־זשעברעוועט די פּאָר דאָלער.

— דער זייגער האָט געוויזן נאָענט צו דריי... ער האָט אויפ־געציטערט... באַשקע האָט אַ זיפץ געטאָן אין שלאָף.

ער האָט קלאָר געזען ווי דאָס סמיאַלענדיק שטריקל האָט אָנגערירט די פּאָר שוועבעלעך. באַלד האָט אויפגעפלאַמט די שטיק וואַטע. אַ פייער און רויך האָבן געכומען בושעווען, אַרומגעכאַפּט די מאַשינען, די סחורות. דער פייער האָט געשלאָגן אין די פענצטער, טייוואָלים האָבן זיך צעטאַנצט, צעפייפט אין שאָפּ.

און דאָ ליגט ער, דער שולדיקער, אין אַ ווייכע וואַרעמע בעט.

ער איז אַראָפּ, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און גלייך דאָס פּאַ־פּיראָסל פאַרלאָשן. עס דערמאָנט אים פייער...

—שאַ! עמיצער גייט שטרענג אויף די טרעפּ. און עס קלינגט שוין אין זיין טיר. שטאַרקע קלונגען איינע נאָך די אַנדערע.

— דראַפּקין! כאַפּ זיך אַראָפּ, פרעג ווער קלינגט דאָס, האָט באַשקע פאַרשלאָפן גערעדט.

דראַפּקין איז צוגעגאַנגען צו דער טיר...

— אייער שאָפּ איז פאַרברענט געוואָרן! קומט אַראָפּ שנעל. מיר זיינען פּאָליציי־לייט.

דראַפּקין האָט זיך געקנעפּלט, געשנורעוועט, זיינע הענט האָבן געציטערט. די ציין האָבן געקלאַפּט. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, זיך ניט דערקאָנט. די האָר אויפן קאָפּ זיינען געשטאַנען דיבאָם.

באַשקע איז געזעסן איבערגעשראָקן אין בעט. זי האָט אים געטרייסט: — טו זיך אָן וואַרעם. נעם די הוט, דעם שאַליק. אין לעבן טרעפט אַלץ...

דראַפּקין איז געזעסן אין אויטאָמאָביל, לעבן אים אַ פּאָליציי־מאַן. אַ צווייטער פּאָליציי־מאַן האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל דורך די אויסגעלאָשענע גאַסן. זיי האָבן צו אים ניט גערעדט. ניט גע־פרעגט. ניט אַ מענטש איז געזעסן לעבן זיי — אַ ברעט!...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דראַפּקין איז אַרויס אין גאַס. אַ סך קישקעס זיינען געלעגן דורכגענעצטע. הויכע לייטערס זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרטע צו די ווענט. די גאַס איז געווען פאַרגאָסן. אַ פּאָר פייערלייט מיט בלעכענע שפּיציקע היטלען און גומענע שטיוול האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט לאַמטערנעס אין די הענט.

ריח פון פייער, דורכגעשלאָגן מיט וואַסער האָט געקרעלט אין האַלז. שטיקער גלאָז פון שויבן האָבן געטרעשצעט אונטער די פיס. אַרום דער מויערנער געביידע זיינען געשטאַנען אַ סך אויטאָמאָבילן.

שטילערהייט האָט דראַפּקין געפרעגט דעם פייערלעשער: —
נאָר מיין שאַפּ אויפן דריטן גאָרן איז פאַרברענט געוואָרן?

— זעקס שעפער האָט דער פייער פאַרצערט. מען רעכנט אַז אַ מאַניאַק האָט דאָס אָפּגעטאָן... מיר האָבן היינטיקע נאַכט שוין דריי פייערן איינגעשטילט...

דראַפּקין האָט דערזען עטלעכע בעלי־בתים.

— וואָס, אייער שאַפּ, מיסטער דראַפּקין, האָט אויך אַ נאַש געטאָן דער פייער? יאָ, מיר זיינען די זעלבע מחותנים...

ער האָט ניט געענטפערט. ער האָט מיט פאַרגליווערטע אויגן געקוקט אויף די פלאַמען־כוואַליעס און פאַר זיך געזען זיין ברודער אויף דער שיף, אויף די ברויזנדיקע וואַסערן. דאָס האַרץ האָט גע־ווינט מיט שולד, מיט פרייד.

אַ יונגער מחבר

יוסף איז אַרומגעגאַנגען אין די ניו־יאָרקער גאַסן אָנגעטרונקען מיט פרייד. די קליינע דערציילונג וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער געטראָגן מיט זיך אין אַ העפטל. ער איז ניט מיד געוואָרן לייענען זיין שאַפונג. און מיט זיין „פאָונטן־פען" דורכגעגאַנגען די שיין־אויסגעשטעלטע שורות...

ווען אַלע אין הויז האָבן שוין געשלאָפן האָט ער אַרויסגענומען דאָס העפטל, נאָך אַ מאָל דורכגעקוקט וואָרט ביי וואָרט. צו דער דערציילונג, צוגעלייגט אַ קורץ בריוול צום רעדאַקטאָר. פאַרזיגלט דעם בריוו מיטן מאַנוסקריפּט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אָן אָנגעצונדענער אין פאַנטאַזיעס: — אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט ער אויפמישן די צייטונג און וועט דערזען אין גרויסע געדרוקטע אותיות זיין נאָמען... ער האָט זיך געגנוג באַהערשט קיינעם ניט דערציילן. דעם סוד האָט ער געטראָגן פאַר זיך. — אַ געדרוקטן וואָרט דערזעט מען! עס זאָל נאָר ניט פאַרלאָרן גיין דער מאַנוסקריפּט. און דער רעדאַקטאָר זאָל זיין גוט אויפגעלייגט, וועט ער זיכער ניט דורכוואַרפן זיין שאַפונג. — ער וועט מוזן גערירט ווערן פונעם בילד...

אויף מאָרגן ווען ער האָט געגאַנגען צום בריווקעסטל, איז אים באַפאַלן אַ צווייפל. ס'האָבן אים געגליט די הענט... ער האָט ביי זיך אין שופליאַד אָנגעשריבענע לידער, דערציילונגען און ניט געוואָגט ביז איצט צו שיקן. אָבער די דערציילונג מאָנט אים ווי אַ לעבעדיק וועזן: לאָז מיר זען די ליכטיקע וועלט...

ער האָט געעפענט פאַמעלעך דאָס טירל פונעם גרינעם בריווקעסטל, געווישט דעם שטויב. אויף דעם לאַנגן קאָנווערט וואו ס'איז געלעגן פאַרבאָרגן זיין מאַנוסקריפּט האָט ער איבערגעקוקט און צוגעפּעסטיקט. דאָס שמאָל, גרין טירל, האָט ער עטלעכע מאָל אויפגעמאַכט און פאַרמאַכט... — אַוועק איז ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ

און אויסגעליידיקט... — ער האָט געזען דעם רעדאַקטאָר איבער זיין מאַנוסקריפּט: דער פּנים בייז, די אויגן מיט שפּאָט. און מיט גרויסע אותיות האָט ער אָנגעשריבן ניט דרוקבאַר!... — זיין נאָמען וועט שטיין אין בריוו־קאַסטן. — עס האָט אים געפּלאָמט דער פּנים. — וואָס האָט ער זיך געאײַלט אַוועקצושיקן די דערציילונג? ער וועט מאָרגן פרי צופאָרן צו דער רעדאַקציע דערקלערן אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. מאַדנע! וויפל ער האָט ניט געוואָלט ברענגען טרייסט צו זיך, האָבן זיך אַלע בילדער געמאָלן פאַר אים אין שוואַרץ. — שיין וועט זיין אַז זינע וועט זיך דערוויסן. זינע! וואָס טראָגט פאַר אים צוטרויען און ליבע. איר געשטאַלט האָט זיך באַקרוינט מיט שטראַלן...

אינדערפרי האָט ער אײַנגעקויפט די צייטונג, וואו ער האָט אַוועקגעשיקט זיין דערציילונג. און אויסגעקומען איז אים ס׳איז ניט אַ וואָכעדיקע בלאַט, נאָר יעדער אות איז פול, גליאיק און מיט זין...

דער טאָג איז געווען אַן אויפגעוואַכטער, אַ פרילינגדיקער. אַ טאָג מיט זון און קילע ווינטן. גוט וואָלט געווען איצט צו זיין ביים ברעג ים. אָבער יוסף האָט זיך ניט פאַרגונען... — ער וועט בעסער אַריינגיין אין אַ ביבליאָטעק אויפזוכן די מייסטערס. ער וויל זיך דערקונדיקן אין וואָס ליגט דאָס זייער כישוף? — ער האָט געמאַרשירט צו דער גרויסער ביבליאָטעק. די ברייטע „עוועניו" האָט געשוויבלט פון אײַלנדיקע, אימפּעטיקע מענטשן. אים האָט זיך געדוכט אַז ער איז דער איינציקער אויף דער גאַס אַ רואיקער, אַ שטילער, אַן אָנגעלאָדענער מיט העכערע אידעאַלן. ער שפּאַצירט מיט ישוב־הדעת צו דער גרויסער ביבליאָטעק וואו אינמיטן העלן טאָג ברענען לאָמפּן. וואו מענטשן זיצן געבויגענע, פאַרשטילטע, איבער שווערע, אַלטע, צעעפנטע ביכער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די טרעפּ פון דער גרויסער ביבליאָטעק, געקוקט אויף די טויבן, וואָס האָבן זיך איידל געהוידעט אויף זייערע דינע רויטע פיסלעך. — וויפל ליבשאַפט און שיינקייט זיי וועקן די פייגל. מען קען זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף זיי. אויך די נאָר וואָס צעגרינטעביימער, האָבן געגלעט די אויגן און געוועקט דערפרייענדיקע פון די קינדער־יאָרן. יוסף האָט פאַר־

רויכערט אַ סיגאַרעט, געצויגן אין זיך דעם רויך מיט שטאָלץ: ער איז אַ יונגער מחבר! זיין דערציילונג מוז מאַכן אַ רושם. — ער האָט פיל ביכער פאַרשלונגען. שוין צייט ער זאָל קענען אונטער־שיידן פון גוט ביז שלעכט. זיין קליינע דערציילונג האָט ער געוואויגן, געזיפּט יעדן וואָרט, ווי דורכגעקוקט דורך אַ שפּאַקטיוו. אויב זיין דערציילונג וועט זיך ניט דרוקן, איז פּשוט ווייל דעם רעדאַקטאָר וועט באַפאַלן אַ קנאה צו אים. ניין, זיין דערציילונג וועט זיכער דער־שיינען. נאָך מיט אַ צולאָג, אַ פּאָר אויפמונטערדיקע ווערטער פון רעדאַקטאָר...

ער איז אַריין אין איינעם פון די צימערן פון דער גרויסער ביבליאָטעק. — פּאַליצעס ביכער פאַרלייגט פון דיל ביזן סטעליע. ווען ער קען איבערלייענען די אַלע ביכער; וויפל וועלטן וואָלטן זיך פאַר אים געעפנט? — ער פילט באַשיינפערלעך אַז ער וועט היינט ניט קענען לייענען. זיין דערציילונג ליגט שוין זיכער ביים רעדאַק־טאָר אויפן טיש. עס האָט אים צוגעשפּילט דער מזל... דער רעדאַק־טאָר האָט אַריינגעקוקט אין זיין מאַנוסקריפּט און ער קען זיך שוין ניט אָפּרייסן. ער לייענט און די פאַרוואונדערונג וואַקסט אין אים. ער איז דערפרייט ווי פון אַ גוטער בשורה. דער מאַנוסקריפּט ציי־טערט ביי אים אין די הענט. ער ווישט דיברילן, זיי זיינען פאַר־הויכט געוואָרן... ער וויל זיך באַקענען מיטן מחבר אים דערנענ־טערן צו זיין צייטונג...

יוסף איז געגאַנגען אין די גאַסן אַן אויפגעברויזטער, אַ צע־שפּילטער, אַ באַלויכטענער... ער וואָלט זיך איצט געטיילט מיט זיין גליק. ער וועט צוגיין צו זינען, כאָטש זיי האָבן אָפּגעשטימט זיך טרעפן שבת נאַכט. ער וויל איר טאַקע טרעפן ווען זי ריכט זיך ניט אויף אים. זי וועט זיך אַ ווײלע פאַרווירן. אָבער ווען ער וועט איר דערקלערן וועגן זיין דערציילונג, וועט איר פרייד זיין אַ צוויי־ענדיקע...

די גאַסן האָבן געקאָכט פון מענטשן. מען איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. יוסף האָט זיך אַרומגעדרייט לעבן דער הויז וואו זינע האָט געוואוינט. ניין! ער וועט איצט ניט אַרויפגיין. עס האָבן זיך

א יונגער מחבר

געבומען פאַר אים קלאָרן אַנדערע געדאַנקען: וואָס מען איז ניט זיכער דאַרף מען ניט דערציילן. ער האָט זיך גיך אַוועקגעדרייט פון דעם הויז וואו זינע האָט זיך געפונען. ער האָט איצט געהאַט אַן אַנגעלאָדן האַרץ מיט וואַרעמע רייד פאַר זינען...

ער איז אַוועק צו זיך אַהיים. מיט ציטערדיקע הענט אַרויס־גענומען פון שופליאַד די קאָפּיע פון מאַנוסקריפּט וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט אין רעדאַקציע. ער האָט געלייענט אויפן קול... פאַר־ענדיקט, איז ער געבליבן זיצן אַרומגעהילט אין ציטערדיקע פרייד. ער איז שוין געווען זיכער אַז זיין דערציילונג וועט זיך דרוקן, זי וועט אַרויסזינגען פון ציטונג...

ער איז זייער ווייניק געשלאָפן דורך די נעכט, און ווען דער שלאָף האָט אים שוין איינגענומען איז דאָס גיכער געווען אַ זיסער, געדיכטער דרעמל, דורכגעוועבט מיט גוטע חלומות. — אין די ביי־טאָגן איז יוסף אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראָגענער, אַ פאַרחלומטער אין העכערע וועלטן...

און ווי גאָטס פינגער וואָלט זיך צוגערירט צו אים: דעם שבת ווען ער האָט זיך געגרייט באַגעגענען זינען האָט ער איינגעקויפט די ציטונג און קוקנדיק און מישנדיק די דינע זייטן האָט ער דערזען זיין נאָמען אין גרויסע געדרוקטע אותיות אין דער הייך איבער זיין דערציילונג.

ער האָט אויפגעלייגט און אויסגעגלעט די ציטונג ווי אַ היי־ליקן פאַרמעט מיט אַלטן שריפט... און מיט אַן אָפענע האַרץ איז ער אַוועק צו זינען...

אַן אַקטיאָר

איבער צוויי וואָכן האָבן זיך טאַטע־מאַמע געגרייט צו דער שמחה. אַ שפּאַס אויסצוריידן: זייער איינציקע שיינע טאָכטער פלאָראַ איז פאַרלאָבט געוואָרן...

די צימערן, פריש־איבערגעפאַרבטע, זיינען ווי העכער און גע־ראַמער געוואָרן. די ליבע צו דער טאָכטער האָט די מאַמע אַריינ־געטאָן אין די שטיקער מעבל, וועלכע זיינען געשטאַנען גלאַנציקע ווי שפּיגלען. אויף די בעטן האָבן ציכן געפרישט.

אויך דער טאַטע איז ניט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. געקומען פון דער אַרבעט זיך איינגעוואַשן איבערגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער, אויף גיך אונטערגעלענדט דאָס האָרץ, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט צו זיינע גוטע פריינט. ביים איינעם געליען גלאָזוואַרג, ביים צווייטן געפּעס. אויך בענקלעך און שטולן צוזאַמענ־געשלעפּט. שנאַפּס און ווייַן האָט ער אַיינגעהאַנדלט פון די געהוי־בענע סאָרטן...

אויך די מאַמע איז ניט געשלאָפן: ביים שכן דעם בעקער באַ־שטעלט מיט דריי טעג פריער חלה׳לעך, צוויי גרויסע טאָרטן, מאַנ־דלען צו די לאָקשן. זי האָט זיך געאיילט פון בעקער אין דער פרוכט־קראָם, צום קצב. די טעג האָבן איר ניט געסטייעט...

אין די אָוונטן האָבן זיך טאַטע־מאַמע געישוב׳ט: וועמען איינ־צולאַדן... זיי האָבן זיך לייכט געצאַמפּערט... אויף גיך אויסגע־גלייכט. די פרייד, וואָס זיי האָבן דערלעבט צו זייער טאָכטערס פאַר־לאָבונג, האָט זיי איינגעהילט אין איין גרויסן יום־טוב...

דעם טאַטן איז אויך איינגעפאַלן צו פאַרבעטן אַן אַקטיאָר...

— ביסט אַ חכם, — האָט די מאַמע צו אים געזאָגט, — איצט וועט שוין די שמחה זיין פאַר פול. אויב אַן אַקטיאָר, זאָל זיין עפּעס רעכטס...

אַן אַקטיאָר

— פאַרלאָז זיך אויף דיין מאַן! איך בין אויף די פייגל אַ מבין...

דער טאָג פון דער שמחה איז אָנגעשוואומען. פלאָראַ, די כלה־מיידל, אָנגעטאָן אין אַ געבלומטן פאַרטעך, האָט צעשטעלט קאַרט־לעך מיט די אויסגעשריבענע נעמען פון די געסט, סערווירט דעם לאַנגן גערעקטן טיש. זי האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן. אויף איר יונגן פּנים האָט אויפגעשפּילט פריידיקער אומעט...

מען האָט געקלונגען אין טיר. פלאָראַ איז אַנטקעגנגעקומען איר חתן. פריידיקע און לייכט־אַרומגענומענע זיינען זיי אַריין אין הויז...

טאַטע־מאַמע האָבן זיך קורץ איבערגעשמייכלט...

דאָס הויז איז געוואָרן פול מיט געסט. זיי זיינען געזעסן אויף די ווייכע קאַנאַפּעס, אין די טיפע שטולן. מען האָט גערעדט צווישן זיך שטיל. איין ניגון האָט זיך געטראָגן איבער אַלעמענס רייד...

ביים לאַנגן, געדעקטן טיש זיינען די געסט געזעסן איינע אַנט־קעגן די אַנדערע שטילע, איידעלע און אויסגעהונגערטע... זיי זיי־נען געזעסן גרייט אַרויפצופאַלן אויף די מאכלים, וואָס האָבן פאַר־שמעקט פון קיך...

עס האָט געקלונגען אין טיר. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַ־וויזן דער אַקטיאָר. דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ פליעסקעריי... דער אַקטיאָר האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ לעבן חתן־כלה...

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן דער כלהס פריינדינעס אַרומגעשוועבט אַרום לאַנגן טיש, און די אויסגעהונגערטע געסט האָבן די גאָפּלען געשפּיזט אין די קליינע טעלערלעך. זיי זיינען געווען גרייט צו לויבן די פאַרשפּייז...

אָבער אַ פּאַטש אויפן טיש און אַ פּאָר ווערטער פון דער כלהס פאָטער האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט די געסט:

— מיר האָבן דאָ זייער אַ געהויבענעם גאַסט מיט אונז, דער וועלט־באַרימטער אַקטיאָר עטקין!...

עטקין האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויס פון טיש, אַ פּאָר קליינע

הוסטעלעך געטאָן, און האָט אָנגעהויבן זינגען שטיל, ברומענדיק אונ־טערן נאָז, פאַמעלעך געקראָכן העכער, העכער. די שויבן האָבן גע־ציטערט. פאַרענדיקט האָט ער דאָס ליד שטיל ברומענדיק...

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן די געסט געשריען. די וואָס זיינען געזעסן לעבן אַקטיאָר, האָבן זיך מיט אים געוויטעוועט. די אָפּגערוקטע האָבן צו אים געשמייכלט... און דער כלה׳ס פריינדינעס האָבן שוין ווידער געשוועבט אַרום טיש.

פלאָראַס מאַמע איז געשטאַנען אין קיך, אויסגעטיילט די פּאָר־ציעס. און דער טאַטע האָט געמינטערט מען זאָל נעמען נאָך אַ לחיים, און מיט איין אויער אָנגעצילט צי מען לויבט די מאכלים...

— וואָס זאָגסטו אויפן אַקטיאָר? — האָט אַ מאַן זיך אָפּגערופן צו זיין ווייב, — ער האָט שוין איינמאָל אַ געמבע!

— אַזאַ האַלז איז אַ פאַרמעגנס, — האָט זיך אַ צווייטער אָפּ־גערופן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מבין אויף נגינה.

די געסט זיינען שוין געוועזן גרייט צו לויבן די מאכלים, האָט מען ווידער אויפגערופן דעם אַקטיאָר.

דאָס מאָל האָט זיך שוין עטקין געפילט היימישער... און ער האָט גענומען פאַרשטעלן ווי אַזוי אַ גביר איז אַריינגעפאַלן ביי אַן אָרעמאַן אויף אַ חתונה...

איין גאַסט האָט אַרויסגעלאַכט אויפן קול.

און עטקין, אַ דערוואַרעמטער, אַ דערמונטערטער פון דער אויפנאַמע, איז אַריין אין עקסטאַז... די געסט האָבן זיך שוין גע־וויגט פון געלעכטער...

— גרויסאַרטיק! וואונדערבאַר! געניאַל! —האָבן זיך געהערט שטימען...

די געסט האָבן פאַרזען חתן־כלה, זייערע עלטערן, וואָס האָבן אַזוי פיל מי און פריינטשאַפט אַריינגעטאָן אין דער שמחה... טאַטע־מאַמע זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל, ווי אָפּגענאַרטע קינדער. זיי איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע שמחה זייערע האָט צוגענומען דער אַקטיאָר...

די פרעמדע מיידל

ראָזע, די סעקרעטאַרשע פון קלוב, אַ יונג מיידל, אַ טעטיקע ווי אַ בין, האָט אָפּגעשלאָסן די טיר פון קלוב. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, צוגעפּאַרריכט די האָר ביים שפּיגל. שווער איז איר אָנגעקומען די גרויסע פענצטער עפענען. זיי האָבן געקוויטשעט ווי ניט קיין געשמירטע אַקסן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַ פאַרטעך, געפּוליעט זינגענדיק די שטולן. די פּיאַנע האָט זי געעפנט ווי אַ פליגל פון אַ סוכה, אַ וויש געטאָן די קלאַווישן, וועלכע האָבן זיך צעבילט ווי אַ מחנה הינטלעך.

די טיר פון קלוב האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט, אָבער ראָזע האָט זיך ניט אַרומגעקוקט. זי האָט געהאַט אַ געפיל: ס׳איז גלאַסער, דער טשערמאַן פון קלוב. נאָר ווען צוויי וואַרעמע בחורישע הענט האָבן זי אַרומגענומען, האָט ראָזע פלינק זיך אויסגעדרייט... איר פּנים האָט אויסגעדריקט איבערראַשונג, לייכטע שרעק.

— אָ, פריד! וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי? — זעט אַז איר זאָלט זיין אַ בעסערער קאַסירער ווי אַלע מאָל. עס דאַרפן באַלד פאַרקומען די וואַלן, וועט איר ביי אונז דורכפאַלן.

איר פּנים איז שוין געווען פול מיט שמחה, מיט דער פרייד, וואָס זיי קעמפן פאַר אַן אידייע. און אויך וואָס זי האָט איצט גע־טראַכט וועגן גלאַסר׳ן, וועלכער האַלט פייערדיקע רעדעס. זי האָט געטראַכט פון דעם מענטשן, וואָס אַלע חברים און חברטעס קוקן צו אים אַרויף ווי אויף אַן איבערגעגעבענעם אַרבעטער־פירער...

— שטייט ניט ליידיק, פריד! טוט זיך אָן אַ כאַלאַט און העלפט אַרבעטן.

פריד האָט געפינטלט מיט די אויגן, געפילט זיך אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט... גליק האָט געהויערט איבער אים, וואָס ער איז אַליין מיט ראָזען אין דעם גרויסן געראַמען קלוב־צימער. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט די פּאָרטרעטן פון די גרויסע אַרבעטער־

פירער און ווי געוואָרנט פריד'ן, געשטראָפט: דיין גאַנץ האַרץ גיב אַוועק פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער...

און ראָזע — ווי איר מיינט מען דאָס ניט — איז געגאַנגען אַ גענויגטע צווישן די רייען שטולן, ווי צווישן בייטן בלומען. זי האָט אַ לאַך געטאָן צו פריד'ן:

— אייערע שטימונגען זיינען עפּעס היינט ניט אין פולער אָרדענונג.

— ווער עס האָט שטימונגען איז שוין במילא ניט אין פולער אָרדענונג — האָט פריד אויף שנעל געענטפערט, און זיך דערנענטערט צו ראָזען. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, געעפנט ברייט אויף אים אירע גרויסע אויגן.

— איר האָט געזען היינט גלאַסער'ן, חבר פריד? —

— ער וועט באַלד זיין דאָ, — האָט פריד ווי אָפּגעשטופּט איר פראַגע. אָבער די קליינע, אומשולדיקע פראַגע האָט פרידס וואַרעמע געפילן צו ראָזען ווי אויסגעדעמפּט. פריד ווייס אַז ראָזע איז אין גלאַסערן פאַרליבט.

אין טיר האָט זיך באַוויזן גלאַסער מיט אַ פרעמדער מיידל, אַ קלייניקע, וואָס האָט געקענט אונטערגיין הינטערן טיש. לויט איר קליידונג און האַלטונג האָט מען געקענט זען, אַז זי איז אין די צוואַנציקער. אָבער ווייל זי איז געוועזן קליין און דין, האָט זי אויסגעזען פון אַ יאָר פופצן. איר דערוואַקסענע מיידלשע פאַרשייטקייט האָט געוואונקען פון איר הוט, וואָס איז געזעסן אויף איר געקרויזטן שוואַרצן קעפּל, גרייט, ווי אַ פויגל, אַראָפּצופליען. נאָר די שוואַרצע קרייזלעך האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס היטל, ווי ווילדע פלאַנצן...

— זייט געגריסט, חבר פריד! חברטע ראָזע! צו אונזער יום־טוב האָב איך געבראַכט אַ נייעם מיטגליד, — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער פרעמדער מיידל.

אין גלאַסערס שטימע האָט ראָזע געהערט טריאומף, און זי האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אין זיינע אויגן. נאָר אויף דער פרעמדער מיידל האָט זי אַ קוק געטאָן, און איר פרויען־האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט ניט קיין גוטס...

אין קלוב האָבן גענומען זיך אויפקלייבן די טעטיקע חברים, חברטעס.

ראָזע איז געזעסן ביי דער פּיאַנע, געשפּילט לייכטע וואַלסן. און פריד, ביי איר זייט, האָט גערעדט צו איר שטיל. יעדע נייע חברטע, וואָס איז אַריין אין קלוב, האָט זיך געקוקט מיט ראָזען. די חברים האָבן געדריקט ראָזעס הענט, אַנדערע האָבן איר געגלעט איבערן קאָפּ. זי איז געווען דער ליבלינג פון קלוב. זי איז געווען צוגעבונדן, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו דער באַוועגונג. אָבער אין דער סאַמע טיף האָט זי געטראַכט פון גלאַסערן. ער איז איר געפעלן. עס ציט איר צו אים. זי האָט אים ליב. ער איז שיין, ברייטפּלייציק, זיין קאָפּ האָר ברענט, ווען ער רעדט אַראָפּ פון דער בינע... זיין וואַקסן אין דער באַוועגונג איז איר כבוד, זיין טעטי־קייט איז איר ברכה.

דער זאַל פון קלוב איז געווען העל באַלויכטן. די חברים און חברטעס פון קלוב זיינען געזעסן אויף שטולן, אויך פרעמדע געסט... גלאַסער האָט גערעדט הויך, מיט איבערצייגונג. די רייד פון זיין מויל האָבן זיך אויפגעגאָסן אין איין שטיק פייער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף ראָזעס האַרץ. און די בילדער פון די גרויסע אַרבעטער־פירער, האָט זיך ראָזען געדוכט, האָבן אַראָפּגעשמייכלט. עס האָט געדונערט אין זאַל פון אויסגעשרייען, אַפּלאָדיסמענטן. און ווען אין זאַל האָט זיך איינגעשטילט, איז גלאַסער, אַ בלייכער פון דער אויפנאַמע, וואָס מען האָט אים געגעבן, געשטאַנען אַ ווייל'ע שטיל.

דערנאָך האָט ער מיט געציילטע ווערטער, און ווי פאַרשעמט, דערקלערט, אַז ער מוז רעזיגנירן אַלס טשערמאַן: ער פאָרט אַוועק...

ווי פליגל האָבן אַראָפּגענידערט זיינע ציטערדיקע הענט אויף דער פרעמדער מיידלס אַקסלען, און ער האָט זיך לאַנג געגזעגנט פאַרן עולם...

דער ערשטער קונד

מיט אַ קליין פּעקל אין האַנט, איז זילבערקוויט אַרויס פון אײַנבינדער. דאָס פּעקל ביכער האָט אין זיך ניט געהאַט קיין שווער־קייט, קיין וואָג... דערלעבט צו זען געדרוקט זיין ערשטן בוך שוואַרץ אויף ווייס. ער וועט זיך אַריינכאַפּן אין אַ שטילן רעסטאָראַן באַשטעלן אַ גוטן מאכל...

פיל יאָרן פאַרשוועוּנקט איידער ער האָט דערלעבט זען זיינע פּאָעמען אײַנגעזאַמלט אונטער איין דאַך; מיט זיין נאָמען אויף אַלע זייטלעך, און אויפן רוקן פון בוך...

ער איז אַריין אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, זיך פאַרקליבן אין אַ שטילן ווינקל ביי אַ ליידיקן טישל. אַרויסגענומען די קליין־געלט פון וועסטל־קעשענע, — עס וועט אים נאָך סטייען אַהיים צו פאָרן און אויף אַ צייטונג. איצטער וועט אים אַוועקגיין גרינגער. אַ בוך איז ווי אַ שילד!... יאָרן זיינען אַוועק אויף דעם ביכל. ער האָט געפּאָרשט די גרויסע מייסטערס. שעה׳ן געטראַכט אויף אַ בייעם גראַם, אַ שענערן קלאַנג. אמת, די פּאָעמעס האָבן זיך פריער ביי אים געזונגען אין האַרצן. פלעגט ער דאָס אָבער וועלן אויסשטעלן אויפן פּאַפּיר, האָבן זיך די ווערטער דיבאָם צעשטעלט. און דאָס געזאַנג, וואָס ער האָט געפילט אין האַרצן, איז צווישן די בייזע רויע שורות ווי שטום געוואָרן.

ער איז ניט מיד געוואָרן אַרבעטנדיק איבער יעדן זילב. דעם וואָרט אָנגעגליט, דערנאָך אים געבויגן און געפּורעמט. און אַ דאַנק זיין טאַלאַנט און זיין מי, איז טאַקע פון צייט צו צייט דערשינען זיינס אַ ליד אין אַ צייטונג, אין אַ זשורנאַל.

יענער טאָג איז געווען פאַר אים אַ ליכטיקער, אַ פריידיקער. די יונגע שרייבער פלעגן אים באַגריסן שמייכלענדיק, מיט באַהאַל־טענער קנאה. די עלטערע שרייבער האָבן אים אַפילו פאַרגונען לויבן אין די אויגן...

מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָפּגעקניפּט די שטריקלעך פונעם פּעקל. צען ביכלעך אין בלויע טאָוולען מיט באַזילבערטע רוקנס האָבן זיך אַנטפּלעקט. ער האָט פּאַמעלעך גענומען אַ ביכל אין די הענט, געדרייט אויף אַלע זייטן. די נייקייט, די פרישקייט האָט מיט טיפער רעגונג געווייט... ער האָט שטיל אויפן קול גע־לייענט די ערשטע ליד — די באַקן האָבן זיך אים געצונדן...

ער האָט פאַרמאַכט דעם בוך און געבליבן זיצן דורכגענומען ווי פון אַ תפילה. ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן פון די רע־גונגען און געזאַנגען, וואָס האָבן זיין האַרץ איבערגעפילט...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער דערזען נאָענט לעבן זיין טיש אַ יונגנמאַן. זיי האָבן זיך דורכגעביטן מיט די בליקן...

— איך זע ביי אייך נייע ביכער. איר האַנדלט מיט דעם?

— ס'איז מיין אייגענער פאַרמעגן, האָט זילבערקוויט פאַר־שעמט און מיט גליק געענטפערט. — זעט מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, האָט ער אים מיט ציטער אין די הענט דערלאַנגט אַ בוך.

דער פרעמדער יונגערמאַן האָט דעם בוך איבערגעלייגט, גע־עפנט, אַריינגעקוקט אין די צעעפנטע בלעטער... זיינע אויגן זיי־נען וואַך געוואָרן, באַשיינט און צעוואַרעמט.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: קיין געלט האָב איך איצט ניט ביי זיך. קומט אַרויף מיט מיר דאָ דערביי, וועל איך שוין מיט עפּעס גאַנץ מאַכן מיין חוב...

זיי זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן אי ווי גוטע באַקאַנטע, אי ווי פרעמדע. דורכגעגאַנגען אַ פּאָר ראָגן, איבערגעגאַנגען די גאַס, איינ־מאָל און נאָך אַמאָל. — שוין! דאָ אין דער הייך איז מיין צימער.

אויף די טרעפּ איז אים זילבערקוויט נאָכגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ... און כדי זיך צו מונטערן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר וואוינט נאָענט צו גאָט!...

— אָט דאָ איז מיין פּאַלאַץ...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ טיר אויף וועלכער ס'איז געהאַנגען אַ קיילעכדיקער, פעסטער שלעסל.

— קומט אַריין, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זילבערקוויטן.

אין דער פינצטער פאַרקייטלט די טיר פון אינעווייניק, האָט ער אָנגעצונדן אַ לעמפל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ברייטער טונקעלער שיין.

— לייגט אַוועק דאָס פעקל, טוט אויס דעם מאַנטל, פילט זיך היימיש. איר זעט דעם צימער? דאָ קומט ניט אַ פוס פון אַ מענטשן. חוץ די אַלטיטשקע, ביי וועמען איך האָב געדונגען דאָס צימער. איך בין אייך מקנא, וואָס איר קענט פאַר די ווייסע בלעטער זיך אויס־דערציילן...

זילבערקוויט האָט באַטראַכט דעם צימער. די ווענט אָפּגעלאָזן, איין פענצטער אין דאַך. אַן אייזערנע בעטל אַ שמאָלע, דין פאַרבעט מיט אַ רויטער קאָלדרע. אַ טישל אַן אָפּגעדעקטער, אַן אייזערנע אויוועלע מיט אַ טרובע. אויף דער אויוועלע אַן אָפּגעקלאָפּטער טשאַיניק.

— איך וועל צושטעלן טיי, וועלן מיר טרינקען צוזאַמען.

— ניין, אַ דאַנק! באַמיט זיך ניט. זילבערקוויטן האָט זיך געוואָלט פרעגן פון וואָס ער לעבט. ער האָט אָבער ניט געוואַגט. און, אַגב, ניט געוואָלט פאַרשעמען... דעם פרעמדן מענטשנס אָרעמקייט האָט אים טיף פאַרשעמט.

ווען זילבערקוויט האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דעם מאַנטל, האָט אים דער פרעמדער יונגערמאַן פאַרשטעלט געגעבן אַ קליין קעסטעלע.

— לייגט דאָס אַריין אין אייער מאַנטל־קעשענע. איר האָט דאָ אַ פאָר הונדערט מעסערלעך אויף גאָלן זיך. זיי זיינען פון אַ זייער גוטן סאָרט.

דער פּאָעט איז געשטאַנען דורכגענומען גערירט...

און ווען ער איז אַראָפּ אין גאַס, האָט ער ניט געטראַכט וועגן זיין ערשטן בוך לידער, נאָר וועגן דעם פרעמדן, אָרעמען עלנטן שיינעם מענטש...

אַן אָפּגעזוּנגענער טאָג

מילער האָט צוגעראַמט די צייטונגען, צוזאַמענגעלייגט די ביכער, ער האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך; דעם שליסל אַריינגעלייגט אין אַ באַזונדער קעשענע און איז אַרויס אין דרויסן.

ער האָט מונטער געקוקט לענג אויס דער גאַס: אויף ביידע זייטן טראָטואַרן זיינען געגאַנגען מענטשן ווי אויסגעטאָנענע פון זאָרג.

ער האָט געקויפט אַ צייטונג, אַ פּעקל סיגאַרעטן, זיך דורכגעביטן מיטן קרעמער מיט אַ פּאָר ווערטער און פאַמעלעך אַוועק אין דער עוועניו צום רעסטאָראַן. אינדערפרי איז דאָרט שטיל און אויפגעראַמט. מען קען זיך אויסקלייבן וואָס פאַראַ טיש מען וויל...

ער האָט טאַקע אויסגעקליבן אַ טיש ביי דעם גרויסן פענצטער צום גאַס. ער וועט עסן זייער וויניק: אַן אַפּעלסין, אַ בייגל מיט פּוטער און אַ גלאָז קאַווע.

אַריינגעקוקט אין דער צייטונג — די אידישע נייעס אויף יענער זייט ים האָט אים צעטומלט. ווער ווייסט וואָס עס איז געשען מיט זיינע נאָענטע? איבערגעמישט אַ בלאַט, איז אינמיטן געווען שיין אויסגעשטעלט אַ ליד מיטן נאָמען „יונג־פרילינג". אויך אַ דערציילונג. ער האָט אויך געלייענט די אַנאָנסן פון די אידישע טעאַטערס. אַ קליין ווערטל איז די צייטונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל, גלייכצייטיק אויף דעם גרויסן קיילעכדיקן וואַנט־זייגער, אויף דער סעקונדע האָבן זיי געשטימט. ס'אַראַ וואונדער און אָרדענונג די מענטשן קענען באַשאַפן. זיי קענען אָבער אויך אויסטראַכטן מוראדיקע מלחמות...

ער האָט אויפגעלייגט די צייטונג, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, געצויגן אין זיך דעם רויך, צוריק אַרויסגעאָטעמט דורכן מויל, דורכן נאָז. גענוג געזעסן אין רעסטאָראַן. ער וועט אָפּרופן אַ מיידל אויפן טעלעפאָן — זאַלבעצווייט איז ערשט יום־טוב.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס ביכעלע מיט די אַדרעסן, געמישט די קליינע בלעטלעך. יאָ, זינע געפעלט אים זייער שטאַרק... ער האָט געדאַרפט האָבן שכל דורך אַ שיין בריוועלע זי אײַנלאַדן מיט אַ וואָך פריער.

ער וועט גאָר קלינגען צו ראָזען. אַ פשוטע מיידל, זי וועט זיך אוודאי דערפרייען מיט זיין אײַנלאַדונג. אָבער ער איז שוין עטלעכע מאָל מיט איר געגאַנגען שפּאַצירן און קיין גרויס נחת ניט געהאַט... זי האָט זיך געהאַלטן צו באַשיידן, אומעטיק, געזשאַלעוועט אַן אײַ־בעריקן שמייכל; און אים צופיל געדאַנקט... דאָס ווייזט, אַז זי איז פרעמד צו אים...

צו וואָס דער קלינגען? האָט ער זיך געכאַפּט. ער וויל צופאָרן צום ים. דאָרט, אויף דעם לאַנגן הילצערנעם „באָרד־וואָק" וועט ער שוין אָנטרעפן פון זיינע באַקאַנטע...

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט ער ניט לאַנג געוואַרט. עס איז אָנגעקומען די עלעקטרישע באַן מיט די זעקס לאַנגע וואַגאָנען. די טירן האָבן זיך געעפנט, מענטשן זיינען אַרויס, מענטשן זיינען אַרײַן און די באַן האָט זיך גערירט. מילער האָט ווי אַ קליין קינד צוגע־טוליעט זיין פּנים צום פענצטער, געקוקט אויף די רעלסן, אויף די הייזער, וואָס האָבן זיך ווי צוריקגעריסן. עס איז גוט צו פאָרן אין דער ליכטיק. ווען ער פאָרט צו דער אַרבעט שטורעמט די באַן דורך די פינצטערע, טויבע טונעלן.

אַרויס פון באַן — פּאַמעלעך אַראָפּגעשטיגן די טרעפּ פון דער סטאַנציע. די ברייטע גאַס פון „קוני אײַלאַנד" האָט געקאָכט פון מענטשן. מיט מי זיך דורכגעשלאָגן איז ער אַרויף אויפן הילצערנעם בריק לעבן ים...

איבערן ים האָבן זיך געוויגט פאַראַנקערטע פישער־שיפן. לייכטע זעגל־שיפלעך האָבן זיך געגליטשט ווי קינדער וואָלטן זיי אויפן וואַסער אַרויפגעלאָזן... אויך אַ גרויסע שיף מיט פיר קוי־מענס האָט געשניטן דעם וואַסער, געדרויכערט פון אַלע קוימענס און געטרובעט אומעטיק. אַזאַ גרויסע שיף האָט אים מיט פופצן יאָר צוריק געפירט אַהער אין אַמעריקע. פופצן קיילעכדיקע יאָר אַריבער. און

די אַלטע היים שטייט קלאָר אין זכרון, — פון מענטשלעכע טרערן ביסטו מוראדיקער ים !...

מען האָט אים אָנגערירט פאַרן אַקסל. מילער האָט זיך אומ־געדרייט. זיין לאַנדסמאַן, פּרויקע, איז געשטאַנען לעבן אים און לייכט אָנגעשפּאַרט אָן פּרויקען אַ יונגע מיידל.

— זעסט, מילער, איך בין שוין אַ טאַטע פון אַזאַ טאָכטער. וואָס הערט זיך מיט דיר ? ווען האָט מען שוין פון דיר אַ ביסל נחת ? דער זעלבער פאַרטראַכטער מילער. אין דעם לאַנד דאַרף מען זיך אויסניכטערן. ווערסט זיך אפשר אַריבערכאַפּן אַמאָל צו מיר ? שרייב אָן דעם אַדרעס.

דער לאַנדסמאַן האָט אים צעטומלט : סאַראַ שיינע טאָכטער ער האָט ! אַליין איז ער אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר. אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ פאַרשטופּטער, אַ פאַרזעענער, און דאָ שפּילט אים דער מזל אַנטקעגן...

אַפילו אויפן בריק לעבן ים דאַרף מען האַלטן אָפן די אויגן. די לאַנדסלייט קריכן מיט די שטיוול אין האַרצן...

אָבער אַ העלער קול האָט אויסגערופן זיין נאָמען...

— אָ, העלאָ, ביטריס ! וואָס מאַכט איר ? מען יום־טוב'ט, מען שפּאַצירט ?

— און איר, מילער, וואָס טוט איר אין אונזערע מקומות ? געקומען קוקן אויף אונזער ים ? אַ יאָ, שיין היינט ?

— שיין איז ניט גענוג צו זאָגן, — האָט מילער איינגעהאַלטן זיין באַגייסטערונג, — איר זעט אויס זייער שיין, ביטריס.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק ! דער ים האָט מיך אָפּגעפרישט, די זון צוגעבאַקן, זע איך אויס לייטיש.

— אויב איר רעדט אַזוי פיין ביטריס, וואָלט איך אייך גע־בעטן אַריינקומען מיט מיר אין דעם רעסטאָראַנדל. אייער ים הונ־גערט אויס.

— נו, וואָס טוט מען ניט פאַר אַ יונגנמאַן, וואָס קומט צו גאַסט ? — האָט זי קלינגענדיק געלאַכט... אינעם קליינעם רעס־

טאָראַן זיינען זיי געזעסן ביי אַ טישל פּנים צו פּנים, צעשמייכלטע, און גערעדט האָבן זיי שטיל.

— איר ווייסט, מילער, איך האָב ליב אייער שטימע, רעדט און קוקט מיר גלייך אין די אויגן.

— איך וועל אייך זאָגן אָפן, ביטריס, אויף אַזאַ סורפּריז האָב איך זיך ניט געריכט... שוין עטלעכע יאָר אייך ניט געזען. האָט איר כאָטש גערעדט פון שלאָף אַמאָל? איך האָב געטראַכט אַ סך מאָל פון אייך.

— אַבי מען זאָגט, אַז בחורים פאַרגעסן גיך, — האָט זי קליג־געגדיק געלאַכט...

זיי זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן אויפגעשמייכלטע, אויפגע־לעבטע, געאָרעמט האַנט אין האַנט.

— עס פאַרדריסט מיר אויף אייך, מילער, — האָט זי אַרויס־גענומען איר האַנט פון זיינער, — פאַרוואָס איר האָט מיר פריער ניט דערזען, דערקאַנט...

— אַ גערעכטע טענה. דעם אמת, אַ לאַנדסמאַן איז מיר אי־בערגעגאַנגען דעם וועג...

זי האָט אויפגעהויבן די האַנט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל און געוואָרן ערנסט:

— נו, איך וועל זיך מיט אייך זעגענען, מילער... איך דאַרף אי־מיצן טרעפן. גיט גוט אַ קוק אויף מיר, כדי איר זאָלט מיר אַ צווייטן מאָל דערקאָנען...

ווען זי האָט זיך אויסגעמישט מיט די איבעריקע מענטשן אויפן „באָרדוואָק", איז מילער געבליבן שטיין פאַרווירט, לייכט פאַרשעמט. שטראָף־רייד זיינען אַרויף אויף זיין צונג: איר געדאַרפט פרעגן וואו זי וואוינט. זי געפעלט אים. איר שיינקייט איז טיפער געוואָרן. איר געלעכטער לויטערער. און די גרויסע, וואַרעמע אויגן אָנגע־גאָסן מיט קלוגקייט און דערפאַרונג. ס'איז זיכער געווען אַן אויס־געצייכנטער צוג פלוצים אים פאַרלאָזן. ס'איז געווען דער ריכטיקער מאָמענט איר אָנצוכאַפּן פאַר די הענט...

ס׳איז ערשט אַ פּאָר מינוט ווי ביטריס איז אַוועק, אָבער די פּאָר מינוט זיינען ווי טראָפּנס פּעך ניט דורכצוקוקן...

ער האָט געשפּרייזט גיך איבערן בריק אין דער זייט, וואו ביטריס איז פאַרשוואונדן, געקוקט אויף די רייען מענטשן און געשפּרייזט. ביים סוף פון „באָרדוואָק" האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענטשע, אָפּגעאָטעמט און זיך געקילט, געקוקט אויף דער שטעטעלע „סיגעיט", וואָס איז געלעגן פאַרשטילט, פאַרגרינט אין ביימער. הילצערנע אָפּגעפּאַרבטע הענער מיט שטומען קרייען אין זייערע העלזער זיינען געשטאַנען אויף שפּיצן דעכער. אויף איינציקע הייזער האָבן זיך געדרייט ווינט־מילכלעך.

די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק און זיך געלאָשן אין הימל. זי האָט געברענט אויף אַ סך פענצטער, אויף די שפּיצן פון די טורעמס, געפּורפּלט אַ שטיק ים. אומעט האָט באַוועלטיקט מיי־לערן. ער וויל נעמען די שיף און פאָרן צוריק אין שטאָט.

ביינאַכט איז די שטאָט אַ צירק. די שיף איז שוין לאַנג געזעגלט, זי וועט באַלד אָפּגיין... ניין, ער וועט ניט פאָרן אַזוי גיך אין שטאָט. דאָרט פאַלן אויף אים אַרויף די זאָרגן. ער בינדט זיך איין גלייך אין פליכטן. אָט די ווייטע הימלען, ברייטער ים און געזאַלצענער ווינט פליגלט אים. דאָ איז אומעטיק און פריי. דאָ זיך צו באַזעצן אין אַ קליין הייזעלע מיט איין קליין פענצטער, ווי גוט עס וואָלט אים געווען. ער פילט איצט צו רעדן פאַר אימיצן...

ער וועט קלינגען צו ראָזען. זי איז אַ פּשוטע, אַן אָרבעטערין. צו וואָס דער קלינגען? ער וועט פּשוט און פּראָסט צושפּאַצירן צו איר אַהיים. אַ היים! אַ צימערל אויפן פערטן שטאָק... איין צימערל: אַ בעטל, אַ שטול, אַ קליין קאָמאָדל, אַ שפּיגל אויפן וואַנט, עטלעכע נייע ביכער אויפן קאָמאָדל. איין מאָל געווען אין צימער און אים געדענקט זיך יעדעס ברעקעלע. דאָס איז אַ גוטער סימן...

ווייט איבערן ים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ טונקלקייט, אַ בייזקייט. כוואַליעס הויכע האָבן געשלאָגן צום ברעג. מעוועס האָבן געקרייזט מיט ווילדן הונגער, האָבן זיי נידעריק געשניטן איבער די כוואַליעס. די פּאַסאַזשיר־שיפן מיט אָנגעצונדענע פייערן אין די פענצטער. די

פישער־שיפן מיט בלישצענדיקע לאַמטערנעס אויף די מאַסט־שטע־קענס האָבן ווי געבלאַנדזשעט איבער די ברייטע וואַסער־וויסטעניש.

מילער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווײַלע פון זיין האַסטיקן שפּאַציר. פון ווייטן האָט ער דערקאַנט ראָזען צווישן אַ גרופּע מיידלעך. זיי זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרטע אָן די פּאַרענטשעס. ער האָט אַפילו דערקאַנט איר קול. ער איז צוגעקומען נאָענט און פון אַ זייט געקוקט אויף ראָזען. וואָס פאַר אַ טעות... זי איז זייער שיין, אַ פאַרטראַכטער אידעלער פּנים, אומעטיקע שטילע אויגן. אויך אין איר קליינגעוויקסיקייט איז אַזוי פיל חן און פלינקייט...

— ראָזע! — האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן.

זי האָט זיך אומגעדרייט, אַ קוק געטאָן פרעמד, אָבער באַלד איז איר פּנים פאַרקוואָלן געוואָרן מיט נייגער און שטילער אייגנע־האַלטענער פרייד.

— ס'איר אַן אומגעריכטער גאַסט! — איז זי אים געקומען אַנטקעגן.

זי האָט אים וואַרעם אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעפירט צו אירע פריינדינעס: זייט באַקאַנט!

די דריי מיידלעך האָבן זיך געזעגנט מיט ראָזען. איינע האָט איר לייכט אַרומגענומען, זיך אַ דריי געטאָן מיט איר אין אַ קאַדריל. די צווייטע האָט צוגעלייגט איר באַק צו ראָזעס באַק. די דריטע האָט איר אַריינגעשושקעט אין אויער, געלאַכט אויפן קול און ראָזע האָט זיך געררויטלט...

ווען די מיידלעך זיינען אַוועק איז מילער און ראָזע געבליבן פאַר אַ ווײַלע שטיל. די דריי מיידלעך האָבן ווי צוגענומען מיט זייער אַוועקגיין די רייד און די היימישקייט... אָבער ראָזע האָט זיך גיך געפאַסט:

— טייערע מיידלעך, — האָט זי ווי אַרויסגעזונגען, — ווי שוועסטער צו מיר.

— און דו, ראָזעלע, ביסט זיי אויך גינציק?

— דאָס דאַרף מען פרעגן די מיידלעך, — האָט זי אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן.

— ראָזעלע, איך האָב היינט געטראַכט וועגן דיר. און דער מזל האָט מיר צוגעשפּילט, ווען מיר פייערן צוזאַמען דעם יום־טוב אין טעאַטער...

שפּעט ביינאַכט זיינען מילער און ראָזע אַרויס פון טעאַטער. זיי האָבן גערעדט, געלאַכט, זיך געטיילט מיט די איינדרוקן. מילער האָט געפירט ראָזען אונטערן האַנט.

ביים טיר פון איר צימער האָט אים ראָזע אַרומגענומען מיט אירע קליינע וואַרעמע הענט. און מילער האָט איר אַ קוש געטאָן פול אויפן מויל און שטיל און עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט:

— איך וועל דיך קומען זען היינטיקן שבת.

אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט ער געהערט ווי ראָזע האָט פאַר־מאַכט די טיר, און די לעצטע שטילע אָפּקלאַנגען האָבן געציטערט פון דעם אָפּגעזונגענעם טאָג.

שליאַכן און סטאַנציעס

פאַר דער רייזע

אָפּגעזעגנט מיט די אַרבעטער אין שאָפּ, האָט מאָטל נאָך גע־הערט דאָס ברומען פון די מאַשינען. ניין עס האָבן ניט געדרוישט מאַשינען! אָן אָרקעסטער האָט געשפּילט...

ער האָט זיך באַפרייט! — נאָך צוואַנציק יאָר אַרבעט אין שעפּער אויף געדרייטע טרעפּ, מיט לאַנגע טונקלע קאָרידאָרן, הינטער פאַרמאַכטע טירן. האָט ער מיט אַמאָל אויסגעטאָן דעם פאַרטעך, טיף געצויגן דעם אָטעם, די הענט אויפגעהויבן, אויסעשפּרייט ווי פליגל.

אַרויסגענומען דעם אויפגעלייגטן לעדערנעם טייסטער וואו עס זיינען געלעגן די גרינע אַמעריקאַנער באַנקנאָטן. — אַ שמייכל איז אַרויף אויף זיינע ליפּן... געגנוג געפּראַצעוועט, האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט. און מיט ליבשאַפט און נייגער געקוקט אויפן לאַנגן באַן־בילעט, געלייענט די דראָבנע שריפט, געוועזן זיכער ער וועט אָפּ־היטן די געזעצן... דאָס דינע אויסגעשטעמפּלטע פּאַפּירל וועט אים פירן אויף באַנען דורך פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלן.

אַרויס פון געשעפט, האָט זיך מאָטלען געדוכט אַז דער טשע־מאָדאַן טראָגט אים... אַריינגעפאַלן אין צימער אַ פאַרהיצטער, אויס־געטאָן דעם רעקל, אָפּגעבונדן דעם שניפּס, צעשפּילעט דאָס העמד. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין ווייכן שטול, געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, אַ סגולה דערצו, אַז די מידקייט און אויפרעגונג זאָל פאַרגיין. דורך פאַרמאַכטע אויגן דעראינערט מען זיך, מען זעט דעם לעבן אויף צוריק. עס קומען אַליין־באַשאַפענע חלומות...

שפּעט ביינאַכט, האָט ער זיך נאָך אַלץ געפּאַקט, אַרויסגענומען די זאַכן פון איין טשעמאָדאַן, אַריינגעלייגט אין צווייטן, געלאָזן אָפן די טשעמאָדאַנען, האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט מיט די הענט אויפן האַרצן, געטראַכט אַ מענטש רייזט שטענדיק אין חלומות, אין

פאַנטאַזיעס. מען קומט אויף דער וועלט, מען בלאָנדזשעט, מען בלאָנ־דזשעט — צום סוף פאַרט מען אַוועק אין דער ווייטער אייביקייט...

מער האָט מאָטל ניט געטראַכט, אַיין דרעמל שווערער פאַרן צווייטן האָט אים איינגענעפּלט, איינגעכישופט און פאַרוויגט אין טיפן שלאָף.

דורך די פענצטער פון באַן

די ערד לויפט אַ גלייכע, אַן אויפגעראַמטע, פול מיט שטראָמען און טייכן. די באַן יאָגט איבער בריקלעך, בריקן. זי גיט קורצע אומעטיקע פייפן. די קי קוקן שטום, פאַרוואונדערט, שרעק אין זייערע אויגן.

מאָטל טראַכט: וואָס הרגעט דער מענטש די רינדער, עופות. ס׳האָט געגומען דורות, — ר׳ האָט זיי פאַרהיימישט.

די הון לייגט אים אייער. די שעפּס גיט אים וואָל. די קו מילך, דערנאָך די פעל...

זיי צאָלן די באַשעפענישן מיט פריינטשאַפט — צו וואָס אַזאַ שטראָף?...

אין די ווייטע דורות וועלן אַלע חיות זיין פאַרהיימישט. דער מענטש וועט זיי ניט פירן אין בוינעס מיט באַנען, טראָקס און צופוס.

יאָ, די ביטערע מלחמה איז גוט קאַנטיק... אין די וואַגאָנען רעדן די סאָלדאַטן הויך. — איינער זאָגט: —

איך בין באַפרייט! צוויי און אַ האַלב יאָר ניט געזען מיין מאַמען. אַ צווייטער מיט אַ האַנט אויף אַ פעטליע. — איך דאַנק גאָט זאָגט ער מיט סאַרקאַזם: וואָס איך פיר אַהיים צוויי פיס, מיט איין האַנט.

שוין לאַנגע שעה׳ן עס לויפן פעלדער פאַרגאָסענע מיט וואַסערן, פאַרגרינטע, פאַרגלאַנצטע. און איבער די געפליאַסטערטע וועגן טראָגט זיך דער מענטש אין אָטאָמאָבילן, טריילרס, פליט אין הימל. און באַנען אויף רעלסן זינגען, שרייבן מיט רויך. און איבער גרויסע טייכן וואַנדערן שיפן. פישער־שיפלעך וויגן זיך. מען זעט די גרויסע שפּייז־שפּייכלערס, פאַבריקן.

דורך די פענצטער פון באַן זעט מאָטל גאַנס גרויסע וועלט. אויך דעם מענטשנס שאַפונגען...

די ערשטע סטאַנציע

אין וואָקזאַל מיטן גלעזערנעם דאַך, זיינען פיל מענטשן גע־שטאַנען אַרומגענומען מיט שטריק. זיי האָבן געוואָרט: — איינע פאַרן חתן. עלטערן פאַר זייער באַפרייטן זון. עס האָבן געקלונגען קושן, פריידיקע געוויינען, געלעכטערס, אויסגעשרייען!...

אויך מאָטל איז דערפרייט געוואָרן: — די זעלבע גיטל! זיי האָבן זיך צעקושט.

איר קוקט אויס גוט מאָטל! האָט גיטל זיך פאַרלאָרן אין איר פריינטשאַפט. אויך מאָטל האָט זיך גערויטלט.

די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטילער ברייטער גאַס, מיט קליינע רויטע געמויערטע היימען; אַרומגעפלאַנצטע מיט הויכע שאָטנדיקעביימער. קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף די טראָטואַרן. הינט האָבן געדרעמלט אויסגעצויגענע אויף זייערע לאַפּעס. אַ ווע־וועריקל האָט געהוידעט צווייגן פון אַ געדיכטן ברייטן בוים. און אויפן מיטן טראָטואַר אין אַ קליין בערגל, האָט זיך געהויבן אַ מוראַשניק...

דענווער

דאָ זיינען שיינקען קליינע מוזייאומס. אויף די ווענט קעפּ פון הירשן מיט פאַרצווייגטע הערנער. פעל פון ווילדע קעץ. רויב־פויגל, מיט פאַרדרייטע שטאַרקע שנאָבלען, קרומע נעגל. פאַזאַנען אין זייער פליען, מיט פיל־פאַרביקע פעדערן. אויך שטיינדלעך אין זייערע ווילדע פאָרמען. עס זעט זיך אין זיי קריסטאַלן, מעטאַלן. מענטשן לעבן אין די ווענט פון בערג ווי אָדלערס.

יאָ, אַן אָדלער איז געלעגן אַ טויטער אויף אַ שטילער גאַס, אויסגעשפּרייט זיינע מעכטיקע פליגל. קינדער האָבן מורא געהאַט

צו גיין נאָענט. אויף די הינט, האָבן זיך געהאַלטן פון ווייטן. דאָ לעבן די היישעריקן, זיי שפרינגען, שמוצערן, שיילן אָפּ די גראָזן.

זיצט אין אייער מדבר־לאַנד! זעגט דורך די שטערנדיקע נעכט...

מאָטל איז געזעסן מיט אַ סך צוקוקער פאַר אַ זון־אונטערגאַנג. בערג, האָבן דער זון צעשמעטערט אויף פיל זונען. שטראַלן האַלב־דערטרונקענע, האָבן זיך געראַנגלט, געגלוטיקט, אָנגעצונדן דעם ברעג פון הימל, אין אַ ים פון פייער און פאַרב.

און די שפּיצן בערג מיט שנייאיקע היטלען האָבן געברענט...

דענווער סאַניטאָריום

ס׳איז אַ באַזונדער שטעטל מיט גאַסן און רויטע מויערן. פון איין זייט שפּאַרן מעכטיק קאָלאָראַדער בערג. און אַרום איז געגאַרטלט „דענווער" אַ געזוניקטע, ווי אויסגעמאָלן פון גאָטס האַנט.

— פאַרוואָס זיינען דאָ ווייניק ביימער, בלומען? פרעגט מאָטל דעם מאַן וואָס פירט און ווייזט אים יעדע אָפּטיילונג.

צופיל ביימער, בלומען, איז ניט גוט פאַר די קראַנקע. זיין קול איז שווער. מיר פאַרמאָגן פּערציק אַקער־לאַנד. מיר האָבן גענוג קאָרמע פאַר אונזערע קי. מילך פאַר די חולאים.

מאָטל האָט באַטראַכט די שטאַלן. די פענצטערלעך מיט דראָ־טענע שטעקעס. אויף בייסנדיקע מעדיצינען האָבן געשלאָגן, די פליגן זאָלן זיך ניט פלאָדיען. וויך אין שטרוי זיינען געלעגן זויגלינגען־קעלבלעך.

— אונזערע קי זיינען די בעסטע אין לאַנד מיר קריגן מע־דאַלן... האָט דער מאַן גערעדט. — אָפּגעצאַמט איז געשטאַנען אַ ביק מיט אייזערנע רינגען אין נאָז.

דער האַלז מיט אַ נידעריקן גווידער. אַ ווייסע מוראדיקע חיה צוגעבונדן אויף אַ קייט. עס האָט געדונען גאַוואַר פון זיין מויל. אין די אויגן אומעט, רציחה, גבורה אין זיין קאַרק, אין זיינע לענדן.

אין די געראַמע, הויכע געזוניקטע צימערן ליגן מענטשן גע־

שטרעקטע אין די בעטן מיט ציטערדיקע הענט. געלע פּנימער ווי ציטריגנען שוואַכע שטימען ווי ביי פייגעלעך. די ליילעכער און ציכן זיינען ווי הורבעס שניי. און דורך די גרויסע פענצטער קוקט אַריין דער הויכער ריינער בלויער הימל. די דריי קייטן בערג שפּיגלען זיך אין די פענצטער...

— אַ סך לייכטע אַרבעטן ווערן אָפּגעטאָן פון די פּאַציענטן.

אין ביבליאָטעק זיצן מענער, פרויען, אַרבעטן פּאַמעלעך. עס אָטעמט אויף זיי די ריינקייט, די טרוקנקייט און דער געזאַנג פון די ביכער אויף זייערע אויסגעאיידלטע פּנימער. די האַלבע קראַנקע וואָס קענען שוין אַ ביסל אַרבעטן. זיי קוקן מיט גליקזעליקייט און בענטשונג אויף די געסט וואָס קומען זיי זען.

— ווי איר זעט האָט דער מאַן געראַדט טיילט מען איין די קראַנקע אין קלאַסן. מיר זאָגט ער האָט מען אויסגעשניטן אַ ריפּ, פּאַרנייט אַ לונג. גאָט צו דאַנקען גיי אַרום. טו נוצן פּאַר אַנדערע.

— קומט מאָרגן האָט דער מאַן זיך געזעגנט מיט מאָטלען וועל איך אייך וויזן דעם טעאַטער, די דרוקעריי, דעם אינסטרומענטן־צימער...

אויף די שטילע ריינע גאַסן האָבן דאָקטוירים געאיילט. שוועסטער אין ווייסן אָנגעטאָן טרייסטנדיק געשמייכלט...

באַענט אומעטיקט דער בית־עולם.

מאָטל האָט לאַנג געקוקט אויף דער אייביקער שטוב פון דוד עדעלשטאַט. דער הויכער שטיין ווי אַ פאַרשניטענער בוים. די ביימער זאָגן תפילה אין ווינט. און די ווערטער פון זיין ליד, אויף דער מצבה, זינגען ווי מיט שטימען אַרום זיין אייביקער שטוב...

אין די בערג

ישראל קירעוועט די מאַשין אויף די געדרייטע שמאָלע וועגן. צווישן די שטיינערנע ווענט פון די בערג. — מאָטל איז אָנגעשפּירט מיט גרויזאַמע שיינקייטן. אין די פעלזן־שפּאַלטן וואוינען אָדלערס זיי שאַרפן די שנאָבלען אויף די סקאַלעס. פישער־לייט שטייען צו־

פוסנס די בערג וואו עס לויפט אין זיג־זאַג אַן אימפּעטיקער שמאָלער טייך. דאָס וואַסער קאָכט, טראָגט שוים אויף די געקאַרבטע כוואַליעס. איבערן טייך ליגן אַראָפּגעקייקלטע שטיינער פון די בערג. די טי־גער־פיש שווימען קעגן שטראָם; ווען ניט צערייסט זיי דער וואַסער אויף די שטיינער. יעגערס אין רויטע גאַרניטערס בראָדזיען נאָך די פוס־טריט פון הירשן. דאָ קען מען נאָך זען די ערשטע שטעגן וואָס די אינדיאַנער האָבן אויסגעטראָטן און איצט לייגט שוין אויס דער מענטש וועגן אויף די בערג־שפּיצן, איבער די וואָלקנס...

אויף קאָלאָראַדער וועגן

דער וועג איז פאַרשיינט, פאַרגאָסן מיט זון, און גאָט שפּאַצירט אויף די בערג אין די וואָלקנס.

דער אַגענט פון די אידישע צייטונגען דערציילט משלים פון דובנער מגיד. — דאָ זיינען פאַראַן „גייסטער", שטעטלעך אָן איינ־וואוינער. — מיסטער ראָזענבלום, רופט ער זיך אָפּ, טרייבט פאָמע־לעך די מאַשין. מיר פאָרן באַלד אַריין אין „קאָלאָראַדע ספּרינגס". דאָס שטעטל איז אויפגעהויבן זיבן טויזנט פוס איבערן ים. דאָ געפינט זיך איינער פון די גרעסטע האָטעלן אויף דער וועלט.

דער האָטעל האָט זיך באַוויזן מיט פיל געטורעמטע געביידעס, פליגלען און טויערן. עס לויפן אַ סך געפליאַסטערטע וועגן צום האָטעל. די געסט זיצן אויף וויגנדיקע שטולן, ווערענדעס, אויף גאַ־ניקעס, אויף דעכער מיט שפּאַקטיוון אונטער גרויסע פאַרביקע שי־רעמס. זיי קוקן אויף די ריזיקע בערג, אויף די געסט וואָס פאַנגען פיש אין טייך; אויף די געסט וואָס שיפן זיך אויף בלויע לאָדקעס.

אויף די ווענט פון גרויסן זאַל הענגען פּאָרטרעטן: אין אַ סאַ־מעטענע זשילעט קוקט אַראָפּ „שאַליאַפּין". און אין די בערג, אויס־געהאַקט פון שטיין, קוקט אַראָפּ „וויל ראָדזשערס" מיט אַ פאַרגלי־ווערטן שמייכל.

די מאַשין איז אַרויסגעשוואומען פון קאָלאָראַדע ספּרינגס".

— וואָס מען קען דערגרייכן מיט אַ נייער מאַשין אין אַ זומער־דיקן טאָג, — האָט ראָזענבלום אויפגעלעבט געזאָגט.

דער וועג האָט זיך געדראַפּעט אַרויף. די ווילדע בערג האָבן איינגעשלונגען די האָריזאָנטן. און דער הימל האָט זיך ווי געשפּאָלטן אויף זייערע שפּיצן. די נאַקעטע בערג זיינען געשטאַנען פאַרגלאַנצט ווי שפּיגלען. די ווינטן האָבן ווילד געפייפט אין דעם מוראדיקן דרויסן...

ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שטעטל מיט אַלטע פּוסטע הייזער, לערע גאַסן. די פענצטער פאַרוואַקסן מיט שטויב. די טירן פאַרשלאָגן. די געשטרייפטע סלופּקעס פון די שערער דרייען זיך ניט. צעבראָכענע פאַרזשאַווערטע מאַשינען שטייען אויסגעשפּאַנטע. — דאָ איז אַ מינע פון זילבער, — רעדט דער אַגענט פון די אידישע צייטונגען. — קוקט זיך בעסער צו, האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ האַנט... אַ הילצערנע געביידע איז געשטאַנען, פאַרזונקען אין אַלטקייט. אין אַ ווינקל האָט זיך געזען אַ האַלב־פאַרמעקטער מגן־דוד. — דאָ איז געווען אַ שול, האָט מאָטל אויפגעשריען. די טיר, די פענצטער, זיינען געווען פאַר־קלאַפּט מיט ברעטער. אַנטקעגן איז פון אַ צען־טויזנט פוסיקן באַרג אַראָפּגעפאַלן מיט געשריי אַ ברייטער אויף טרעפּ־געשפּרונגענער וואַסער־פאַל...

מאָטלען האָט זיך געדוכט, אַז אין דער אַלטער פאַרגעסענער שול שטייען אידן אין טליתים און קיטלען און זיינען מתפּלל...

פּוסטע פעלדער

מאָטל קוקט אויף די וויטע ברייטע פּוסטע שטרעקעס. פאַר־האַרטעוועטע, פאַרלאָזענע פעלדער. אַן אַקער האָט זיי ניט געשניטן און אַ בראָנע האָט זיי ניט געקאַמט. וואו־ניט־וואו זעט זיך אַן אָנ־געבויגן צונויפגעקלאַפּט שטיבל. די פעלדער זיינען זאַמדיקע, ניט פאַרשטעלט פון בערג. באַשיצט פון וועלדער. זיי ליגן פאַרטריקנטע, אָפּגעדעקטע, פאַר די ווינטן און זון. אַלטע צעטריקנטע גראָזן צו־געטולי־עטע צו בייע, גרינע, שאַרפע. אַלטע אויסגעבלייכטע דערנער שטייען אויסגעמישט מיט די ניי־געבאָרענע שטעכדיקע, געצירטע אין ווילדע בלומען. נעצן פון שפּינען ציטערן פאַרצויגענע אויף די

שפּיצן גראָז. אַנדערע שפּינען שלאָפן שווערע אויף שפּינוועבס־בריקן. זייערע אָנגעזעטיקטע, אָנגעטרונקענע קערפּערס זײַנען ווי קליינטשענקע באַלונען. אויף אַ שטיין ליגט געשפּאַנט אַ יאַשצעריצע. עס שטייט אַ בוים מיט אַ סך אָפּגעדאַרטע צווײַגן. דער שטאַם אויס־געדרייט, אויסגעשלאָגן מיט גוזעס. אונטן איז דער בוים אויסגע־הוילט. עס וואַלגערן זיך פֿעדערן פֿאַרשפּריצט מיט בלוט, ביינדלעך בלײַכן זיך. דער אַלטער בוים דערציילט ניט... זײַנע קראַנקע מידע וואָרצלען ליגן אָפּגעדעקטע, אָן זאַפֿט, אָן לעבן.

אונטער די שיכטן זײַנען נאָך פֿאַרבליבן וואָרצלען וואָס נערן און גרינען אַ סך צווײַגן בײַם קרוין.

עס זעען זיך נאַרעס און לעכער, דאָ וואוינען די פֿעלד־מײַז. אויך זעט זיך אַן אויסגעטריקנטע בעט פֿון אַ טײַך. די הויכע ברעגן מיט די פֿאַרוואָקסענע קוסטעס — דערציילן...

אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע קאַלב, אַ גלאַנציקע, אַן אויסגעפּאַשעטע האָט געשטויבט איבערן פֿעלד און געריטשעט. בייזע פֿליגן זײַנען איר באַפֿאַלן. אירע פֿיס האָבן געציטערט. עס האָט איר געשפּאַרט שוים פֿון מויל. און אויף דער פֿעל האָט אַרויסגעשלאָגן אַ נאַסקייט. — מיט אַמאָל האָט דאָס קאַלב זיך אַ וואָרף געטאָן, אויסגעקייקלט זיך אינעם זאַמד.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ קרעכץ. דאָס זאַמד, האָט גע־קלעפּט ווי אַ פּאַנצער. זי איז געגאַנגען צו איר היים. פֿון אירע נאָז־לעכער האָט געררויכערט.

אין מדבר

די באַן איז געשוואומען אויף די גלאַנציקע ליניעס. די זון אָנגעקרוינט מיט שטראַלן, האָט אָנגעצונדן די זאַמדן. דער ווינט האָט די זאַמדן געקערט אין דורכגעלויכטענע זײַלן.

גאָט׳ס השגחה! ווען ניט די טייוול־גראָזן וואָס דעקן און בינדן די זאַמדן, וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן. און די בערג ברעכן די שטורעמס.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מאָטל אַרויסגעשטיגן.

ער האָט געהאַלטן האַלב פאַרמאַכט די אויגן ווי אין תפילה. עס האָט געבלענדט פון ליכטיקייט. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם זאַמד, ס'האָט געבריט די פינגער. אויך דער טרוקענער מדבר האָט פלאַנצן; קרו־מע, שטעכיקע, מיט בייזע קאָלירן. ער האָט געפונען אַ בלימל און אַריינגעשטעלט אין לאַץ. דאָ וואוינען די שלאַנגען, די עקדישן. אויף די צעדרייטע, מגושמ'דיקע פלאַנצן נידערט אַלע פרימאָרגן דער טוי. די מדבר־פויגל פאַרגראָבן זייערע אייער אין זאַמד. און דער זאַמד בריט די אייער אויס. שלאָף און טרויער ליגן פאַרשפּרייט איבער דעם זאַמדיקן ים. גליאיק מיד זיינען דאָ די טעג. די ווילדע געוויקסן, גיפטיקע באַשעפענישן, דרעמלען אין די בייטאָגן דאַרשטיקע און פאַרחלשטע...

אַ גרויסער טאָג איז פאַרגאַנגען. די באַן האָט דורכגעמאַכט הונדערטער מיילן אין דער פוסטינע. די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן מיט פינצטערניש און שטילעניש. די באַן האָט געשפּאָלטן די וויסטעניש מיט אויסגעשרייען פון אַ ווילדער פאַווע. אַ פייערדיקער רעגן איז געפאַלן אויף די שויבן. די פונקען און דער ליכטיקער רויך האָבן זיך צוזאַמענגעמישט.

מאָטל האָט געזען דעם „עמוד־האש און „עמוד־הענן". און משה האָט געפירט די אידן אין גאָט'ס צוגעזאָגטן לאַנד...

לאָס אַנגעלעס

מאָטל איז געשטאַנען אַ געגרייטער, — געוואָלט דערזען פון וויטן די גרויסע שטאָט וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ביים פּאַסיפישן ים.

זיך אָנגעלייענט אין דער אַלטער היים וועגן קאַליפאָרניע: דאָס גייעג נאָך גאָלד!... דאָס לאַנד וואו עס שיינט אַלע מאָל די זון. דאָס לאַנד וואו עס וואַקסן טייטלען, פייגן, מילגרוימען און איילבירטן.

יאָ, די באַן גייט שוין פּאַמעלעך. דריי טויזנט מייל זיך דורכ־געקאַטשעט פון ניו־יאָרק ביז לאָס אַנגעלעס. געזען וואו עס האָדעווען זיך שעפּסן, רינדער. געזען די פעלדער און זאַוואָדן. דורכצופאָרן אַ לאַנד איז ווי אַ מענטשנס לעבן, — מען זעט דעם אָנפאַנג דעם סוף...

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מאָטל איז פון די ערשטע אַריין אין וואָקזאַל. אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער, האָט ער אויס־געזונגען: וואונדערלעך זיינען די מעשים פונעם מענטשן... די באַן איז אָנגעקומען אין די מינוטן...

ער האָט אַרויסגעקוקט דורך די גרויסע אָפענע טירן. אין פּאַרקל אויף בענק, זיינען געזעסן און געלעגן מענטשן. אין ניו־יאָרק זיינען איצט די פּאַרקן פּאַרשנייט. און דאָ גרינען די ביימער. שטאָל־צע, הויכע פּאַלמען שטייען אויסגעצויגן מיט זייערע פעסטע קיילעכ־דיקע שטאַמען, אין שטרויענע קליידלעך ווי די „האַוואַיען מיידלעך", די קעפּ באַקרוינט ווי מיט פּעכערס. ער פלעגט דאָס זען אין ניו־יאָרק אויפן לייוונט... איצט טאַפּט ער די שטאַמען פון די פעפער און ציפּרוס־ביימער. — ער קוקט אויף דער שטאָט, מיט די ווייסע און געלבלעכע הייזער. און די פּאַלמען אין רייען שטאָלצע, די יחסנים פון די טראָפּישע לענדער. הייזער שטייען אויף בערג און טאָלן. ווי אַ סך דערפער האָבן זיך צוזאַמענגענומען. מען זעט די געלע און רויטע טראַמווייען, זיי קריכן אויף בערג, ווערן פאַרפאַלן אין טאָלן...

וואַרעמע הענט, האָבן אים אַרומגעכאַפּט. זיין חבר דוד איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער פון גליק. אַ שטאַרק געברוינטער פון קאַליפאָרניער זון.

אויך האָט זיך באַוויזן אַנאַ מיט אַ קאָפּ פייערדיקע האָר, בלויע אומעטיקע אויגן. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, צעקושט.

— ווּעסט אָנוואַרעמען דיינע ביינער אין קאַליפאָרניע, האָט זי הויך געלאַכט. געקראָגן פאַר דיר אַ צימער לעבן פּאַרק. ווּעסט קאָר־מענען די פויגל, די פיש.

אַנאַ האָט גענומען אין טשעמאָדאַן. דוד דעם צווייטן. זיי זיי־נען אַריין אין רעסטאָראַן לעבן וואָקזאַל. אַ מיידל אין ווייסן אָנגעטאָן האָט געגאַנגעט... אַנאַ האָט איר שטיל עפּעס געזאָגט. — באַלד איז שוין געשטאַנען אַ גלאָז אָפּעלצין־זאַפט.

מאָטל האָט געטרונקען פּאַמעלעך, געפילט די ווייכקייט, דעם אַראָמאַט.

און דער רויך פון די סיגאַרעטלעך האָט זיי איינגעוויקלט ווי אין בלויען טיול.

עקאָ־פּאַרק

„עקאָ־פּאַרק" איז געוואָרן מאָטלס היים. גאַנץ פרי איז ער שוין דאָרט געווען מיט אַ בוך אין האַנט. אָבער דעם בוך אָפילו ניט געעפנט. גערעדט מיט די וועכטער, צוגעקוקט ווי זיי רייניקן דעם געקינסטלטן טייך. די פייגל באָדן זיך אין די פרישע וואַסערן. דער־נאָך שטעלן זיי זיך אויף די בריקלעך.

אַן עלטערע פרוי איז אַלע טאָג געקומען אין פּאַרק. זי האָט מיטגעבראַכט אין אַ טעשל אַ טשערעפּאַכע. זי פלעגט איר מיט אָפּ־געהיטקייט אַוועקשטעלן אויפן גראָז קעגן זון. לעבן דער טשערע־פּאַכע אַוועקלייגן סאַלאַטע־בלעטער. דאָס באַשעפעניש האָט פאַר־זיכטיק אַרויסגעשטעלט איר קליינעם קאָפּ פון אונטערן פּאַנצער. און קינדער האָבן געקוקט מיט אומפאַרשטענדלעכן וואונדער...

אַ גרויסער וואָלף־הונט האָט זיך באַוויזן. ער האָט געפירט אַ יונגע בלינדע פרוי. זי האָט צו אים גערעדט: ער האָט זי צוגעפירט צו אַ ליידיקן באַנק. דער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אירע פיס. צוויי שוועסטערלעך האָבן זיך באַוויזן נאָענט... דער הונט האָט זיך אַ בייזער געטאָן. די בלינדע האָט זיי באַרואיקט: זיי גע־בעטן זיצן. זי האָט זיי אויסגעפרעגט ווי אַלט זיי זיינען. זיי געגלעט. — דערציילט: זי זעט ניט אויף אירע אויגן. די שוועסטערלעך זיינען געבליבן זיצן שטילע, אומעטיקע. די בלינדע האָט אַרויסגענומען שאָקאָלאַד פון איר טעשל. די שוועסטערלעך האָבן געדאַנקט. און ווי קאָמעדיאַנטלעך געקוליעט אויפן גראָז. די ברייטע קליידלעך האָבן פאַרדעקט זייערע פאַרמוצקעטע פּנימלעך...

לעבן לאַנגע הילצערנע טישן זיינען געזעסן עלטערע מאַנס־בילן און געשפּילט אין קאָרטן. זיי האָבן אויסגעקוקט געלייטערטע פון וואַנדערן, האָפענונגען און זינד. איינער איז געזעסן אויף אַ קישעלע. אַ צווייטער אין אַ וועגעלע, האָט געשפּילט אַזאַרטנע. אונ־טער זיינע ברילן האָבן אַרויסגעקוקט פייערדיקע אויגן...

אינעם פאַרשלאָפענעם טייכל שווימען קאַטשקעס אַנדערע פון געפליגלטן מין. די איינוואוינער לעבן די פאַרקלעך וואַרפן ניט אַרויס קיין אַלטע ברויט. מען ברענגט עס צו די פייגל. זיי זיינען פּרעסערס זויפערס... דער טייך איז פאַרשפּרייט מיט פעדערן "קאַרל מאַרקס" קאַמף קומט פאַר אין אַלע ווינקלען פון דער ערד...

אַ יונגער מאַן האָט זיך באַוויזן. אַ גיטאַרע פאַרוואָרפן אויף זיינע פּלייצעס. און צו זיין פּנים געטוליעט אַ קינד. ער האָט אַוועק־געזעצט דאָס קינד אויפן טיש, אויסגעלייגט די גיטאַרע אין שויס, האָבן די קלאַנגען, זיין געזאַנג, זיך געמישט ווי פונקען. דאָס קינד האָט אים געקוקט אין די אויגן. און די פייגל אויפן טייך, זיינען געזעסן פאַרגליווערט.

אָפּגעזונדערט ביי אַ טיש איז געזעסן אַן אַלטער מאַן און גע־וועבט. ער האָט דאָס שיפל דורכגעלאָזן מיט די טעמפּע רויטע פינגער אין די געפּאַרבטע פעדים. — די פּאַרטיקע סערוועטלעך מיט די פייגל און בלומען זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טיש ; זיי האָבן געלעבט אין לייכטן ווינט.

ניט ווייט איז געלעגן אַ הימלאָזער אויסגעצויגן אויפן גראָז. לעבן אים אַ פּאַק מיט זיין ביסל אָרעמקייט. אַן אויסגעדאַרטער פאַר־וואָקסענער... מיט פּאַרלאָטעטע הויזן פאַרשטויבטע שיך. אויף זיין פּנים איז געווען לייטזעליקייט, פאַרטראַכטקייט און וואַנדער־אומעט...

אַנטקעגן איז געזעסן אַ מאַטראָס אַ שלאַנקער, אַ מוסקוליסטער, אַ גבור אין די פּלייצעס. ער האָט געהאַלטן אַריינגענומען אַ קליינע דראָבנע מיידל מיט אַ קינדישן פּנים. זיי האָבן זיך געקושט, געהאַלזט ווי שיכורע...

יאָ, מאָטל האָט דעם בוך אָפּילו ניט אַ בלעטער געטאָן. ער האָט געזען דעם בוך פון לעבן...

ביי טאָג און ביינאַכט

מאָטל האָט אַראָפּגעוואָרפן די ווינטערדיקע מלבושים. אָנגע־טאָן אַ זומערדיקע העמד, מיט אַ ברייטן אָפענעם קאָלנער, געלע הויזן. דאָ גייען אָנגעטאָן ווייבער אין מאַנסבילשע הויזן מיט קעשע־

נעס, זיי פירן אַרום אין וועגעלעך אויף צוויי רעדער די שפּייזן און פּרוכטן. די לופט איז מלאָסנע. מענטשן שטייען צוגעשפּאַרטע אָן די ווענט פון די געשעפטן, הייזער. די וואָס וואַרטן אויף אַ באָס, אַ טראָמוויי זעצן זיך צו אויף בענק, וואָס שטייען אויף די טראָטואַרן.

דער מדבר האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל...

מען פאַרקויפט דאָ וואַסער אין גרויסע גאַלאָנען, ווי שטראָוס־פייגל. אייז־קרים און פיש פירט מען מיט מוזיק... די אַפּאַטישע איינוואוינער ווייזן זיך פון די אָפּגעקילטע הייזער, וואו זיי זיצן לייז און צעשפּיליעט מיט אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן אויף די פענצטער.

די הינט ליגן אין שאָטן, סאָפּן מיט אַרויסגעהאַנגענע צינגער. לאָס־אַנגעלעסער טייך איז אויסגעטריקנט, די שטיינערנע טיפע בעט וואַרט עס וועט אַראָפּפאַלן אַ רעגן. וועלן פון די בערג אַראָפּגידערן געלע שמוציקע וואַסערן...

מאַטל האָט אָנגעטראָפן אויף די גאַסן באַקאַנטע. זיי קוים דער־קאָנט, אָנגעטאָן ווי דאַטשניקעס, הויזן ווי קישקעס, אָפענע העמדער. אין די הענט אַ געפאַרבטער סוועדערל. אויף די אַקסל, אַ געפּאַסע־וועטער דזשעקעטל. טאָמער גיט אַ בלאָז אַ ווינטל, כאַפּן זיי עס אַרויף אויף די פּלייצעס...

די שטאָט איז מוראדיק צעוואָרפן. די מענטשן אָנגעלאָפענע. עס קוויטשען אַמבולאַנסן ווי די ניט־גוטע. די שטאָט איז פול מיט לאָמע, קרומע...

ביינאַכט! איז לאָס־אַנגעלעס אַ גן־עדן. דער דרויסן איז אָפּ־געקילט פון ים. פון די בערג. די שטאָט איז עלעמונירט. אַלע בערג און טאָלן זיינען באַלויכטן. אין די הייזער הענגען מאַלערייען, רע־פּראָדוקציעס, פאָטאָגראַפיעס. די פאַרצעלייגנע געפעסן זיינען מיט פייגלען און בלומען. קאָלירן מישן זיך מיט ווייכן ליכט.

אין יום־טובדיקע טעג, שפּאַנען איין לאָס־אַנגעלעסער איינ־וואוינער די קאַטערינקעס. מען צעלאָזט זיך אויף קאַליפאָרניער ברייטע געפליאַסטערטע וועגן. ביי די זייטן ציען זיך אָפּעלצינען־פּלאַנטאַציעס. סעדער פון וועלישע ניס. קרומע, פאַרשוואַרצטע, הער־נערדיקע ביימלעך מיט ווייַנטרויבן. עס בלויען בערג. מען פאָרט

דורך שטעטלעך מיט ווייסע קליינע הייזער, ווייט איינע פון די אַנ־דערע. אויף די וועגן שטייען קיילעכדיקע געפּאַרבטע רעסטאָראַנען. זיי קוקן אויס ווי קאַרוזעלן.

יעדער באַרג האָט דאָ אַ געשיכטע, יעדער שטיין איז היס־טאָריש. די פּאָרער שטייגן אַרויס פון די מאַשינען. מיט די פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַטלעך כאַפּן זיי אַרונטער די בערג, די טאָלן. זייערע אַלבאָמען זיינען בייכיק.

מאָטל איז געזעסן אינעם רעסטאָראַן „מיט שטימונג". עס שטייען נאָכגעמאַכטעביימער. פון דער גאַלעריע פאַלט אַ וואַסער־פאַל. ווייכע ליכט שימערט. אַ מיידל מיט צעלאָזענע האָר שפּילט פידל. און אַ נעגער מיט גרויע האָר זיצט מיט אַ פאַרלאָשענעם ציגאַר פאַרדירמלט.

אַ רעגן אין לאָס-אַנגעלעס

שוין אַ פּאָר וואָכן דער הימל איבער לאָס־אַנגעלעס איז פאַר־וואָלקנט. אין די בייטאָגן רייסט זיך דורך די זון מיט שפּיזיקע שטראַלן דורך די רויכערדיקע וואָלקנס. ס'איז שטיל. אַ בוים שאָקלט ניט. בלימלעך רירן ניט, קוקן אויס אָנגעקלעפּטע...

אינדערפרי ווילט זיך מאָטלען ניט אַרויסגיין פון דער איינ־געוואָרעמטער בעט. עס טרייסלען די ביינער. ער זיצט ביים גאַז־אויוועלע. אין די פיס איז וואַרעם. פון די קני ביזן קאָפּ איז קאַלט. די הייזער זיינען הילצערנע אויפגעקלאַפּטע פון דינע ברעטלעך. פאַרטינקעוועט פאַרפאַרבט אויסגעקילטע ווי לידאָוונעס. עס סקריפּן פאַדלאָגעס ווען מען טרעט אויף זיי...

די וואָלקנס האָבן זיך אָנגעקליבן, אָנגעוואָקסן איינס אויפן אַנ־דערן. פאַרדעקט פאַרפינצטערט דעם הימל. פאַנאַרן־לאָמפּן זיינען געוווען אָנגעצונדן ווי ביינאַכט...

מיט איינמאָל האָבן זיך די וואָלקנס אויפגעבראָכן. ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ גלייכער שטאַרקער רעגן. פויקן האָבן געקלאַפּט אי־בער די דעכער. אויף די פענצטער האָבן ווי פליגלען געפּאַטשט. אי־

בער די גאַסן־רינעס געפּלייצט. ס׳האָבן זיך געעפנט די פענצטער פון הימל...

מאַטלען האָט זיך געדוכט אַלע הייזער וועלן צעשווימען...

די אײַנוואוינער האָבן זיך באַוויזן געגורטעטע אויף די גאַסן אין זייערע זומערדיקע פּליודערן. מיט אַלטע אָפּגעקראָכענע מאַנטלען אָן קנעפּ. אויף די קעפּ אַראָפּגערוקטע היטלען, ווייכע קאַפּעליושן, ווי ווײַנגערס! ווי פישער־יונגען!... אין שירעמס מיט צעבראָכענע ביינער. אין רעגן־מאַנטלען קורצע ביז די קני. אָדער לאַנגע ביז די פּיאַטעס.

אין דער זוניקער שטאָט שטייען שטולן אין דרויסן, שטריק באַהאַנגען מיט וועש, קליידלעך פאַרביקע. אַלץ ווייקט זיך און ווײנט. די ערד איז נאָכגעלאָזן, ווייך ווי קאַשע. עס קלײַען זיך די שיך. צײַ־טונגען זײַנען פול מיטן בייסן פון די רעגנס. זיי באַשרײַבן וויפל אינ־טשעס רעגן עס זײַנען געפאַלן אין מזרח־געגנטן, מערב־ראַיאָנען. מאַשינען זײַנען געשעדיקט געוואָרן. מענטשן פאַרוואונדעטע, פאַר־לאָרענע...

אָבער די צײַטונגען טרייסטן: עס וועט זײַן מזל־ברכה פאַר קאַליפאָרניער אויסגעטריקנטער, פאַרשמאַכטער מדבר־ערד...

מאָטל איז אַרײַן אין „עקאָ־פּאַרק". געזען די קאַטשקעס, די „כינעזישע בלאָטע הינער" שטייען אין קופּקעלעך אויפגעגנומענע, אויסגעצוואָגענע, מיט אַראָפּגעלאָזענע פליגל. אומעטיקע, שטומע, וואַרטן זיי אויף דער זון אָפּצוטריקענען די פעדערן. אויך וואַרטן זיי אויף די שפּאַצירנדיקע מענטשן וואָס קומען מיט ברויט און קערנער. די טויבן ליגן אײַנגענורעט אונטער די פּעכער־בלעטער. צעפלויגענע אונטער שווערע דעכער פון קלויסטערס. אַנדערע פייגל שטייען אויף נאַקעטע צווייגן, ווי שלאָפנדיקע, ווי אויסגעשטאָפּטע אין די מוזיי־אומס. און די שוואַנען זיצן אײַנמיטן טייך די קעפּ אײַנגענורעט אונ־טער די פליגל. זיי קוקן אויס ווי ווײַסע בוקעטן וויגנדיקע אויפן וואַסער.

וויל ראַדזשערס זומער-היים

אין דרויסן אויף אַ שטענדער איז געלעגן פאַנאַנדערגעעפנט אַ בוך. מאַטל האָט זיך איבערגעבויגן אײַנגעשריבן זײַן נאָמען אין אידישע אותיות. די אידישע ווערטער זײַנען געלאָפן אַנטקעגן די פיל נעמען אויסגעשריבענע אין ענגלישע בוכשטאַבן.

„וויל ראַדזשערס" זומער־היים שטייט אויף אַ באַרג. אַ גע־פאַרבטע, געשאָלעוועטע שטוב, אַן אַרומגענומענע מיטביימער און בלומען. אַרומגערינגלט מיט וואַזאָנעס פון אַלערליי ערדן און פלאַנצן...

מאַטל האָט געקוקט דורך די גלאַנציקע שויבן אויף דעם חדר, וואו ס'איז געשטאַנען אַ פאַרבעטע בעט, וואָס האָט דערציילט די חלומות, טרוימען פון „וויל ראַדזשערס". ביכער אין די שראַנקען, אויף די פאָליצעס: — האָבן געבענקט נאָך זײַנע גרויע קלוגע אויגן. אויף אַ טישל לעבן בעט, זײַנען געלעגן אויסגעשפּאַנטע ברילן, מיט אויפגעהויבענע האָלאָבליעס. די שטולן פאַרשטילטע, לעבן הילצערנעם געברוינטן טיש. אַלע שטיקער מעבל, זײַנען געשטאַנען גע־הייליקט פאַרלאָזט... דער אויוון אויסגעקילט. אויף די ווענט אַ גרויסער פּאָטרעט: — „וויל ראַדזשערס" האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ קלוגן שמייכל, און אַ פּאַסמע גרויע האָר איבערן ליכטיקן שטערן. אַ רויטע טיכל אַרום האַלז. אַ געקעסטלטע רויטע בליוזע. און אין אָוועראָלס. אומעט, שטילקייט, רו, האָט געוויינט פון סטעליע, ווענט. און פון דער דורכגעברענטער ליולקע...

אין צווייטן צימער איז געשטאַנען אויסגעשטאָפּט אַ בופל־אָקס מיט דער האָרבאַטער פּלייצע. דער פּנים מיט אַ באָרד, ווי פון אַ ווילדן מענטשן. און הערנער, וואָס האָבן דערציילט פון ווילדע גראַנ־גלען... אויך אַ קעלבל איז געשטאַנען אַן אויסגעשטאָפּטע, ווי אַ לע־בעדיקע מיטן פייכטן נאָז און אומעטיקע אויגן...

איבעם צימער זײַנען געלעגן אַנגעוואָרפן געצייגן, אַלטע ביקסן, קינזשאַלן פאַראָסטעטע, צעבויגענע שווערדן. שטריק, מיט וועלכע מען האָט געצאַמט ווילדע פערד אין פּריירע. אויך ביוסטן פון אינ־דיאַנער...

מאָטל איז געשטאַנען פאַראומערט פון די פעלן, ביוסטן, שטריק און הערנער. ס'האָט ניט האַרמאָנירט, ניט מיטגעזונגען מיטן פאָלקס־מענטש, קינסטלער און רייזנדער „וויל ראַדזשערס"!

אין דריטן חדר: — זיינען אונטער גלעזערנע צודעקן געלעגן טעלעגראַמעס, קורצע בריוולעך, אויסשניטן פון צייטונגען. פיל ביל־דער אין גרים, וואו ער האָט זיך געוויזן אַ לאַכנדיקער אויפן לייוונט...

די הילצערנע שטוב איז געווען פול מיט מרגלים...

אַן אַלטער קלויסטער

דאָס שטעטל „ריווערסייד" ליגט ווי אַ גרינע אויסגעמאָלטע שיסל. פון אַלע זייטן לאַגערן בערג. אין די גאַסן טראָגן די קיילעכ־דיקע לאָמפּן שיינען פון בלוילעכן פּאַרצעליי. די הייזער פאַרשאָטנ־טע, באַקרויינטע, מיט וואַזאָנעס און בלומען. די אָנגעפּאַרענע געסט גייען ווי אויף סאַמעט צום אַלטן קלויסטער. אויך מאָטל איז צווישן די רייען...

און ווען מאָטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין די חדרים באַלויכ־טענע פון פאַרבאַרגענישן, האָט אים אַרומגענומען אַ פחד. אין די קאַטאַקאָמבן מיט געטשעס, פאַרהייליקטע בילדער, האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט דורות פינסטערניש. אינקוויזיציעס און שייטער־הויפנס. די גלעקער, צלמים און די לאַנגע קליידער פון גלחים פאַרוועבט מיט גאָלד, זיינען די סימבאָלן פון הערשאַפט און מורא. די פאַרזשאַווערטע קייטן, די שווערע משפּט־שטולן און קרוינען האָבן ווי געזיפצט...

און נאָך אומעטיקער איז מאָטלען געוואָרן: — ער האָט דער־זען אַ מנורה!...

אַלע רערן האָבן זיך געריסן און ווי געבענקט נאָך ליכט גע־צונדענע פון אידישע הענט...

„פּאַלם ספּרינג"

אין מדבר האָבן מענטשן אָנגעבויט האָטעלן, מיט באַלקאָנען גאַניקעס און פליגלען. פון דער ערד שלאָגן הייסע קוואַלן. איבער די ווילדע בלומען, שוועבן די פּיצינקע „האָמינג"־פייגעלעך. זייערע

פליגעלעך אַרבעטן ווי מילכלעך. זיי האַלטן זיך אין דער לופטן. און זייערע שפּיציקע שנאָבעלעך זויגן דעם זאַפט פון די בלומען...

די מענטשן ווי אָנגעפּאַרענע אויף אַ חתונה... אויף אַלע אָפענע פּלעצער זיצן זיי לעבן די האָטעלן. זיי דערציילן: פון רייזעס — פון דער גרויסער וועלט...

און אויף בערג איז די זון פאַרטשעפּעט, מיט געבראָכענע שטראַלן. מיט אָנגעמאָלענע רעגנבויגנס. און די מענטשן אויף די בערג, ווי אין גאָלד אײַנגעפּאַסט...

און אין מדבר האָבן דריי אידן געשפּרייזט.

מאָטל האָט זיך פאַרגעשטעלט: ס'איז די מלאָכים, וואָס האָבן זיך באַוויזן פאַר אַברהם אָבינו...

דער בלומען יום-טוב

מענטשן זײַנען געשטאַנען אויף דעכער, באַלקאָנען, אַרויסגעבויגענע דורך פענצטער. די הײַזער אין פאַנען אין פאַרביקע פּאַפּירן.

באַלד האָבן פאַרהילכט טראָמפּייטן, פּויקן און געזאַנג. ס'האָבן זיך באַוויזן פּאָליציי-לײַט. זייערע שוואַרצע פערד, האָבן געטראָטן אין טאַקט, אײַנגעדעקט אין רויטע ראָזעס. אויף די קעפּ פון די פּאָליציי-לײַט בלויע בעז-בוקעטן. גרויסע אָפענע אָטאָמאָבילן זײַנען געשוואומען ווי שטילע שיפן אײַנגעדעקט אין בלומען-קרענץ. עס האָבן זיך באַוויזן די שענסטע מיידלעך פון קאַליפאָרניע. די ערשטע מיידל האָט געטראָגן די אַמעריקאַנער פאָן אָן אויסגעזוונגענע פון בלומען. און נאָך איר רייען מיידלעך מיט ראָשיקע בוקעטן אין ווײַסע קליידער, מיט גרילאַנדעס ווי כלות...

דערנאָך איז געגאַנגען „די פרידנס-דעלעגאַציע" מענער באַפּיאָרנטע מיט ווײַסע האַנטשן און צילינדערס. זיי האָבן געטראָגן ליליען-קרענץ. עס זײַנען געגאַנגען פאַרמערס אין שטרויענע היט און בלויע אָוועראָלס זיי האָבן געפירט קי, שעפּסן, ציגן, געדעקט אין **קווייטן.**

דער בלומען-טייך, האָט זיך ווייט-ווייט געוויגט. אַראָמאַטן פון

קאַליפאָרניער גערטנער האָבן זיך געטראָגן אין דעם אויפגעשיינטן דרויסן.

מאַטל האָט געזען אינעם בלומען יום־טוב: דעם סימבאָל פון אייביקן פרידן אויף דער וועלט...

ביימער

דער לאַנגער וועג אַ געזונגענער פון גאָט. פאַר מיילן און מיילן פּלאַנטאַציעס פון אַפּעלצינען. קליינע ביימלעך מיט גרינע איי־דעלע בלעטלעך. גאָלדענע אַפּעלצינען געצונדן אין זון. לעבן די ביימלעך שטייען אויוועלעך. עס פאַלן אַראָפּ קעלטן פון די אַלטע בערג. אויך זיינען זיי באַשיצט מיט אומגעלומפּערטע, צעקרומטע אַפּאַקאַליפּטוס־ביימער. זיי זיינען די שומרים, וואָס שלאָגן אָפּ די שאַרפע ווינטן. מען קוקט אויף זיי: — דוכט — אין זייער צעשוי־בערטקייט, ווי די ווינטן ליגן אונטער זייערע וואָרצלען געבונדן. אין זייערע איבערגעקערטע בלעטער איז פאַרשריבן ווי שווער זיי פאַרטיידיקן די אײדעלע ברידער...

די איילבערט־ביימלעך: דינע צאַרטע, שטייען אין גרופּן אויפ־גענומענע איבערגעשראָקענע סטאַדעס שאָף...

מעכטיקע ביימער זיינען פון די ווילישע ניס. זיי זיינען גע־דיכט פאַרבלעטערט, ברייט פאַרצווייגט. די ניס אײדער זיי קומען אויף די טישן, שיילט מען פון זיי די שוואַרצע הויטן. מען וואַשט, מען טריקנט, מען סאָרטירט זיי. ערשט דערנאָך לייגט דער מענטש זיין שטעמפּל און צעשיקט זיי אין שיינע קעסטלעך, זעקלעך... אויך די פייגן פאַלן ניט אַראָפּ פון די ביימער אויף די טישן! אַ סך וואַנד־לונגען גייען זיי דורך. דער מענטש היט זיי פון קעלט, ווערים, פייגל. זיי ווערן געפּרעסט, געניזעט, געטריקנט...

די טייטל־ביימער, באַווייזן זיך נאָענט צום מעקסיקאַנער גרע־נעץ. די פעלדער מדברדיק. דער הימל מיט אָנגעצונדענע וואָלקנד־לעך. וואַרעמע ווינטן ווייען. עס ציען זיך אַוועק אין יענע געגנטן סעדער פון צען טויזנט ביימער. — קליינע וועלדער... אויסגע־

לייגטע וועגן און שטעגן ציען זיך פאַרשאָטנטע. די טייטלען אין שווערע הענגלס זיינען פאַרקושט באַק צו באַק. זיי שווערן אַראָפּ די שטאַרקע צווייגן. זיי זיינען אַריבערגעהאָנגען מיט געפאַרבטע פּאַפּי־רענע שיינען. — אַ וואַלד מיט ברענענדיקע לאָמפּן... די פּאַפּי־רענע שיינען זיינען אַ שוץ פאַר די פייגל. די טראָפּישע זון וואַרעמט אויס די טייטלען דורך די שיינען. — רייפט, ברוינט, גיסט זיי אָן מיט האָניק.

איבער דער זאַמדיקער ערד ליגן קישקעס. מען באַוואַסערט אָפּט די דאָרשטיקע ערד. צו יעדן בוים, איז ווי צוגעוואַקסן אַ לייטער. איינמאָל אינעם לעבן פון אַ טייטל־בוים גיט אַ צווייג אַרויס פּרוכט. דערנאָך שניידט מען אָוועק דעם צווייג. לעבן יעדן אַלטן טייטל־בוים זיינען פאַרפלאַנצט יונגענקע טייטל־ביימער. זיי קוקן אויס ווי צאַרטע שעמעוודיקע קינדער...

מאָטל האָט זיך דערמאָנט אָן דער אַלטער היים: — חמשה־עשר בשבט. און אויך אַ סך לעגענדעס פון טייטל־ביימער...

אויפן וועג צו סאַן פראַנציסקאָ

די מאַשין ציט און רוישט אויף די פאַרזוניקטע גאַסן פון לאָס אַנגעלעס.

איידער מען קלייבט זיך אַרויס פון דעם כרך! — זאָגט מאָטל.

— אַ שפּילכל לאָס אַנגעלעס! ענטפערט דער חזן. בין שוין אויסגעוועזן אַ וועלט...

די חזנטע לאָזט אים ניט פאַרענדיקן. זי דעקט זיין האַלז, מיט אַ זיידענעם שאַליק.

זי פרעגט אויך איר זון דעם סאָלדאַט: צי ער פילט ניט קאַלט?

אויך דער בעל־הבית פון דער קאַר, האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט: — אַ מאַמע! אַ ווייב גיט אַכטונג. מיר זיינען פאַרלאָזענע פייגל, האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו מאָטלען.

— איר זענט נאָך שיינע יונגעלייט, האָט די חזנ׳טע געטרייסט. כ׳האָב פאַר אייך פיינע מיידלעך.

— קוקט אויף מיר, האָט דער חזן פאַטאַקעוועט. וואָס פעלט מיר?... האָב בריליאַנטענע קינדער. אייניקלעך וואָזאָנעס... ער האָט פאַדראָבנע גענומען דערציילן זיין ליבע מיט דער חזנטע...

זי האָט זיך לייכט געבייזערט: — גענוג שוין! גענוג שוין! זי האָט זיך אַריינגעטאָן אין די פעקלעך און טאַשן. איינגעטיילט „סענדוויטשעס"...

— דער וועג הונגערט אויס האָט מאָטל געזאָגט.

—פרעגט מיך האָט דער חזן זיך באַרימט: אַ ביסל געוועזן אויף די וועגן. די גאַנצע וועלט אַרומגעפאָרן...

— אפשר אין חלום! האָט די חזנטע איבערגעשלאָגן. און זי האָט אים אַיינגעדעקט מיטן מאַנטל. באַלד זיינען אַלע שטילער געוואָרן... — דער וועג איז געוואָרן שמאָלער, פאַרשטעלטער. בערג פון אַלע זייטן, האָבן גענומען אויסוואַקסן. דער וועג, האָט זיך איבערגעהאַקט, געדרייט לעבן אָפּגרונטן. מען זעט ניט פאַר מיילן קיין הויז. חוץ הימל, בערג און וויסטעניש — בראשית.

מנחה און מעריב

מאָטל האָט געקוקט אויף די וויינגערטנער, אויף די פערמעס, אויף די וואַטע־פעלדער. זיי אַריינגענומען ווי זיין אייגנטום... די פרעמדע געגנטן אָפענע און ברייטע. און די זון אַ פאַרנאַכטיקע האָט אַלץ פאַרגאָלדיקט. דער וועג האָט זיך ווייט געזען ווי אַ שמאָלער אָנגעצונדענער טייך...

— מאָטל, האָט גערעדט צו זיך: קלוג און גליקלעך זיינען די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן, אויסגעשפרייט אויף דער ערד. אייערע הייזער שטייען אין פעלד. דורך אייערע פענצטער קוקט אַריין די זון, לבנה און שטערן. אונטער אייערע דעכער בויען פייגל נעסטן. צו אייערע שטאַלן קומט דער אָקס, און פערד. די הויז־חיות וואָס גיבן אייך וואָל און מילך. און חיות וואָס אַרבעטן פאַר אייך. לעבן אייערע קליינע שטיבער בליט דער עפּל־בוים. עס רויטיקן מאַלינעס ביי אייערע צאַמען. אייערע טישן גרינען ווי גערטנער. דער שלאָף אייערער איז שטאַרק און זיס...

פּלוצים איז די מאַשין געבליבן שטיין. דער בעל־הבית און דער סאָלדאַט זיינען אַרויס פון די טירן. די מאַשין, האָט געדאַמפּט, געסאַפּעט. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט עלעקטערשע שיינערס אין די הענט.

— וואָס איז געשען פרעגט דער חזן?

— זעסט ניט די מאַשין איז קאַליע, — שלאָגט איבער די חזנטע — אין וועג טרעפט אַלץ, זאָגט דער חזן מיט אַ זיפץ. — דער זון האָט זיי באַרואיקט...

די חזנטע, האָט געטרייסט און געמונטערט. און טאַקע באַלד אויסגעטיילט פאַפּירענע טעלער מיט טישעטעכלעך. און פון אַ גרויסן טאָפּ האָט זי איינגעטיילט פאַרציעס צימעס...

ווען די זון איז שוין האַלב געהאַנגען, האַלב געזונקען ביי די ברעגן פון הימל, איז דער חזן געשטאַנען און מיט פאַרמאַכטע אויגן שטיל געדאַוונט...

אַ פאַרמער־שטעטל

נאָך אַן אונטערוועגנס נאַכט, האָט מאָטל זיך געוועקט. דורך די גרויסע פענצטער פון צימער, האָט די זון דורכגעשלאָגן ליכט דורך די געוועבן פון לאַנגע פאָרהאַנגען און געמאָלן בלומען אויף די ווענט. און די בעט, ווי אַ לעבעדיקע האָט אים געהוידעט. ער האָט אַ ווײַלע זיך געפונען ווי אין אַ רעטעניש... זיך באַלד דער־מאָנט ער געפינט זיך אין אַ האָטעל.

ווען ער איז אַראָפּ אין „לאָבי", האָט ער שוין געפונען אַ סך געסט. אין די טיפע שטולן זיינען זיי געזעסן — שטילע, פרימאָרגנ־דיקע אויפגעראַמטע. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט בילדער פון „יעסעמעטי פאַרק" „סאַוואָיע פאַרק". אויף די בילדער באַוועלדער־טע בערג, וואַסער־פאַלן, גייזערס. בערן האָבן געטאַנצט. אין זייערע קליינע אויגעלעך ווילדקייט. פון אָפענע מיילער, האָבן זיך געזען מוראדיקע שאַרפע ציין. פון זייערע לאַפּעס, האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע פאַרדרייטע נעגל. אין דראָטענע מעשענע שטייגלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען פייגל. די געלע קאַנאַריקעס האָבן געטרעלט. און

די בלויע, גרינע פייגל מיט די געפּליעטשעטע נעזלעך, האָבן אַריינ־געפּייפט, ווי אַריינגעזיפּצט אין זייער געזאַנג...

מאָטל האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער ברייטער האָטעל־טיר. דער אָפענער דרויסן אין קלאָרעניש, אין בלויעניש, אָן אויסגעוואַ־שענער פון רעגן. און איבער דער גאַס פאַרמערס, פאַרמערקעס. חוץ אַ פּאָר פּאָליציי־לייט זיינען געשטאַנען ווי פרעמדע... אין בלויע גאַרניטערס, פאַרשפּיליטע אין די קאָלנערס. אויסגעצויגענע הויכע יונגען, מיט רעוואָלווער־טאַשן...

אין אַלע פענצטער פון די געשעפטן פאַרמער־מכשירים. ריד־לען האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן גראַבליעס. בלעכענע עמער און מילך־קאַנען האָבן ווי געשמועסט... אַ האַק איז געלעגן אַריינגעשפּרונגען אין אַן אָפּגעזעגענעם שטאַם. קייטן זיינען געהאַנגען, און גלעקלעך האָבן ווי געוואָלט אַרויסשוועבן און זיך צעקלינגען...

די אַלע מכשירים האָבן דערציילט: פון דעם געזונטן רואיקן פאַרמער־לעבן...

מאָטל האָט דערזען אויף אַ שילד דעם נאָמען לעווין!... טיפע פרייד האָט אים דורכגענומען. ער איז אַריין אין אַ גרויסן שפּייכלער.

אין אָפענע פאַרקאַשערטע זעקלעך זיינען געלעגן אָנגעשאָטן זריעות פונעם גרויסן לאַנד. אויסגעשריבן מיט צעטעלעך פון די געגנטן...

די לייץ־קערנדלעך, האָבן ברוין געגלימצערט. די האָבער־קערנדלעך, אָנגעטאָן אין שטרויענע העמדלעך. די ווייץ־קערנדלעך, איבערגעשניטענע מיט שוואַרצע פּאַסעקלעך אינמיטן.

פאַרמערס זיינען אַרומגעגאַנגען, געשעפּט אין זייערע גרויסע הענט די קערנער, און געלאָזן רעגענען צוריק אין די זעקלעך. אַנ־דערע האָבן פאַרזוכט אויף די ציין... די קערנדלעך זיינען געלעגן שטומע, טרוקענע, אין די זעקלעך...

מאָטל האָט געטראַכט: ווען די פאַרמערס וועלן זיי צעפּירן. פאַרזייען אין דער אויפגעאַקערטער, צעבראַנעוועטער, וואַרעמער ערד. וועלן זיי ערשט ווייזן וויפל לעבן, כוחות עס ליגן אין זייערע

דאָרע קערפּערלעך פאַרסוד'עט... אַלע פעלדער וועלן זיי באַגריינען. זאַנגען וועלן זיך וויגן מיט שווערע אָנגעלאָדענע קעפּלעך, מיט יונגע באַנייטע קערנער. אויף די הילצערנע שטאַנגען וועלן קלעטערן בעבלעך. אין די גרינע סטרוטשעס, וועט מען קענען ציילן די אַר־בעס... מאָטל איז צוגעגאַנגען צום בעל־הבית. אַ וויילע אַרום, האָבן זיי זיך געשלומ'ט און אידיש לשון האָט אויפגעזונגען...

די פאַרנדיקע משפחה

די מאַשין אַן אָפּגעוואַשענע, אַן אָנגעשמירטע, האָט געזונגען אויף דעם געפליאַסטערטן גלייכן וועג צווישן סעדער און פּערמעס.

דער חזן זאָגט: אויף אַלץ איז דאָ דאָקטוירים. דער גאַנצער וועג איז פול מיט שפּיטאָלן פאַר אַטאָמאָבילן...

— רב חזן! האָט זיך דער בעל־הבית אָפּגערופן:

זיי שניידן אַ פּאַס אייערע דאָקטוירים!...

— גאָט צו דאַנקען, — ענטפערט דער חזן, אַבי עס פּאַרט זיך.

— די חזנטע האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל...

— עס וועט נאָך היינט רעגענען, האָט זיך דער חזן ניט גע־קענט איינהאַלטן. מיר קרעלט אין האַלז...

אויף די פעלדער האָבן זיך באַוויזן עראָפּלאַנען. זיי זיינען גע־שטאַנען געזשאַווערטע. מיט זייערע ברייטע גרויסע פליגל האָבן זיי אויסגעקוקט ווי פאַרצייטיקע פייגל פאַרן מבול...

— מאַ! — האָט זיך דער סאָלדאַט אָפּגערופן: איך האָב גע־אַרבעט אין דער פאַבריק.

— איר שפּילט זיך מיט מיין זון!... האָט דער חזן אַריינגע־שושקעט מאָטלען אין אויער.

איר זעט, האָט דער חזן געטאַרקעט מאָטלען, קוקט אַדרבה אויף די וואָטע־פעלדער. כאָטש דאָ רעגנט ניט ניין מאָנאַטן אין יאָר. אָבער אַמעריקע גיט זיך אַן עצה... די אינזשינערן גלייכן אויס די ערד ווי אַ טיש. זיי מאַכן גראָבנס. אין די דריי מאָנאַטן וואָס רעגנט בלייבן די וואַסערן געפאַנגען ווי אין גרויסע ברונעמער...

מאַטל, האָט געקוקט מיט נייגער און וואונדער אויף די פלאַנ־צונגען. רויטע ריטלעך מיט ווייסע קעפּלעך האָבן פאַרדעקט, פאַר־שנייט, די פעלדער. אויף פּלאַנטאַציעס און סעדער. דיביימער זיי־נען געלאָפן אין גלייכע ציילן. די צווייגן אָרומגעשאָרענע, געשפּרייטע. זיי טראָגן אויף זיך פולע, געזונטע, אויסגעפּאַשעטע פּירות...

דאָ ווייסן די מענטשן ווי צו פּאַקן, טראַנספּערירן. אין לייכטע דורכזיכטיקע קעסטלעך, שיטערע זעקלעך. מען גיט לופט, געראַמ־קייט די פרוכטן...

דאָס לאַנד איז יונג, אין קאָך פון אויפטואונגען. אין דעם לאַנד זיינען געקומען מענטשן מיט פאַנטאַזיע, מיט גרויסע טיפע געפילן — פאַר אַ נייערע שענערע וועלט...

פאַר אַ שטורעם

מאַטל האָט געטראַכט דער חזן איז גערעכט, עס וועט נאָך היינט רעגענען די היץ איז אַ שווערע אַ קלעפּיקע. די בלעטער אויף די ביימער ציטערן. די קי און פערד, שטייען אומעטיקע אויף די פעלדער. די זון ווייזט זיך און ווערט פאַרצויגן. פייגל פליען נידעריק, מיט אַ פּישצעריי. גרויסע שאָטנס לויפן איבערן וועג, זיי מעסטן די ערד. בינען, מאָטילן, פליגן, שלאָגן זיך אָנטקעגן די פענצטער פון מאַשין. קאָמפּאַניעס קאָמאַרן זינגען וואוטיק. אַלע געוויקסן, לעבעדיקע ברואים, זיינען געוואָרן אומרואיק.

איבערן הימל האָבן פון אַלע זייטן — זיך געזאַמלט וואָלקנס. זיי זיינען געדיכטער און שוואַרצער געוואָרן. מעכטיקע קרומע אָפּ־שיינונגען, האָבן דורכגענומען די וואָלקנס. באַלד האָט אַ בליץ דורכ־געשפּאָלטן טיף די וואָלקנס. און אַ שווערער, וויטער, הילכנדיקער דונער, האָט מיט ווידער־קולות גע׳רעשט.

גאָטס וואָגן האָט זיך געקייקלט מיט די גלגלים אין די הימלען...

אַ שמחה פאַרן חזן מיט דער חזנטע

נאָך די פּאַסירונגען אויף דעם לאַנגן וועג, האָבן מאָטלס ביי־נער אויפגעזונגען; ווען ער האָט איבערגעטראָטן דעם שוועל פון

דער רייכער העל־באַלויכטענער היים פון דעם חזנס טאָכטער. וועד רעדט ווען מאָטל האָט זיך אַרומגעוואַשן אין דעם בלוי אויסגעקאָ־לירטן באָד־צימער. באַלויכטן, געזויבערט, ווי אַ פּאַלאַצל, וואָס האָט געשמעקט מיט פּאַרפיומען און זייפן. ער האָט זיך גוט אַרומגעטריקנט מיט ווייכע, פּאַרפלדיקע, ברייטע טערקישע האַנטעכער. איז ער אַרויס אַ ביסל פּאַרשעמט און געפרישט אין זאַל, וואו עס זיינען גע־שטאַנען איבערגעדעקטע טישן, מיט ברולירנדיקע געקווייטע סער־וועטן מיט פרענז.

לענג אויס איבער די טישן אָנגעצונדענע ליכט אין זילבערנע לייכטער. חלות געפּאָלכטענע, געברוינטע, זיינען געלעגן געגרייטע צו מאַכן אויף זיי ברכות...

פלעשער וויין, מיט באַנדעריאָלן און פּלאָמבעס האָבן געפינקלט קעגן די לאָמפּן און ליכט...

עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן רייכע און אָרעמע קרובים, פון ווייטע און נאָענטע געגנטן...

די רייכע פרויען זיינען געווען געצירט אין בראַסליעטן, מע־דאַליאָנען, קאָלטשיקעס אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן. זיי האָבן זיך געקושט, געחנ׳ט, געגעבן קאָמפּלימענטן...

און די אָרעמע פרויען, האָבן זיך אַרומגעיאָגט נאָך די שטיפנ־דיקע קינדער, — אין דער פיל חדרימדיקער רייכער היים...

די אָרעמע מיידלעך האָבן דורכגענומען מיט זייערע הייסע אויגן, געצונדענע פון נייגער און באַגערן...

די טישען זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן מיט מאכלים. און דער חזן אין אַ יאַרמעלקע, אין שוואַרצן סורדוט איז געזעסן אויבן־אָן. אין טיפן, ברייטן, פּאָטערלעכן־שטול. לעבן אים די חזנטע, איבער־געדעקט די אַקסל מיט אַ טערקישן שאַל. לעבן זיי די טאָכטער אַ געשלאַנקטע, געטאָקטע, לייכט־פּאַרצערטע. די בלוי־גרינע אויגן לייכט פּאַרנעפּלט. די בלומענדיקע בלוזע, אַ געאָטעמטע...

זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט צו איר מאַן — אַ געגרויטער, מיט בלויע רינגען אונטער זיינע געלאָשענע אויגן. די רייכקייט האָט

אַרויסגערעדט פון זיינע שווערע סיגנעטן. פון דער גאָלדענער קייט איבער דער וועסט. פון דער דימענטענער שפּילקע אין שניפּס...

דער גרויסער וואַנט־זייגער האָט זיך צעקלונגען. און אַ היל־צערנער בלויער־פויגל איז אַרויסגעשפּרונגען פון צעעפנטע טירלעך און האָט אויסגעזונגען קוקו!...!

די שמחה האָט זיך צעברענט. קאַרקעס האָבן געזיפּצט, גע־שאָסן. דער וויין, האָט געשוימט אין די הויכע געשליפענע גלעזלעך...

און דער אַלטער רב אָנגעטאָן אין אַ ליפּאַגענע קאַפּאָטע האָט זיך אויפגעשטעלט. געגאָסן פּאַמעלעך דעם וויין פון אַ קליין פלע־שעלע אויסגעשריבן מיט אידישע אותיות. דעם ניט פולן כוס, אויפ־געשטעלט אויף די אויסגעצויגענע בלייכע פינגער. האָט ער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געזאָגט מיט אַ שטילן ניגון די ברכה: בורא פרי הגפן.

לחיים חזן! — לחיים חזנ׳טע! — האָט מען זיך פון אַלע שטולן געהויבן...

און מאָטל אַרומגענומען מיט די אָרעמע געסט, האָט זיך געפילט היימיש, — ווי אַ קרוב אין דער גרויסער משפחה...

ביים פּאַסיפישן ים

מאָטל איז געשטאַנען אויפן טורעם לעבן „פּאַסיפישן״ ים. „סאַן פראַנציסקאָ״ האָט זיך געזען געמאָלן ווי אויף אַ קאַרט. אַן אינזל שטאָט אַרומגערינגלט מיט וואַסערן. צוויי בריקן, ווי אויסגע־שאָסענע פון מעכטיקע בויגנס. די בריקן קוקן אויס עלאַסטיש, רונדיק, ווי צוויי אומגעהייערע גרויסע האַרפן.

ביינאַכט ווען עס צינדן זיך די געלבלעכע רויטע פייערן, קוקן אויס די בריקן, ווי אַפּעלצינען־קרענץ, וואָס שפּאַנען אַריבער די וואַסערן...

פון טורעם זעט מען די באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ גאַסן. די שטאָט קוקט אויס, ווי געבויט אויף הוידעס... אויפן ים זעען זיך אַ סך אינזלען. איינער פון זיי — דער באַרימטער „אַלקעטראַס״, וואו עס זיצן פאַרשפּאַרט די פאַרזינדיקטע. שיפן פון פיל לענדער מיט געפלאַטערטע פאָנען פון זייערע היימען פאָרן פאַרביי לעבן

„טייוול־אינזל‟. — זיי הערן געזאַנג פון פרייע מענטשן, זיי זעען מתנות מעווּעס, וואָס באַגעגענען, באַגלייטן שיפן. זיי זעען דעם ים מיט די קאָכיקע, שוימיקע וואַלן, די ברייטע האָריזאָנטן. — זיי פאַרנעמען די ווילדע שטורעמס. עס רוישן אין זיי בענקשאַפטן נאָך דער גרויסער פרייער וועלט...

זייערע צימערלעך, זיינען שטייגן, מיט אייזערנע גראַטעס. די טירן אויפגענומענע מיט שווערע שלעסער. וועכטער מיט געווער וואַכן איבער זיי.

די פאַרמשפּט׳ע זעען סאַן פראַנציסקאָ. וויפל לעבן, פרייד, שפּילט זיך אָפּ אין דער צפון־שטאָט!...

— זיי קרעכצן דורך די נעכט אין זייערע קאַמערן. עס דער־טראָגט זיך אין זייערע „צעלן‟ געוויש פון סאַן פראַנציסקאָ. דאָס ליאַרעמען פון ים. עס רעווען שיפן.

ווילדע קאָשמאַרן, פלענער, וועבן זיך אין די מוחות און הער־צער פון די אומגליקלעכע. זיי זיינען ווי חיות צוגעבונדענע, פאַר־צאַמטע. ניין זיי איז ערגער ווי די חיות. ווען אַרום דעם פאַרשאָל־טענעם אינזל, קערוועט, קאָכט די גרויסע וועלט. שיפן רויכערן אין אַלע זייטן. און די וואונדער־שטאָט סאַן פראַנציסקאָ, וואו עס גיסט זיך אַריין מענטשן פון אַלע פעלקער. די שטאָט! די פּיל־פאַרביקע, פּיל־שפּראַכיקע, טורעמדיקע שטייט מיט אירע פלאַטערדיקע פאַנען אויף בערג...

אין האַפן פון סאַן פראַנציסקאָ

מאָטל האָט זיך אַרומגעדרייט ביי די גרויסע אָפענע דעפּאָען, וואו עס זיינען געשטאַנען געאַנקערטע שיפן; צוגעבונדענע מיט גראָבע געוויקטע שטריק. מיט זשאַווערדיקע קייטן. שטאַרקע וואַ־סערן האָבן די שיפן געהוידעט.

איבערן גאַנצן ברעג האָט מען געדזוויגעט קאַסטנס, זעק. אין אַנדערע שיפן האָט מען געלאָדעוועט. רויע הויכע רייד, האָבן זיך אויסגעמישט. אַנדערע שיפן האָט מען פאַרריכט. מענטשן זיינען

געקראָכן אויף רישטאָוואַניעס, אויף לייטערס. קישקעס האָבן געשפּריצט מיט פייער. קלעפּ האָבן אָפּגעהילכט. אַנדערע שיפן האָט מען געפאַרבט. דער ריח פון פיש און פאַרב, האָט האַרב געשלאָגן. פּאַסאַזשיר־שיפן זיינען געשטאַנען אויסגעליידיקטע. קאַפּיטאַנען, מאַטראָסן די מאַנשאַפט האָבן זיך צעלאָזן איבער סאַן פראַנציסקאָ...

דער אידישער וועכטער האָט אַרויפגעפירט מאָטלען אויף אַ ליידיקע פּאַסאַזשיר־שיף מיט דריי קיילעכדיקע געגויגטע קוימענס. מאָטל האָט געקוקט אויף די הויכע מאַסט־ביימער, צו וועלכע עס האָבן געקלעטערט געפלאָכטענע לייטערס פון שטריק. אויף זייערע שפּיצן האָבן פאָנען געפלאַטערט. דער וועכטער האָט אים דערציילט:

— ער דינט דאָ איבער צוואַנציק יאָר... איז באַקאַנט מיט אַ סך קאַפּיטאַנען. זיי זיינען בראַווע מענער מיט ברייטע נאַטורן. — ער האָט אָפּגעשלאָסן דעם קאַפּיטאַנס צימער. מאָטל האָט נייגעריק געקוקט: — אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעקלעפּט בילדער פון שיפן, — זייערע נעמען. געשיכטעס פון זייערע רייזעס. אַ גלאָבוס איז געשטאַנען אויפן גרויסן ברוינעם טיש אַן אויסגעווירעטער מיט פּאַסיקלעך, ליניעס, דראָבנע שריפט. אין פיל פאַרבן זיינען געווען אָנגעצייכנט די ערד מיט די וואַסערן. אויך אַ קאָמפּאַס, וואו עס האָט געציטערט אַ ווייזער, ווי אַ לעבעדיק פישל, וואָלט געלעגן אונטערן גלאָז. אַ סך ביכער פון רייזע־באַשרייבונגען איבערן גערעמען צימער. אויך די פאָטאָגראַפיע פון קאַפּיטאַן — ברייטע פּלייצעס, אַ מוטיקער פּנים, מיט שאַרפע אויגן.

וויפל לענדער, האָט דער מוטיקער מאַן שוין דורכגערייזט!... גענפלען און שטורעמס אין זיינע לאַנגע וואַנדער נעכט און טעג. זיי זיינען דערלערנט אין די וואַסער־וועגן. זיי פירן אַריין די שיפן אין האַפנס מיט געפלאַטערטע פאָנען, מיט מוזיק...

מאָטל איז אַראָפּ וואו עס זיינען געשטאַנען די מאָטאָרן. ברייטע לעדערנע פּאַסן זיינען געשלאָפן אויף מעכטיקע רעדער. די אויוונס צעעפנט, מיט גרויסע שוואַרצע מיילער. אויף מאָטאָרן שלאָפנדיקע זייגערס, וואָס דאַרפן ווייזן די גראַדן היץ. אין די ווינקלען רידלען, העק, קוילן. קליינע לעמפּלעך לייכטן. אין דער ליכטיקער טונקל־

קייט, איז אויסגעקומען, ווי שאָטנס פון די שווערע שיף־אַרבעטער נעכטיקן דאָ.

נאָך אַ פּאָר טעג וועלן קומען די אַרבעטער. וועלן צעפּלאַקערן אויוונס. פאַנאַנדעריאָגן רעדער. לעדערנע פּאַסן וועלן זיך צעפּייפן, צעליאַסקען. גרויסע פּאָמפּעס וועלן זיך הייבן אַרויף, אַראָפּ. קוי־מענס וועלן אַרויסיאָגן געדיכטע קנוילן רויך, וואָס וועלן זיך ציען אין לאַנגע שוואַרצע שאָלן נאָך דער שווימענדיקער שיף, איבער די גרינע וואַסער־בערג...

אַרויס אויפן ברעג — האָט מאָטל געהאַט דעם געפיל ווי ער וואָלט געקומען פון אַ ים־רייזע.

דער וועג אויף צוריק

די פריינט זיינען געבליבן שטיין אין אַ קופּקעלע. זיי האָבן געפּאָכעט מיט די הענט. און מאָטל צוגעקלעמט מיטן שטערן צום פענצטער פון באַן, האָט שטום גערעדט צו זיי...

די זון האָט דערברענט, זיך געלאָשן אין ברעג הימל, און גע־פאַרבט אין רויטער טונקלקייט די ערד. אַ טיפע מנחה־שטילקייט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן.

מאָטל האָט געהערט דאָס סאָפּן פון לאָקאָמאָטיוו. דאָס קאָטשען פון די רעדער. סילועטן, שאָטנס, זיינען געלאָפן איבער די פעלדער. דער אומעט האָט געבויערט. ער האָט זיין רייזע איצט געלייענט, ווי פון אַ בוך. אַלע שטעטלעך וואָס ער איז דורכגעפאָרן געזען ווי אויפן האַנט. די מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך באַפריינט שטייען פאַר די אויגן. מען קען ניט פאַרגעסן די קליינע קינדער. וויפל בענק־שאַפט, אומעט ווען איר פאַרלאָזט זיי...

די באַן האָט אומעטיק געפּייפט, פאַרמילדערט דעם גאַנג. די קליינע קינדער אין וואַגאָן, האָבן צוגעשטעלט די פּנימלעך צו די פענצטער. זיי האָבן שטום פאַרשטאַנען אַן ענדערונג)... אַ ווײַלע אַרום איז די באַן אַריינגעשוואומען אין אַ טונעל. טויבע דונערן האָבן זיך געטראָגן. די קליינע לעמפּלעך האָבן זיך געצויגן אין לאַנגע

שורות. זיי האָבן געגעלבט און ווי געבענקט נאָכן פרייען דרויסן... די קינדער זיינען געשטאַנען איבערגעשראָקענע, פאַרשוויגענע...

ווען די באַן איז אַרויס אין אָפענעם פעלד, האָבן די קינדער זיך צעלאָזן שטיפנדיקע איבערן וואַגאָן, און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פריילעך צערעדט...

באַפרייטע סאָלדאַטן

דער טאָג אַ פאַנאַנדערגעשפּילטער, פאַנאַנדערגעזונגענער. דורך אַלע פענצטער פון באַן זיינען אַנטקעגן געקומען פאַרבלעטערטעביימער, הייזער, בערגלעך און טאָלן. וואַסערלעך האָבן געשימערט. שעפסן און רינדער צעזייט איבער פעלדער. דער הימל אַ ריינער, אַן אָטעמדיקער. חוץ אַ פּאָר וואָלקנדלעך ווייסע, ווי פּוך־קישנס, ווי עס וואָלטן אויף זיי זיך געוויגט און געשלאָפן יונגע מלאָכים.

די באַן איז געגאַנגען פּאַמעלעך. עס האָט זיך געזען אַ בית־עולם. שטיינער פאַרשפּיצט זיינען געשטאַנען אַרומגענומענע מיט אויסגעצירקלטע בלומען־קרענץ. אויף פאָטאָגראַפיעס אייגעפּאַסטע אין די שטומע שטיינער...

— מאָטלען האָבן אַרויסגעשפּאַרט טרערן, ווען ער האָט דער־זען נידעריקע דינע שטיינער, פון פרי פאַרשטאָרבענע קינדער...

— עס זיינען געשטאַנען מענטשן אין שוואַרצע בענדער אויף די אָרעמס. שאַלן פון שוואַרצן קרעפּ. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, האָבן זיי שטום זיך אַדורכגערעדט מיט די טויטע...

די שטאָט איז געווען אָנגעפינקלט מיט שפּיצן און טורעמס. איבער די ברייטע גאַסן אַ פּאַראַד — פאָנען און בלומען, און מוזיק האָט געשאַלט.

פון וואָקזאַל, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע טירן סאָלדאַטן. זיי האָבן פאַרפולט אַלע וואַגאָנען מיט געליאַרם. פאַרלייגט די פּאָלי־צעס מיט געפּעק.

די באַפרייטע מענטשן, האָבן זיך אָנגעוואַלגערט אויף שיפן אויף באַנען, אויף ווילדע אינזלען — זיינען איצט געפאָרן צו זייערע היימען. שטורעמדיקע געפילן רוישן אין זייערע הערצער. זיי ציען

פאָטאָגראַפיעס פון טייסטערס. זיי פירן שווערדן פון יאַפּאַנעזער. אויף די שיידן פון די שווערדן אויסגעקריצט יאַפּאַנעזישע שריפט.

איצט דערציילן זיי אין פריידן מיט פריילעכע שטימען...

פון לאָס אַנגעלעס צו שיקאַגע

די באַן יאָגט פון לאָס אַנגעלעס צו שיקאַגע. דער לאַנגער וועג איז פאַר מאָטלען אַ גרויסער ספּעקטאַקל. — צו זען דעם מדבר אין זיינע וויסטע גליאיקע שטרעקעס. צו זען די נאַקעטע שוואַרצע פעלזן. דעם גרויסן זאַלץ־טייך. און פאַר מיילן פעלדער וואו דאָס וואַסער איז אויסגעטריקנט. די זאַלצן שימערן קעגן זון ווי דימענטן. — די ערד איז גרויס פאַרן באַפרייטן מענטשן... טייכן, ביימער, פייגל, חלומען אויס אין מאָטלען נייע אידייען: — ער וועט אַרומקלייבן מענטשן זיי דערציילן פון נייעם גרויסן לאַנד...

— נעמט אַראָפּ די קייטן! גייט צופוס מיט טאָרבעס און שטעקנס, באַהעפט זיך מיט דער וועלט און מיט גאָט...

שיקאַגע

מאָטל האָט אַרויסגעשפּאַנט פון גרויסן טומלדיקן וואָקזאַל. די זון אַ שפּעט־האַרבסטיקע, האָט שטאַרק געשיינט. דער ווינט האָט געריסן זיין קאַפּעליוש. די גאַסן צעלאָפּענע, פאַרבויטע, פאַרמויערטע. פיל פאַבריקן האָבן געררויכערט. אַ פרוי האָט אים אָפּגעשטעלט, — געפרעגט צו אַ געווויסן בולוואַר?

— ניט קיין היגער, האָט ער פאַרשעמט געענטפערט. אויך די פרוי האָט זיך געוווּנדערט.

אַ שיכור איז אַנטקעגן געקומען געוואַקלט, געפּלאָנטערט מיטן צונג. אויסגעשטרעקט אַן אַדערדיקע ציטערדיקע האַנט.

מאָטל האָט אים עטלעכע מטבעות געגעבן. דער באַטרונקענער האָט געצויגן די הוט, אויך אַ בלודנער הונט מיט אַן אויסגעקראַכענע פעל, פאַרווײנטע אויגן, האָט אים אַ שטיק וועג באַגלייט. ער האָט זיך אָפּגעלאָנטשעט ווען אַ צווייטער הונט האָט זיך באַוויזן מיט אַ בלעכל

אויפן האַלז... — אָן אויסגעפּאַשעטער מיט אַ גלאַנציקער פּעל; — אויף וועלכע עס זיינען געלאָפן ציטערלעך — ווי איינער זאָגט: וואָס טוט דאָ דער שלעפּער?...

עס האָבן זיך באַוויזן גאָסן ברייטע, געראַמע, מיט נייע סאָלידע געביידעס.

שיקאַגע האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק כמעט אינגאַנצן אָפּגעברענט. (צוליב די הילצערנע הייזער און שאַרפע ווינטן וואָס הולטעווען.)

שיקאַגע האָט שוין באַוויזן צוריק אַלט ווערן, — פון די טויזנטער פאַבריקן און באַנען וואָס רויכערן...

אָרעמע קוואַרטאַלן

די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. אַ געדיכטע מענגע שפּאַרט ווי לאַווע.

אויף מאַטל איז צווישן די אָרעמע פאַרוואַקסענע פאַרשטויבטע מענטשן. די מענער טראָגן היטלען מיט צעבויגענע דאַשיקעס. קאַפּעליושן אין פליאַמעס. די ווייבער מיט טיכלעך אויף די קעפּ. די שיך מיט אויסגעדרייטע קנאַפּל, אַלטע האַנט־טעשלעך.

די גאַס איז פאַרלעגערט מיט משונהדיקע סחורות. די סוחרים לעבן די אויסגעלייגטע ראַמשן זיצן אויף שטולן צי זיי שטייען. זיי קוקן אויס ווי נשרפים... דאָ זעט מען אַ טשעמאָדאַן אָן אַ דעק, אַ דעקל אָן אַ טאָפּ, אַ זייגער אָן געוועריק..

„אָרטשאַרד סטריט אין ניו־יאָרק" זעט אויס רייך מיט די קעלער־געשעפטן, סטענדס און פושקאַרטס אַנטקעגן די אָרעמע קוואַרטאַלן אין שיקאַגע. חוץ די אויסגעדינטע אַרטיקלען וואָס וואַלגערן זיך אין קופּעס, אין מיטן גאַס, טרעטן דאָ אויף אַקטיאָרן, קינסטלער.

עס שפּילן אַ נעגער־גרופּע. — איינער אויף אַ באַנדורע. ער רייבט דעם סמיק מיט האַסט, און קנייפּט מיט כעס די סטרונעס. און די ווייסלען פון זיינע אויגן געקערטע מיט פייער. אַ צווייטער צימבלט אויף אַ גיטאַרע. די גיטאַרע וויינט, ווי אַ קראַנקע קאַץ. און אַ ניגער

אָן ציינער אין זיין ברייטן מויל, זינגט הייזעריק. און דער פּערטער אויף קוליעס שפּרינגט אונטער מיט אַ הוט אין האַנט, צום עולם וואָס שטייט אַרומגעקליבן אין אַ ראָד. און די אָרעמע מענטשן צענו־מענע פון די אומעטיקע, עקזאָטישע ניגונים וואַרפן פּעניס אין הוט.

אין אַ צווייטן ווינקל שטייט אַ מאַן מיט אַרונטערגעזעגענע פיס. ער מאַכט כישוף מיט אַ שלאַנג. די שלאַנג דרייט זיך, פלעכט אַרום זיינע הענט. זי קוקט מיט גיפטיקע אויגעלעך אויפן צויבערער...

פּאָר מאַטלען האָט אויפגעלעבט: — „מענדעלעס פישקע דער קרומער" מיט אַלע זיינע בייזע אָרעמע געשטאַלטן...

יונגער פראָסט

איבער נאַכט איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי. די דעכער ווי גרויסע ווייסע היטלען. די ביימער אויפן בולוואַר אויף ניי צעבליט...

פייגעלעך איבערגעשראָקענע, האָבן געפלאַטערט אַרום די פענ־צטער. גוטע מענטשן האָבן זיי געטיילט ברויט חלה. קינדער האָבן זיך באַוויזן מיט שליטלעך. זייערע באַקן געגליט, די אויגן צעפינקלט.

מאָטל איז געגאַנגען דורך דער געדיכטער אידישער געגנט. דער שניי דורכגעקנאָטן, אויסגעשוואַרצט פון פיל פיס. אידן האָבן זיך באַוויזן אין פוטערס, מיט אָנגעשטעלטע קאָלנערס, היטלען מיט אַראָפּגעלאָזענע קליאַפּעס אויף די אויערן. אידן ביי סטענדס אין דרויסן האָבן זיך געוואַרעמט ביי פייערן, וואָס האָבן אַרויסגעפלאַמט פון אייזערנע פעסלעך. זיי האָבן געטראָגן גראָבע הענטשיקעס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט רויטע שפּיצן פינגער.

באַנען האָבן אומעטיק געפייפט. דער געדיכטער שניי האָט פאַרשאָטן די ליניעס, וואָס זיינען ווי נעצן פאַרשפּרייט אין שיקאַגע.

עס רעווען שיפן אויף „לייק מישיגען". אויך אָטאָמאָבילן טרו־בען. אויף די רעדער קייטן אַרויפגעטאָן. פערד גייען שווער אין די געשפּאַנען. עס רויכערן זייערע פעלן. עס שלאָגן זיילן פון זייערע נאָז־לעכער. אָנטרייבערס פּאַכן מיט בייטשן. רעדער פון וועגענער, ווי אין געדיכטער מעל ווילן זיך ניט קייקלען...

אין פענצטער פון אידישע רעסטאָראַנען, האָבן זיך באַוויזן ווינ־טערדיקע שווערע מאכלים. אין פּאַלומעסקעס געפילטע פיש, גרי־בעניעס, ברוינע קישקעס.

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט. שאַרפע ווינטן האָבן זיך צעהוליעט. דעם שניי געקערט אין זיילן. ווי שטאַרקע רויכן האָבן פאַרנעפּלט, די גרויסע מוראדיקע שטאָט.

מענטשן געגורעטע, געאײלטע, האָבן אויסגעקוקט אָנגעטאָנענע אין ווייסע קיטלען... די ווינטן, די פלוצים אַראָפּגעפאַלענע ביס־טרע קעלטן האָט זיי געבויגן.

די אָרעמע מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט אין קאַפעטעריעס. אַנדערע האָבן געוואַרט ציטערדיקע אויף טראַמווייען, אויף באַסעס. זיי האָבן זיך געדעקט מיט צייטונגען. טיפער אַראָפּגעלאָזן די אַלטע קאַפּעליושן. די רויטע הענט אַרײַנגערוקט אין די אַרבל. טיף אין קעשענעס.

אויך אַ בלינדער איד האָט זיך באַוויזן אין זומערדיקע קליידער. אין האַנט אַ שטעקן. מיט דער צווייטער האַנט אויפגענומען דעם קאָלנער פון רעקל. מיט זיין מאַסיווער פיגור, האָט ער אויסגעזען: — ווי דער לעגענדאַרישער שמשון הגבור וואָס גייט אומברענגען די פלשתים...

„ביים לייק מישיגען“

מאָטל האָט געשפּאַנט דורך דעם פּאַרק וואָס ליגט אויסגע־שפּרייט לעבן דער „ים אָזעריע“.

אין האַלבן רינג קוקן מויערן מיט געגלאַנצטע פענצטער, קו־פּאָלן שפּיצן און פאַנען, ווי אין געיעג...

די מאַסן טורעמס האָבן זיך פאַרזאַמלט איבערצושפּאַנען די ברייטע אזיערע...

צום פּלאַניטאַריום, מוזייאום, אַקוואַריום, ציען זיך מרגלים. זיי טראָגן שפּאַקטיוון אויף רימענדלעך, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. זיי זיצן גאָטספאַרכטיקע אין פּלאַנעטאַריום אונטער דעם קינסטלעך־

געוועלבטן בלויען הימל מיט פינקלענדיקע שטערן. זיי זיצן ווי אַרײַ־בערגעטראַגענע אין יענע ווייטע וועלטן...

אויך אין אַקוואַריום, טרעטן מענטשן פאַרשטילטע לעבן גלע־זערנע פענצטער.

פון אָקעאַנען, טײַכן, אָזיערעס, האָט מען צוזאַמענגעבראַכט די שטומע באַשעפענישן. אויף צעטעלעך זײַנען אויסגעשריבן די מינים, פון וואָס פאַרא געגנטן און וואַסערן זיי קומען.

עס ליגן פיש איינגעגראָבן אין זאַמד. מען זעט בלויז זייערע אויגן וואָס קוקן מיט טיפער רעטעניש. זיי ליגן ווי טויטע. איבער זיי שווערע גרינע וואַסערן, וואָס בולקען זיך...

מען זעט דאָ פיש שטייענדיקע אויף שטיינער באַוואַקסענע מיט מאָך. זיי האָבן וואָנסן אויף זייערע מײַלער. זיי שטייען אומגעקערט מיט די פעטע רוקנס צו די מענטשן. מען זעט דאָ פיש, אויפגע־דרייטע בייגל, און זיי וויקלען זיך אויס ווי שלאַנגען. מען זעט דאָ פיש אויסגעפאַרבטע ווי די שענסטע פייגל.

און די ים־שדים! שאַרקס! שווערדן פיש, וואָס ציען זיך אין און צוריק מיט צעעפנטע מײַלער. עס זעען זיך ציין ווי שאַרפע זעגן.

מען זעט דאָ קראָקאָדילן אויסגעצויגענע אויף דער טריקעניש. זייערע אויגן פאַרמאַכט. די גרויזאַמע מײַלער פאַרשלאָסן. די פעלן האַרטע, געקאַרבטע, — אין טיפער רו. די לאַפּעס, עקן, אין פאַרגלי־ווערונג. אַזוי די יאַשצעריצעס, טשערעפּאַכעס...

די שטומע ברואים זײַנען די גרעסטע סודות פון דער לעבע־דיקער וועלט. מיסטיש און פאַרנעפּלט איז זייער קיום. זיי זײַנען אין פיל מינים געמערטע אין אַלע טײַכן און ימ׳ען. אין טיפע אָפּגרונטן, — אויף די רוישיקסטע כוואַליעס. זיי זײַנען פון די ערשטע בעלי־חיים׳ס אויף דער וועלט...

די פלעצער דערמאָנען אַז דער מענטש רוט ניט. ער זוכט, פאָרשט, וויל דערגיין די סודות פון באַשאַף...

מאָטל אומעטיקט אין מוזייאום, צווישן שטיינערנע פיגורן, מאַר־מאָרנע קאָלאָנען. מען גייט דאָ אַרום מידע, פרעמדע צווישן די אויס־געשטאָרבענע, מיט חתימות, קריצונגען, פון עפּאָכעס און דורות...

מאָטל האָט לאַנג געקוקט אויף די כינעזישע קונסט־ווערטן. זייערע ברוטאַלע הערשער אויסגעוועבט פון זייד...

אין האָלץ, אין שטיין, געוועבן, ריידן זיך איבער די מענטשן פון ווייט פאַרגאַנגענע דורות...

אַ נייער חבר

אינעם קאַלטן ווינטיקן פרימאָרגן האָט זיך מאָטל געפע־דערט. זיין נייער פריינט שלום, האָט אים געהאָלפן טראָגן די טשע־מאָדאַנעס. אַ הויכער, סוטלעוואַטער בחור. אַ שנעל־שפּאַנענדיקער. מאָטל איז אים נאָכגעשפּרונגען.

— שלום האָט זיך איידל פאַרענטפערט. זיינע בלויע אויגן דורכגענומענע מיט קינדערשער פרייד.

— איך קען זיך ניט העלפן ברודערקע, מיט מיינע לאַנגע רגלים... זיך גענוג אָנגעליטן אינדערוועגנס. די בעטן זיינען קורץ פאַר מיר...

פאַר שיקאַגער רויבער איז אָנגעמאָסטן לאַנגע פיס, האָט מאָטל געשפּאַסט.

— מען דאַרף וויסן ווי צו האַנדלען, האָט שלום געשמייכלט. איך האַלט שטענדיק אַ פּאָר טאָלער אויבן אויף. די חברה געפינען ביי דיר גאָרניט, צעקיילן זיי ווי אַ ביטערע עפּל...

— האָסט ליב שיקאַגע? האָט מאָטל אים געפרעגט.

— יאָ, האָט שלום שטיל און פאַרטראַכט געענטפערט. כ'האָב פיל געוואַנדערט איבער אַמעריקע. מיינע ביינער פאַרליידן ניט אַ היים, אַ וואַרעמען ווינקל.

שיקאַגע איז דער ריכטיקער מקום־מקלט. דאָ איז מען אַ פרעמ־דער אָן איינזאַמער.

שיקאַגע איז אַ ווילדע שטאָט מיט גרויסע פּאַרקן, בולוואַרן און פאַרבאַהאַלטענע ווינקלען.

— נו, מיר קענען נאָך אַריינגיין אין אַ קאַפעטערי.

אינעם רעסטאָראַן איז געשטאַנען אַ טומל פון די געשירן,

געפּעסן. די מענטשן האָבן אויסגעקוקט ווי אין אַ באָד, פֿאַרנעפּלטע אין פּאַרע, אין רויך.

— איך האָב ליב די שטאָטישע קאַפֿעטעריעס. ביי אַ גלעזל קאַווע, אַ סיגאַרעט, מיט אַ צייטונג זיצסטו איינגעאָרדנט און באַרוט.

— ווי אַ גרויס־שטאָטישער גאַסט, האָט מאָטל פּאַטאַקעוועט.

— מען דאַרף זיך צויאָגן, — האָט מאָטל אָנגעוויזן אויפֿן וואַנט־זייגער...

— יאָ, ברודערקע: דער זייגער קוילעט מענטשן, האָט שלום אומעטיק געמורמלט. און זיך באַלד אויפֿגעשטעלט. זיין מאָגער גע־קנייטשט פּנים איז געווען פֿאַרבלאַסט, האָט אָנגעוויזט עלנטקייט און טרויער. אין זיינע קינדערשע אויגן האָט געגרוט פֿרייד און גוטסקייט...

— אַן אייביקער וואָקזאַל דעם מענטשנס לעבן, — האָט ער שטיל געזאָגט. קיין שטאָט מאַכט דיר ניט אַזוי אומרואיק ווי שיקאַגע. די שטענדיקע ווינטן שפּילן ווי אויף סטרונעס. ס'איז אַ שטאָט פֿון גרויס־כאַראַקטער... די באַנען וואַרפֿן דאָ אַריין אינעם קאָכיקן קעסל נייע שטראָמען מענטשן. און באַנען נעמען צו די אויסגע־שעפּטע, קראַנקע. זיי פֿאָרן אין דער וויטער „וועסט" קאַליפֿאָרניע! אַריזאָנאַ! וואָרעמען זייערע שיטערע מוסקולן, צעטרייסלטע ביינער.

האָסט אין מיר אויפֿגעוועקט וואַנדער־לוסט. עס וועט ניט דויערן לאַנג... — וועל נעמען מיין אַלטן אויסגעפּרוווטן טשעמאָ־דאַן — אַריינוואַרפֿן אַ פּאָר העמדער... און צוריק מעסטן דאָס לאַנד...

— נו, פֿאַרגעס ניט שרייבן ברודערקע!...

באַלד איז שוין מאָטל געווען אויסגעמישט מיטן שטראָם פּאַ־סאַזשירן. און דער נייער חבר זיינער האָט לאַנג געוויגט אַ האַנט איבער אַלעמענס קעפּ...

אויפֿן וועג צו דעטרויט

די באַן מיט אַכט רויטע אָפּגעקראָכענע וואַגאָנען האָט זיך גע־פּלאָנטערט אין די נעצן ליניעס, וואו עס זיינען געלעגן אָנגעשאָטן

בערג מיט קוילן. לאָקאָמאָטיוון האָבן געבלאַנדזשעט געזוכט זייערע באַנען.

ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ באַן פול מיט סאָלדאַטן. פון אַלע פענ־צטער האָבן אַרויסגעקוקט יונגע פנימער. — די מלחמה איז אַריבער. האַרמאַטן שטומען. שווערדן שלאָפן אין שיידן... — וואַגאָנען מיט עופות שטייען. העגער, הינער, רוקן אַרויס זייערע קעפּ דורך שטאַ־כעטן. זייערע אָנגעצונדענע קאָמען רויטיקן דעם דרויסן, ווי ווילדער מאָן. אויך קאַטשקעס האָלטן אַרויסגעשטעקט ביינערנע געלע שנאָב־לען. זייערע קליינע אויגעלעך האַלב פאַרמאַכט.

די באַן שלעפּט זיך. אַלע פּופּצן צוואַנציק מינוט בלייבט זי שטיין ביי אַ וואָקזאַלכל. די שטעטלעך ליגן צעוואָרפן. הייזער גע־פאַרבטע וויט אָפּגעטראָטענע. פעלד און רחבות אַרום.

אין די בייטאָגן קוקן אויס די שטעטלעך פאַרלאָזענע אומעט זינגט אַרויס פון פאַרמאַכטע פענצטער, פאַרשטילטע גאַניקעס. קינ־דער זיינען אין שולן. מענער צעפּאַרענע... פרויען אין קראָמען, געשעפטן, פאַרשטעלטע אין צימערן. אויך הינט גייען ניט אַרום הפקרדיק...

ווען די באַלעבאַטים קומען זיך צוזאַמען, פירט מען זיי מיט לעדערנע פאַסיקלעך, מיט קייטלעך... שענקען ווערן פול מיט רוי־כערדיקע, טרינקענדיקע. מאַנסבילן, אויך פרויען! ליכט שימערן טונקל. עס לייכטן זיך דורך פלעשער וויין און שנאַפּסן. זיי כישופן אין זייער גליאונג די טרינקער...

אָנגעאַרבעטע מענטשן שטייען און זיצן. מען באַרעדט די גע־זעצן פון לאַנד... מענער מיט מענער קושן זיך. אָפּט צעקיילט מען זיך.

אויסגעמיטן די שטעטלעך, האָט זיך די באַן צעסאָפּעט, צע־יאָגט, צערודערט. עס האָבן זיך באַוויזן פעלדער מיט פאַרגעסענע סנאָפּעס פון קוקערוזע. זיי זיינען פאַרשוואַרצטע פון רעגנס, צעשוי־בערטע פון ווינטן. פעלד־יתומים! — גלייך מיט די נאַקעטע שטיי־נער געשפּרענקלטע אין פּיאַלעטענע קייקלעך. גלייך מיט די אויס־געמאָגערטע צעקרימטעביימער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון

זעגן, העק... איבערגעבליבענע שומרים פון אַ געדיכטן וואַלד־פּאַלק; וואו עס האָבן זיך געווידמעט חיות, פייגל.

איצט פליט דורך אַ מאָל אַ פאַזאַן. אויך זעט מען ווילדע ענט־לעך אויף שטאַרקע שטראָמען. פון גערודער און באַן יאָגעניש, — הייבן זיי זיך אויף מיט אויסגעצויגענע סאַמעטענע העלזלעך. — גלאַנציקע, גרינע, אויסגעבאָדענע.

מאָטל הערט די דינע יתומים־ביימער וויינען אין ווינט.

דעטרויט! דעטרויט! האָבן קאָנדוקטאָרן זיך איבערגעשריען...

אין האָטעל

אַרויפגעקראָכן אַ רייע הילצערנע טרעפּ, וועלכע האָבן גע־קרעכצט, האָט מאָטל אָפּגעשלאָסן די טיר. עס האָט אַ שלאָג געטאָן היץ, און אַ דראָבנער לויפן פון מייז. איבערן וואַנט לעבן בעט זיינען פעטע שוואַרצע פרייסן צעפּוזשעטע געלאָפן. ער האָט אָפּגערוקט די שווערע בעט. — די לויזע שויבן האָבן געציטערט... עפענען דאָס פענצטער האָט ער זיך גוט פאַרמאַטערט. אַלס צוגאָב פאַרקוועטשט אַ פינגער, און זיינע הענט זיינען געוואָרן שוואַרץ. די אַביטשעס האָבן זיך געשיילט, און די קאַלך פון דער סטעליע אָפּגעשפּרונגען. אינמיטן צימער זיינען געשטאַנען אַ פּאָר שטולן איבערגעצויגענע מיט געפּאַסעוועטע צייג. די הילצערנע אַנלעגס אויסגעבערענט פון פּאַפּיראָסן. אויך אַ שופליאַדל איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל אַ געצירעוועטע מיט אָפּגעפליקטע פרענז...

אין באָד־צימערל איז געווען איינגעמויערט אַ וואַנע, צעשציר־בעט ביי די ברעגן און אויפן דעק. אַ שפּיגל איינגעפּעסטיקט אין וואַנט אַ פאַרהויכטער, אַ פאַרצויגענער מיט גרינע פּאַסן. פליגעלעך, פאַרחלשטע זשוקלעך האָבן דאָ געפירט זייער ממשלה.

אַן אַרומגעוואַשענער, אַן אָפּגעפרישטער, איז ער אַרויס פון באָד־צימער. זיך אַריינגעזעצט אין וויגנדיקן שטול — און גלייך אויפגעשפּרונגען. די ספּראָנזשינע האָט אים אַ ביס געטאָן ווי אַ שלאַנג ער האָט אַראָפּגענומען די דעקעס. די ליילעך אַ גראָבע האָט

זיך געבערגלט. ער האָט מיט זיינע קילע הענט דורכגעגלעט דאָס ליילעך. פאַרלאָשן די ליכט און אַריין אין בעט. זיך אונטערגערוקט אונטער די דעקעס, האָט אים פאַרקלונגען אין די אויערן. אויף דער צווייטער זייט וואַנט האָבן זיך געקריגט מאַן און ווייב, אינדרויסן האָט אַ בלעך זיך געקלאַפּט אין ווינט. און פרייסן האָבן זיך ניט געפוילט געלאָפן איבער זיין פלייצע. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אַראָפּ פון בעט געדרויכערט סיגאַרעטן, געפייפט שטיל אומעטיקע לידלעך. שפּעטער האָט ער געפילט אַלע וויטאָגן פון וועג רינען אָפּ און דער שלאָף האָט געמאָלן חלומות, — אים געטראָגן דורך וואונדער לענדער...

אַ שפּאַציר אין דעטרויט

פרי איז מאָטל אַרויס איבער די שטילע היים־גאַסן פון דעטרויט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. בייזע שאַרע כמאַרעס געטריבענע פון שאַרפע ווינטן, האָבן געטראָגן אין זייערע פאַלעס און בוזעמס האָגל שניי און ווינטער. די ווינטן האָבן געווינט איבער די טעלעגראַף־דראָטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געהוידעט איינזאַמע אומעטיקע פייגל. שטיל זיינען געשלאָפן די הילצערנע הייזער מיט הויכע פאַרצווייגטע ביימער אין שריינגעס. הינט זיינען געלאָפן געשנאָפּט די טראָטואַרן, געבייזערט אויף די קעץ, וועלכע האָבן געריטן אויף מיסט־פּעסלעך.

מאָטל איז אַריין אין דער ברייטער פאַרמויערטער גאַס. די געשעפטן זיינען געווען געשלאָסן. עס האָבן זיך באַוויזן באַלויכטענע טראַמווייען מיט איינציקע פּאַסאַזשירן. אויך אָטאָמאָבילן האָבן דורכגעיאָגט. נאָר קיין פערד האָט מען ניט געזען. מיסטער פאָרד האָט פאַרטריבן די לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס פירקען הירזשען, שיסן פונקען פון פּאַדקעוועס. זיי פאַרביטן אויף אַלטע טאַרערייקעס מיט דינע גומענע רעדער, הויכע בוידן וואָס העצקען. אויך אָפענע מאַשינען אָן דעכער, אָן פענצטער, רויכערן, טומלען, ווי וואַגאַבונדן. אויך נייע אָטאָמאָבילן גלאַנציקע, וואָס שווימען ווי ליכטיקע שיפן.

טיפע פרייד, האָט מאָטלען אַרומגענומען ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער אידישער געגנט. באַזילבערטע, באַגילדעטע אותיות אידישע האָבן אַראָפּגערעדט פון שילדן, אויף פענצטער.

איינגעקויפט אַ אידישע צייטונג, און מיט גליאיקע פינגער גע־מישט. מיט דער אָפענער צייטונג אַריין אין אידישן רעסטאָראַן. דער בעל־הבית מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, האָט אים שמייכלענדיק באַגריסט. ביי אַ טישל איבערגעדעקט מיט אַ ברולירנדיקע טישטעך איז מאָטל געזעסן. אַ זופּ געטאָן קאווע. אַריינגעצויגן רויך פון פּאַפּי־ראָסל, און זיך אַריינגעטאָן אין די אידישע דעטרויטער נייס. — לעבן זאָלן אידן! — האָט ער שטיל געמורמלט: — פון ניו־יאָרק! ביז לאָס אַנגעלעס! איין גרויסע משפחה. אָפענע הערצער, הענט פאַר צדקה, הילף...

אַ ווײַלע אַרום איז שוין מאָטל געווען אויפן גאָס, זיך אַרויפ־געכאַפּט אין אַ פּיל פענצטערדיקע פאַרנדיקע שטוב. ער האָט נייגע־ריק אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער. דעטרויט האָט אויפגעוואַכט. דעטרויטער איינוואוינער האָבן זיך געצויגן אין מענגעס צו דער גרויסער תפילה פון אַרבעט...

פאָרדס קעניגרייך

ווי אַ קיילעכדיקער שטיינערנער באַרג שטייט די „רעטאָנדע" פאָרדס אויפנאָם־הויז.

אינעם ערשטן צימער שטייט אַ לאַנגער מאַסיווער ברוינער טיש. די געסט וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן באַקוקן פאָרדס פאַ־בריקן; זיצן שטילע, אויף לעדערנע געבעטע שטולן. זיי האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף געלע קאַרטלעך: מיסטער פאָרד! איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך, — וואָס מיט זיי וועט פּאַסירן... די קאַרטלעך האָבן אָנגעוויזט שרעק...

פון אַ גרויסן בילד אויפן וואַנט, האָט אַראָפּגעקוקט מיס־טער פאָרד! אַ דאַרער איינגעצויגענער פּנים. אומעט און פאַר־שטיינערטקייט אין זיינע גרויע אויגן. פאַרבאַהאַלטענער סאַרקאַזם אויף זיין מויל, אין די ווינקלען שטומער שפּאָט, הערשערישקייט.

עס הענגען אויך בילדער פון שווערע מאַשינען וואָס געפינען זיך אין די פאַבריקן. אין צוויי גרויסע באַלויכטענע זאַלן זיצן אָפיס־אַרבעטער. מענער, פרויען, אין זויבערע געפרעסטע קליידער. עס קלינגען אויף די טישלעך טעלעפאָנען. מען רעדט שטיל דורך טרייב־לעך, ווי געסודעט... עס קלאַפּן שרייב־מאַשינקעס. פאָונטן־פּענס רעדן ווייך. פיל פּאַפּירן שאַרשקען. פלענער, בריוו, קאָנטראַקטן, טע־לעגראַמעס, ווערן פון די צוויי זאַלן צעשיקט איבער דער וועלט...

אַ ווײַלע אַרום איז שוין מאָטל געזעסן מיט די אָנגעפּאָרענע געסט אין אַ בלויען גלעזערנעם אָטאָמאָבוס. שטיל, פּאַמעלעך, איז די גרויסע מאַשין געשוואומען. די געסט זיינען פאַרבלויט געוואָרן... אַלע געביידעס, פאַבריקן מיט די הויכע קוימענס, האָבן זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ לעגענדע... אַן אָנגעגוואָקסענע גרויסע בלויע שטאָט מיט ציטערדיקע פענצטער. אַ רוישן הינטער ווענט, ווי ווייטע דו־נערן אונטער שווערע וואָלקנס, האָבן ווייט אָפּגעהילכט...

שיפן, באַנען, פאַבריק־קוימענס! און איבער אַלעם פּאַרדס נאָ־מען. גרויסע שטחים לאַנד פאַרנעמט „ריווער רוזש". און די גאַנצע געגנט אַרום, וואו עס שטייען איינע לעבן די אַנדערע טויזנטער אָטאָ־מאָבילן, — אין וועלכע די אינזשינערן, אַנגעשטעלטע, קוואַליפי־צירטע אַרבעטער קומען צופאָרן דינען דעם מעכטיקן רעדערדיקן קעניג...

אָטאָמאָבילן ווערן געבאָרן

מאָטל שטייט אַ פאַרציטערטער. איבער זיין קאָפּ קריצן וואַ־גאָניעטקעס. עס ברענען גרויסע צעעפנטע אויוונס מיט העלישע פלאַמען. עס בליצט, עס דונערט פון אַלע זייטן, ווי פון אַ וואָלקן־בראָך. עס זיצן מענטשן ווי שוואַרצע אויסטערלישע פייגל ביי די מאָטאָר־זייגערס. זיי גיבן אַכטונג, מעסיקן די פייערן, וואָס שלאָגן פון די גיהנום־מיילער. לאַנגע אייזערנע שטאַנגען קערן איבער די וואַ־גאָניעטקעס מיט שטיקער אייזן און שטאָל. די פייערן כאַפּן אַריין די קאַלטע האַרטע מעטאַלן — צעגליען, צעשמעלצן, גיסן זיי אויף אין פייערדיקע קערפּערס. די זון האָט זיך אָפּגעריסן פון די הימלען

און אַ געפאַנגענע, אַ צעשניטענע, בלוטיקט זי אין פאַרדס פאַבריקן...

די אויוונס וואַרפן אַרויס די שווער־טאַניקע, פלאַמיקע, שטאָ־לענע קערפּערס. איבער אַלעמענס קעפּ שווימען זיי ווי ברענענדיקע טייכן. זיי פאַלן אַריין אין שווערע פורמעס. האַמערן שלאָגן פון אַלע זייטן מיט בליצן, פונקען, רעש און אַרמידער. און פון אַלע הויכ־קייטן, נידערנישן, לוגן אַרבעטער. ווען די ברענענדיקע שטאָלענע קערפּערס קומען צו זייער לעצטער סטאַדיע, גיט אַ פלייץ אויף זיי שטראָמען וואַסער. און זיי פאַלן אַרויס אָפּגעקילטע, אויסגעלייטער־טע פון גיהנום...

עס שטייען נאַקעטע מאַטאָרן ווי גרויסע פאַרשלאָסענע הער־צער, אָן פּולס, אָן גערויש. זיי באַוועגן זיך פאַמעלעך אויף דער ברייטער פּלאַטפאָרמע. אַרבעטער מיט צוואַנגען אַנדערע געצייגן, וואַרפן זיך אויף זיי... איינער נאָכן אַנדערן רוקן זיך די גולמים. מען טוט זיי אָן בלעכענע קאָסטיומען. די אַרבעטער וואַרפן זיך אויף זיי אויף דער גאַנצער שלאַכט־ליניע...

האָ! זיי זיינען שוין אַנגעטאָן אין טירן. עס בלישצען פענצטער. די לאַנגע פּנימער מיט גרויסע אויגן... מען זעט שוין ווייכע אויס־געבעטע קישנס. און די קיילעכדיקע רודערס מיט קאַרבן. פאַרער זאָלן ניט אויסגליטשן די הענט. מען זעט שוין אין גלאָז איינגעפּאַסט דעם גאַז־זייגער, דעם וואַסער־ווייזערל, דעם אויל מעכאַניזם, און דעם היץ־טערמאָמעטער. — וואָרענונגען: — דער מענטש וואָס וועט זיצן ביים רודער... — — —

און ביים סוף פון באַוועגלעכן בריק זיינען שוין געשטאַנען אַראָפּגעשפּאַנטע, פאַרטיקע, אָטאָמאָבילן, טראָקס מיט פולע אָנגע־פּוישטע גומענע רעדער — גרייטע צו פאָרן איבער אַלע וועגן...

די לעצטע סטאַנציע

די באַן האָט געיאָגט צו ניו־יאָרק. מאָטל איז געזעסן איינגע־נוערט, געקוקט אויף די פאַרשנייטע פעלדער. אומעט, פרייד און בענקשאַפט האָט זיך אין אים געמישט. ווען ער האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק און די באַנען האָבן אים געפירט דורכן גרויסן לאַנד האָט ער

געזען די ערד אַן אויפגעוואַכטע, אַ גרין־געדעקטע. וויגנדיקע גראָזן. פאַרבלעטערטעביימער. איבער די פעלדער: רינדער, שעפסן, פערד. עס האָט זיך געטראָגן אַ מעקעריי, אַ הירזשעריי. די היימישע חיות האָבן גערעדט, דערציילט. קולות פון פייגל און עופות. אַ זשומעריי פון בינען איבער בלומען. אַ זעגן פון גרילן. אין די זומפן — אַ קוואַקען פון זשאַבעס.

שטראָמען, טייכלעך, זיינען געלעגן אָפּגעדעקטע, פלייצנדיקע, דורכגענומען מיט הימלישע בלויקייטן, מיט גרינע קאָלירן פון פעלדער, מיט בליציקייט פון זון. איצט איז אַלץ איינגעשלאָפן איינגעפראָרן, צוגעדעקט מיט שנייען. דער הימל איז באַדעקט מיט וואָלקנס. די ווינטן פייפן און וויינען. שמאָלע טייכלעך ליגן איינגעשמידטע. פייגל האָבן אַוועקגעוואַנדערט, חוץ די וואָראָנעס וואָס שלאָפן אויף בית־עולמס. מען זעט זיי פליענדיק איבער פאַרשנייטע פעלדער. זייערע קליינע אויגעלעך אָנגעצונדענע ווי ביי גזלנים. די שוואַרצע באַפעדערטע קערפּערס וואַרפן שאָטנס אויפן שניי. זייער קראַקעריי דערציילט פון הונגער, קעלט און זאָווערוכעס...

זיין רייזע האָט זיך אויסגעוויקלט. געזען דאָס לאַנד פון ברעג צו ברעג. געשטאַנען אויף די העכסטע בערג. אונטער די פיס — אויסגעשפּרייטע וואָלקנס. געמאָסטן גרויסע שטרעקעס לאַנד מיט אָטאָמאָבילן, באַנען... זיך געסודעט מיט ווינטלעך. בלומען, אויף צאַרטע שטיינגלעך, האָבן זיך צו אים גענויגט. געזען טויזנטער פאַרמערס. קליינע פראָסטע שטיבער, פאַרגאַרטלטע מיט ביימער, בלומען. דורך נעכט האָבן פייערלעך געציטערט ווי שטערן וואָלטן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. די רייזע איז שוין ווי אַ גרויסער שיינער פאַרפלויגענער חלום...

מאָטל מיט ביידע טשעמאָדאַנען אין די הענט איז שוין אין דעם גרויסן באַלויכטענעם וואָקזאַל, פון וואַנען ער איז מיט מאָנאַטן צוריק געפאָרן אויסקוקן דעם גרויסן לאַנד. אין וואָקזאַל, ביי די איינגעשמידטע פענצטערלעך שטייט מען אין שעריינגעס מיט אָנגעגרייטע גרינע דאָלאַרן. מען קויפט בילעטן. מען רייזט. פון אַלע

אַרויסגאַנגען שטראָמען מענטשן אין דער מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק. ווי אַנטקעגנדיקע טייכן וואָלטן געפּליוצט...

פרייד און אומעט זינגט אין מאָטלען, טרעטנדיק אויף די טראָטוואַרן פון ניו־יאָרקער גאַסן. אַ פּויק האָט זיך פאַרקליבן אין זיין האַרץ. האַמערן אין די שלייפן. ער פילט ניט די קעלט...

ס'איז נאָך פרי אין אָוונט. די ריזיקע שטאָט איז אָנגעפּלייצט מיט ציטערדיקע פייערן. די הויכע מויערן פאַרנעפּלט אין די שפּיצן. ווי קאָלאָראַדער בערג זיינען געקומען אַהער...

ניו־יאָרק! ניו־יאָרק! אין דיין שטיינערנעם שויס שווענקען גרויסע טייכן. האַלב רינגלט דיר אַרום דער אַטלאַנטישער ים, זיבן מיליאָן מענטשן רעדן אין דיר אַלע זיבעציק לשונות. פון אַלע לענדער זיינען זיי אָנגעשוואומען, זיי האָבן דיך פאַרטראַכט, אויסגעבויט און אויפגעהויבן צו די הימלען...

ביים טיר פון זיין צימער, האָט מאָטל אויפגעזוכט דעם שליסל. די פינגער האָבן אים געציטערט. ער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מורא און סודות. ער האָט געעפנט די טיר און פאַרליכטיקט דעם צימער. געשטאַנען אַ ווייַלע פאַרבלענדט, פאַרווירט... אויפן טישל איז געלעגן אַ טעלעגראַמע. ער האָט אויפגעציטערט. — שטיל און אומעטיק געבליבן שטיין: דער בעל־הבית רופט אים אין שאָפּ...

דער לאָמפּ איז שוין געווען אויסגעלאָשן. און מאָטל איז שוין אַן איינגעדעקטער ווייט געשוואומען אין שלאָף. דער וועק־זייגער אויפן טיש האָט הויך געציילט די סעקונדן...— פאַרטאָג וועט ער זיך צעשרייען, צעקלינגען. ער וועט אויפוועקן מאָטלען צו דער אַרבעט...